STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00959

YIDISHE FOLKS-MAYSES

Y. L. Cahan

*Permanent preservation of this book was made possible
by Herbert M. Lee
in memory of
Jonathan Philip Lee*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. כהן

געזאַמלטע כתבֿים

באַנד V

ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ
ווילנע / 1940

י. ל. כהן

ייִדישע פֿאָלקס-מעשׂיות

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט
פֿילאָלאָגישע סעקציע
ווילנע / 1940

Žydų Mokslo Institutas
Yiddish Scientific Institute
J. L. CAHAN
Rinktinai raštai, tom V
Žydų tautosakos
Collected Writings. V
Jewish folktales

PRINTED IN LITHUANIA

דער מאַטעריאַל, וואָס קומט אַרײַן אין דער זאַמלונג, טראָגט נישט קיין אײנהײטלעכן כאַראַקטער. דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס טײל זאַכן זענען שוין געווען געדרוקט און ממילא רעדאַקטירט, אַנדערע ווידער האָבן מיר געפֿונען אין י. ל. כּהנס עיזבון אין כּתבֿ־יד. צווישן די געדרוקטע מעשׂיות גופֿא איז אויך פֿאַראַן אַ חילוק אינעם אופֿן, ווי אַזוי כּהן האָט זײ רעדאַקטירט: טײל זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דיאַלעקט, אין אַנדערע זענען פֿונעם דיאַלעקט אָפּגעהיט בלויז אײניקע סימנים. אויך די כּתבֿ־יד־מאַטעריאַלן זענען ניט אײנהײטלעך: צווישן זײ זענען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען נאָך פֿאַרשריבן גאָר אויף רוי, מיט אַ בלײַער און אַנדערע, וואָס זעען אויס ווי צוגעגרײט צום דרוק.

אין די מעשׂיות, וואָס זענען שוין געווען געדרוקט, האָבן מיר דעם אויסלײג מאָדערניזירט. די כּתבֿ־יד־מאַטעריאַלן האָבן מיר געלאָזן ניט אָנגערירט, פֿאַרגינענדיק זיך נאָר צוצוגעבן גראַפֿישע סימנים, ווי אַ פּאַסיק איבער אַ פּֿה, אַ קמץ אונטער אַן אַלף אאַז״וו.

אין קאַנטיקע קלאַמערן זענען אַרײַנגענומען קעפּלעך, ווערטער און אותיות, וואָס מיר האָבן אַליין צוגעגעבן.

באַריכותדיקע באַמערקונגען וועגן דעם אופֿן רעדאַקטירן דעם מאַטעריאַל, ווי אויך פֿלערלײ הערות סײַ כּהנס סײַ אונדזערע וועגן איטלעכן נומער באַזונדער וועלן אַרײַנקומען אין לעצטן באַנד פֿון דער איצטיקער אויסגאַבע.

דעם באַנד פֿאָלקס־מעשׂיות האָט צוגעגרײט צום דרוק נחמה עפּשטײן אונטער דער רעדאַקציע פֿון ד״ר מאַקס ווײַנרײַך.

אינהאַלט

1. דאָס ווינטשפֿינגערל 9
2. די דרײַ שטומע ברידער 16
3. אַ מעשׂה פֿון אַ נאַר 18
4. בעבעלע 22
5. דאָס שטאַרקע ייִנגל 26
6. דער רופֿא און דער שוסטער 35
7. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקע מיט אַ סך קינדערלעך. Iטע מעשׂה . 38
8. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקע מיט אַ סך קינדערלעך. IIטע מעשׂה . 41
9. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקע מיט אַ סך קינדערלעך. IIIטע מעשׂה . 43
10. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקע מיט אַ סך קינדערלעך. IVטע מעשׂה . 44
11. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקע מיט אַ סך קינדערלעך. Vטע מעשׂה . 45
12. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקע מיט אַ סך קינדערלעך. VIטע מעשׂה . 47
13. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקע מיט אַ סך קינדערלעך. VIIטע מעשׂה . 49
14. משלהע און שײַנדעלע. Iטע מעשׂה 50
15. משהלע און שײַנדעלע. IIטע מעשׂה 54
16. אַ מעשׂהלע פֿון אַ מײדעלע אױפֿן שפּיץ קלױסטער . . . 57
17. אַ מעשׂהלע פֿון אַ נאַר מיט אַ קלוגן. Iטע מעשׂה . . . 60
18. אַ מעשׂהלע פֿון אַ נאַר מיט אַ קלוגן. IIטע מעשׂה . . . 68
19. [אַ מעשׂהלע פֿון אַ הענדעלע מיט אַ קעצעלע] 71
20. דאָס מזל 75
21. אַ מעשׂה פֿון אַ גילדערנער פֿעדער 78
22. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקעלע מיט היהלעך 84
23. דער וואָרטזאָגער 86
24. אַ מעשׂה פֿון אַ פֿאַרטריבענער קיניגס-טאָכטער 91
25. דער ליבעסטרונק 99
26. דער כּישוף-מאַכער און זײַן תּלמיד 102

27. דאָס העלדישע שניידערל 108
28. דאָס קלוגע מיידל 119
29. די דריי הויקערלעך 123
30. די צען ווייבער 127
31. אַ מעשׂה פֿון אַ קלוגן גנבֿ 129
32. אַ מעשׂה פֿון אַ פּריץ מיט אַ גלח 137
33. אַ מעשׂה פֿון אַ ייִדישן סאָלדאַט 143
34. פֿאַר וואָס דער קאָפּ ווערט פֿריִער גראָ פֿאַר דער באָרד 151
35. דער אוצר אין שטעקן 155
36. ווי אַזוי פֿינף טויבע האָבן זיך צונויפֿגעגערעדט 158
37. נאָטקע גנבֿ און בן־נאָטקע 161
38. דער שטריקדרייער 167
39. אַ מעשׂה פֿון אַן אָרעמען און רייכן ברודער 173
40. ווי אַזוי אַ קלוג שניידערל איז געוואָרן אַ חזן 178
41. דער דאַנקבאַרער מת 182
42. אַ מעשׂה פֿון אַ געשייטן גנבֿ 189
43. די חכמה און דאָס מזל. Iטע מעשׂה 206
44. די חכמה און דאָס מזל. IIטע מעשׂה 213
45. אַ רעטעניש־מעשׂהלע 218
46. אַ ליגן־מעשׂהלע 220
47. [אַ ליגן־מעשׂהלע מיט צוויי ברידער] 224
48. [אַ מלמד בלייבט אַ מלמד און דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן] 225
49. [דער רבי און דאָס קעלבל] 228
50. [ביט קיין באַראַן, נאָר אַ באַראַבאַן] 230
51. [ווי אַזוי אַ מאַן האָט זיך געראַטעוועט פֿון טויט] 232
52. [דער ייִד און די זעלנער] 234
53. [אַ מעשׂהלע פֿון אַ שדכן] 235
54. [אַ מעשׂהלע פֿון חוזקן] 236
55. [אַ מסורה וועגן אַ תקיעת־כּף] 237
56. [אַ מסורה וועגן אַן איינגעזונקענעם קלויסטער] 238

1. דאָס ווינטש־פֿינגערל

אין אַ דאָרף לעבן אַ קליין שטעטל האָט געוווינט אַן אָרעמער ייִד מיט אַ ווײַב און מיט אַ קליינעם זון. דער ייִד פֿלעגט אַלע טאָג גיין אין וואַלד אַרײַן קלײַבן קשאַקעס* און לעגט דאָס פֿירן אין שטאָט אַרײַן צו פֿאַרקויפֿן, און פֿאַר דעם געלט, וואָס ער פֿלעגט דערפֿון אָפּלייזן, האָט ער בלויז געהאַט אָף קאַשע פֿאַרן ווײַב מיטן זון, און דערפֿון האָבן זיי געלעבט.

איין מאָל, ווען דער ייִד איז געגאַנגען אין וואַלד אַרײַן קלײַבן קשאַקעס, האָט ער געכאַפּט אַ דרימל בײַ אַ בוים פֿונעם וואַלד. איז אים צו חלום געקומען עפּעס אַן אומבאַקאַנטער מענטש און האָט געזאָגט צו אים: „הײַנט זאָלסטו גיין אין אַן אַנדער זײַט פֿונעם וואַלד, נישט ווי אַלע טאָג, און דאָרט וועסטו טרעפֿן אַ ציג, און אָפּן ציגס פֿוס וועט הענגען אַ גאָלדן פֿינגערל. זאָלסטו דאָס פֿינגערל צונעמען צו זיך און זאָלסט נישט דערציילן פֿאַר דײַן פֿרוי, און זאָלסט דערמיט איבער קיין וואַסער נישט פֿאָרן, ווײַל דאָס איז אַ טײַער ווינטש־פֿינגערל, זאָלסטו דאָס נישט פֿאַרלירן; ווײַל דורך דעם פֿינגערל וועסטו קענען באַקומען פֿון אַלץ אָף דער וועלט, וואָס דו וועסט נאָר פֿאַרלאַנגען און וואָס דו וועסט זיך נאָר ווינטשן. דאַרפֿסט בלויז אָנטון ס'ווינטש־פֿינגערל אָפּן פֿינגער און אַ זאָג טון: 'פֿינגערל, פֿינגערל, כ'פֿאַרלאַנג פֿון דיר דאָס און דאָס!' וואָס דו וועסט זיך נאָר ווינטשן, אַפֿילו דאָס טעלערל פֿון הימל, וועט עס באַלד ווערן.“ און אין מיטן חלום האָט ער זיך

---

* קוסטעס, אָדער קליינע צווײַגן פֿון ביימער.

אופגעכאַפּט. האָט ער זיך מיט זיך אַליין געאַמפּערט, צי זאָל ער גיין אין יענער זייַט, ווו דער מענטש האָט אים געהייסן, צי נישט. און דאָך האָט ער באַשלאָסן צו גיין. און ווי ער איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, איז אים אַ ציג געלאָפֿן אַנטקעגן מיט אַ גאָלדן פֿינגערל אָפֿן פֿוס. האָט ער אַראָפּגעצויגן פֿון איר דאָס פֿינגערל און האָט עס אָנגעטון אָף זייַן אייגענעם פֿינגער, און דערנאָך איז ער געגאַנגען אין שטאָט אַרייַן פֿאַרקויפֿן די קשאַקעס, אַזוי ווי אַלע טאָג, און פֿאַרן געלט האָט ער אַהיימגעברענגט קאַשע פֿאַר זייַן ווייַב מיטן זון.

איין מאָל, ווען ער איז אָנגעקומען מיט די קשאַקעס אין אַ געוויס שטעטל, האָט ער געזען, ווי מע מאַכט ליציטאַציע אָף אַ הויז, איז ער אויך געלאָפֿן אַהין, ווו אַלע זענען געשטאַנען. אין דער מיט הערט ער, ווי מע רופֿט אויס, ווער ס'וויל געבן צען טויזנט רובל פֿאַרן הויז. רופֿט ער זיך אָן, אַז ער גיט מער, פֿופֿצן טויזנט. איז געוואָרן אַ טומל צווישן די מענטשן, אַ געראַטשקע: „אַזאַ אָרעמאַן! פֿון וואַנען האָט ער אַזוי פֿיל געלט?“ האָט מען אים פֿאַרהאַלטן און מע האָט אים אָנגעזאָגט: „אַז אויב דו וועסט אין משך פֿון דרייַ טעג נישט ברענגען דאָס געלט, וועט מען דיך אייַנזעצן אין תּפֿיסה“. אַרויסגייענדיק פֿון דער ליציטאַציע, איז ער צוגעגאַנגען אין אַ ווינקל און האָט אַ זאָג געטון צום פֿינגערל: „איך פֿאַרלאַנג פֿון דיר אַ סומע געלט, וואָס איך האָב צוגעזאָגט פֿאַרן הויז“. און אַזוי ווי ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, זעט ער, ווי פֿאַר זייַנע פֿיס ליגט דאָס געלט. איז ער מיט דעם געלט געגאַנגען צום קאָמאָרניק פֿון דער ליציטאַציע און האָט עס אים אָוועקגעגעבן. האָט דער קאָמאָרניק אָף אים אָפּגעשריבן דאָס מאַיאָנטיק, וואָס ער האָט געקויפֿט, אָבער זייַן ווייַב האָט דערפֿון נישט געוווּסט, און ער האָט זיך ווייַטער פֿאַרנומען מיט קלייַבן קשאַקעס, כּדי ער זאָל האָבן פֿאַר זייַן ווייַב אויף קאַשע. נאָר איין מאָל האָט ער זיך באַקלערט, אַז מע דאַרף עפּעס אופּטון מיט דעם הויז, וואָס ער האָט אַ מאָל

געקויפֿט אין אַ שטעטל, האָט ער פּלוצעם אַ זאָג געטון צו זײַן ווײַב: „פּאַק אײַן דײַן ביסל ווערטשאַפֿט, ס׳טישל נ.יטן בענקל, און מיר וועלן פֿאָרן אין שטאָט אַרײַן“. האָט דאָס ווײַב אײַנגעפּאַקט ס׳ביסל ווערטשאַפֿט, און דער פֿאָטער מיטן זון האָבן אַרײַנגערופֿן דעם פֿורמאַן פֿון דאָרף, און מ׳האָט ס׳גאַנצע ווערטשאַפֿט אַרופֿגעלייגט אָף אַ וועגעלע און געפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן. אָפּפֿאָרנדיק אַ שטיקל וועגס, איז דאָס פֿערד מיטן וועגעלע אַרײַן אין אַ זומפּ און מע האָט עס נישט געקענט אַרויסשלעפּן. האָט דער ייִד גענומען צוויי רובל און האָט געגעבן דעם פֿורמאַן און האָט אים נאָך דערצו איבערגעלאָזט זײַנע אַלע זאַכן און איז מיט זײַן פֿאַמיליע אַוועק אין שטאָט אַרײַן, צו פֿוס. אַרײַנקומענדיק אין שטאָט, איז ער אַוועק צו זײַן הויז, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעקויפֿט אויף דער ליציטאַציע. דערנאָך האָט ער אַהין אַרײַנגעפֿירט זײַן ווײַב מיט זײַן זון און האָט באַפֿוילן זײַנע באַדינערס, אַז זיי זאָלן פֿאַר זיי מאַכן די געשמאַקסטע עסנס. האָט מען זײַן באַפֿעל אויסגעפֿאָלגט און מע האָט אַרײַנגעבראַכט אַזוינע געשמאַקע און טײַערע עסנס, וואָס זיי האָבן נאָך אָף זייער גאַנצן לעבן נישט פֿאַרזוכט. האָט דער ייִד מיט זײַן זון זיך צוגעכאַפּט צו די געשמאַקע עסנס מיט גרויס אַפּעטיט, אָבער דאָס ווײַב האָט נישט געוואָלט עסן, באַוויַיל זי איז נישט געוווען געוווינט צו אַזאַ גוטן עסן, און די דינסטן האָבן נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס זייער מאַדאַם וויל נישט עסן זייערע עסנס. האָבן זיי געפֿרעגט זייער בעל־הבית, פֿאַר וואָס די מאַדאַם וויל נישט עסן. האָט ער זיי געזאָגט, אַז פֿאַר זײַן ווײַב זאָל מען קאָכן פּראָסטע קאַשע, און דאָס האָט זי שוין יאָ געגעסן. און אין מיטן עסן קלאַפּט אָן אַן אַלטיטשקער ייִד אין טיר, רופֿט מען אים אַרײַן און ער זאָגט: „גוט מאָרגן! אפֿשר ווילט איר, איך זאָל לערנען אײַער זון תּורה, באַווײַל איר זענט פֿון אַ דאָרף, קען אײַער זון נישט לערנען“. איז דער פֿאָטער באַשטאַנען צו געבן זײַן זון צו דעם אַלטיטשקן ייִד, אַז ער זאָל לערנען מיט אים תּורה.

אין אַ קורצער צײַט אַרום איז דער פֿאָטער קראַנק געוואָרן און ער האָט געהאַלטן בײַם שטאַרבן. האָט ער צוגערופֿן דעם זון און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשׂה, פֿון וואַנען זײַן פֿאַרמעגן קומט. און ער האָט אים געוויזן דאָס ווינטש־פֿינגערל און ער האָט עס אים איבערגעגעבן און אָנגעזאָגט: „דײַן ווײַב זאָלסטו נישט דערציילן פֿונעם ווינטש־פֿינגערל און זאָלסט נישט פֿאָרן מיט אים איבער קיין וואַסער". און דערמיט איז דער ייִד געשטאָרבן.

ס'איז אַוועק אַ שטיקל צײַט, דאָס ייִנגל איז געוואָרן גרויס, האָט זיך אים פֿאַרגלוסט דעם קייסערס טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב. האָט ער אַרויסגענומען דאָס ווינטש־פֿינגערל און האָט געזאָגט צו אים: „הײַנט בײַ נאַכט וויל איך שטיין בײַם בעט פֿון קייסערס טאָכטער!" און אַזוי ווי ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, איז ער געבליבן שטיין בײַם בעט פֿונעם קייסערס טאָכטער און ער האָט איר אָנגעטון אַ דימענטענעם בראָנזעלעט אָף דער האַנט. אין דער פֿרי, ווען זי האָט זיך אופֿגעכאַפּט, האָט זי זיך פֿאַרוווּנדערט דער־זעענדיק אַזאַ טײַערן בראָנזעלעט אָף איר האַנט, איז זי אַרײַן צום פֿאָטער און אים געוויזן די זאַך. האָט דער קייסער געזאָגט צו איר: „דאָס איז טאַקע דײַן בראָנזעלעט, האָסט עס פֿאַרגעסן אויסצוטון און דו ביסט געגאַנגען שלאָפֿן דערמיט". אָף דער אַנדערער נאַכט האָט זיך דעם ייִנגל ווײַטער פֿאַרגלוסט צו שטיין בײַם קייסערס טאָכטערס בעט. האָט ער אַרויסגענומען דאָס ווינטש־פֿינגערל און האָט אים געזאָגט, וואָס ער ווינטשט. און אַזוי ווי ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, איז ער באַלד געבליבן שטיין בײַם בעט פֿונעם קייסערס טאָכטער און ער האָט איר ווײַטער אָנגעטון אַ בערליאַנטענעם האַלדזבאַנד אָף איר האַלדז. און אין דער פֿרי, ווען זי האָט זיך אופֿגעכאַפּט, האָט זי זיך ווײַטער פֿאַרוווּנדערט דערזעענדיק דעם האַלדזבאַנד אָף איר האַלדז, איז זי ווײַטער געקומען צום פֿאָטער און האָט עס אים געוויזן. האָט דער קייסער געזען, אַז די זאַך איז עפּעס נישט גלאַט, האָט ער באַשלאָסן, אַז בײַ נאַכט זאָל ער אַוועקשטעלן אַ וואַך בײַ זײַן טאָכטערס בעט.

אָבער אָף דער דריטער נאַכט האָט דער בחור ווײַטער געזאָגט צום ווינטש־פֿינגערל: „איך וויל הײַנט שטיין בײַם בעט פֿונעם קייסערס טאָכטער“. און אַזוי ווי ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, איז ער באַלד געבליבן שטיין בײַ איר בעט, די וואָך האָט אים נישט געזען. האָט ער איר אָנגעטון אַ גילדן פֿינגערל אָף איר פֿינגער. און אין דער פֿרי, ווען זי איז אופֿגעשטאַנען און דערזען אָף איר פֿינגער אַ גילדן פֿינגערל, האָט זי דאָס ווײַטער געוויזן איר פֿאָטער. איצט האָט שוין דער קייסער געגעבן אַ באַפֿעל, אַז ווער עס וועט כאַפּן דעם מענטש, וואָס שטייט אַלע נאַכט בײַ זײַן טאָכטערס בעט, דער וועט קריגן אַ גרויס געשאַנק. אַז דאָס ייִנגל האָט דאָס דערהערט, האָט ער באַשלאָסן, אַז ער אַליין וועט קומען און מעלדן זיך בײַם קייסער. וואָס האָט ער דאָ מורא צו האָבן? טאָמער וועט דער קייסער אים וועלן עפּעס שלעכטס טון, האָט ער דאָך אַ ווינטש־פֿינגערל, וועט ער זיך געבן אַ ווינטש און וועט פֿאַר־שווינדן. איז ער אַרײַנגעקומען צום קייסער און האָט געזאָגט: „אַדוני קיניג! איך בין דאָס דער מענטש, וואָס שטייט אַלע נאַכט בײַ דײַן טאָכטערס בעט, איך וויל זי פֿאַר אַ ווײַב“. אַז דער קייסער האָט דאָס דערהערט, טראַכט ער זיך: „מע דאַרף פֿון דעם ייִנג באַלד פּטור ווערן“. רופֿט ער זיך אָפּ צו אים: „אויב דו ביסט יאָ אַזאַ העלדישער ייִנג, דאַרף איך מלחמה האַלטן מיט אַן אַנדער קייסער, איז אויב דו וועסט מיר געווינען די מלחמה, קריגסטו מײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב“. זאָגט ער: „יאָ, איך נעם זיך אונטער, נאָר דו זאָלסט מיר צושטעלן הונדערט איילן אײַזערנע קייטן“. האָט דער קייסער אַזוי באַפֿוילן, און ס'איז באַלד באַשאַפֿן געוואָרן קייטן. האָט דאָס ייִנגל גענומען די קייטן און איז אַוועק מלחמה האַלטן מיט יענעם קייסער. קומענדיק אָפֿן מלחמה־פֿעלד, האָט ער געזאָגט צו זײַן ווינטש־פֿינגערל: „אַזוי ווי איך וועל נאָר פֿאַר־וואַרפֿן די קייט אַהין, זאָל זי זיך אָנצינדן און זאָל פֿאַרברענען דאָס גאַנצע חיל פֿון דעם שונא!“ און אַזוי ווי ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, האָט זיך די קייט אָנגעצונדן און האָט פֿאַרברענט אַלע זעלנער פֿון

יענעם קייסער, און אַזוי האָט ער געוווּנען די מלחמה פֿאַר זײַן קייסער, און אַהיימקומענדיק פֿון פֿראָנט, האָט אים שוין דער קייסער געמוזט געבן זײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב. האָט ער זיי חתונה געמאַכט און האָט אָפּגעשריבן פֿאַר זיי אַ האַלב פֿון זײַן מלוכה. דערווײַל האָט אָבער דער קייסער אָנגעזאָגט זײַן טאָכטער, אַז זי זאָל דערגיין פֿון איר מאַן, מיט וואָס פֿאַר אַ מיטל ער טוט אַלע וווּנדער, פֿון וואַנען עס נעמט זיך צו אים אַזאַ כּוח. האָט זי אָנגעהויבן מיט אים צו אַרבעטן, רעדן און אויספֿרעגן, ביז וואַנען ער האָט איר אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז זײַן כּוח נעמט זיך פֿונעם ווינטש־פֿינגערל, און ער האָט עס איר געוויזן. איז זי באַלד אַוועקגעלאָפֿן צום קייסער און האָט אים דערציילט, אין וואָס עס באַשטייט זײַן כּוח. האָט איר דער קייסער געהייסן צוגנבֿענען בײַ אים דאָס ווינטש־פֿינגערל. האָט זי אַזוי געטון בײַ נאַכט, בײַם שלאָפֿן, און זי האָט דאָס פֿינגערל געברענגט צום פֿאָטער.

אָף צו מאָרגנס האָט דער קייסער געזאָגט צו זײַן איידעם: „קום און נעם מיר ווײַטער אײַן אַ מלחמה“. האָט ער זיך געגעבן אַ טאַפּ אָף זײַן האַנט, האָט ער געזען, אַז ער האָט נישט דאָס ווינטש־פֿינגערל, האָט ער געזאָגט צום קייסער: „איצט קען איך שוין גאָרנישט טון“. האָט אים דער קייסער געפֿרעגט: „וואָס זאָל מען איצט טון מיט דיר?“ האָט ער געענטפֿערט: „וואָס איר ווילט קענט איר מיט מיר טון“. האָט דער קייסער מיט זײַנע באַדינערס באַשטימט, אַז אין משך פֿון דרײַ טעג זאָל מען אים הענגען, און מ'האָט אים דערווײַל אָפּגעפֿירט אין תּפֿיסה אַרײַן. בײַ נאַכט, ווען ער איז שוין געשלאָפֿן אין תּפֿיסה, איז אים געקומען צו חלום דער פֿאָטער זײַנער און האָט צו אים געזאָגט: „זון מײַנער, יאַדע* זיך נישט, איך וועל דיך ראַטעווען פֿון אַלע נויטן“, און ער איז פֿאַרשווּנדן. און טאַקע באַלד האָט זיך דער פֿאָטער פֿאַרוואַנדלט פֿאַר אַ מויז און איז אַרײַן צום קייסער, האָט אַרויסגעגנבֿעט דאָס

* זיך יאַדען — זיך אָפּעסן ס'האַרץ.

ווינטש־פינגערל און האָט עס צוריקגעבראַנגט צום זון און האָט גע־זאָגט: „נאַ דיר, מײַן זון, דאָס ווינטש־פינגערל, און וועסט ווײַטער קענען האָבן אַלץ, וואָס דו וועסט ווינטשן“. און ער איז פאַרשוווּנדן.

אָפן דריטן טאָג, ווען מע האָט געדאַרפט אויספירן אים צו הענגען, איז מען געקומען און מע האָט אים אַרויסגענומען פון דער תפיסה און געפירט הענגען. און ווען מע האָט אים אָוועקגע־שטעלט לעבן דער תליה און צוגעבונדן די אויגן, האָט ער געזאָגט, ער וויל ריידן מיטן קייסער אַ פּאָר ווערטער. האָט אים דער קייסער צו ליב געטון, איז ער צוגעגאַנגען צו אים. האָט ער געזאָגט: „איך וויל זיך געזעגענען מיט מײַן ווײַב און פאַמיליע, און איך וויל, מע זאָל מיר ברענגען אַ ווײַס פערד מיט אַ ווײַסער פלאַכטע, מיט אַ קליין שטעקעלע“. האָט דער קייסער געגעבן אַ באַפעל, איז אַלץ באַשאַפן געוואָרן. האָט ער גענומען דאָס שטעקעלע אין דער האַנט אַרײַן, אַרופגעזעצט זיך אָפן פערד און האָט צוגערופן זײַן ווײַב מיט זײַן פאַמיליע און האָט זיי אַלע אַרופגעזעצט אָף דער ווײַסער פלאַכטע. און ווען אַלע זענען שוין געזעסן, האָט ער אַ זאָג געטון צום ווינטש־פינגערל: „איך וויל אַרוף אין הימל אַרײַן!“ און ווי ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, איז ער אַרוף אין הימל אַרײַן מיט זײַן ווײַב און קינד.

און אַזוי איז ער געראַטעוועט געוואָרן פון טויט.

2. די דרײַ שטומע ברידער

אַ מאָל איז געווען אַ ייִד, האָט ער געהאַט דרײַ זין, האָבן זיי ניט געקענט ריידן ווי אַלע מענטשן. איינער האָט בלויז געקענט זאָגן: „איך“, דער צווייטער: „פֿאַר אַ קוליע שטרוי“, און דער דריטער: „ווילסט ניט לײַדן, ווער צעזעצט!“

איין מאָל, ווען די זין זענען אויסגעוואַקסן און זענען געוואָרן עלטער, האָט דער פֿאָטער זיי געגעבן אַ קעלבעלע און געזאָגט: „הײַנט איז אַ יריד אין שטאָט. נעמט דאָס קעלבעלע און פֿאַרקויפֿט עס, און זײַט מענטשן“. האָבן זיי גענומען דאָס קעלבל און האָבן זיך געלאָזט גיין. באַגעגנט זיי איינער אַ מענטש, פֿרעגט ער זיי: „ווער פֿאַרקויפֿט דאָס קעלבעלע?“ ענטפֿערט דער עלטערער: „איך!“ פֿרעגט ער ווײַטער: „פֿאַר וויפֿל פֿאַרקויפֿסטו ס׳קעלבעלע?“ ענטפֿערט דער צווייטער ברודער: „פֿאַר אַ קוליע שטרוי“. גיט ער אים אַ קוליע שטרוי, נעמט צו דאָס קעלבעלע און גייט אַוועק מיט אַ גרויס געלעכטער. שרײַט אים נאָך דער דריטער ברודער: „ווילסט ניט לײַדן, ווער צעזעצט!“

נעמען זיי די קוליע שטרוי און גייען ווײַטער, באַגעגנט זיי נאָך איינער. פֿרעגט ער זיי: „ווער פֿאַרקויפֿט די קוליע שטרוי?“ זאָגט דער ערשטער ברודער: „איך!“ פֿרעגט ער: „וויפֿל ווילסטו פֿאַר די קוליע שטרוי?“ ענטפֿערט אים דער צווייטער: „אַ קוליע שטרוי“. פֿאַרוווּנדערט זיך דער מענטש, פֿרעגט ער איבער: „אַ קוליע שטרוי פֿאַר אַ קוליע שטרוי“? זאָגט דער דריטער ברודער: „ווילסט ניט לײַדן, ווער צעזעצט!“ ווערט דער מענטש אין כּעס, פּאַטשט זיי אויס און נעמט צו די קוליע שטרוי.

גייען זיי ווײַטער. דערזעען זיי, עס ליגט אַ פּגר אַף דער ערד. טראַכטן זיי: „וואָס טוט מען מיט דעם? אפֿשר קען מען דערמיט עפּעס האַנדלען?" שטייען זיי אַזוי און באַטראַכטן דעם טויטן פּגר. קומט אָן אַ פּריץ. פֿרעגט ער: „ווער האָט געהרגעט דעם מענטשן?" זאָגט דער ערשטער ברודער: „איך!" „פֿאַר וואָס האָסטו אים געהרגעט?" — פֿרעגט דער פּריץ. ענטפֿערט אים דער צווייטער: „פֿאַר אַ קוליע שטרוי!" בייזערט זיך דער פּריץ: „פֿאַר אַ קוליע שטרוי הרגעט מען אַ מענטשן!" זאָגט דער דריטער: „ווילסט ניט לײַדן, ווער צעזעצט!" ווערט דער פּריץ אין כּעס, גייט אַוועק און ברענגט דעם אוריאַדניק, און מע פֿאַרנעמט זיי אין סטאַן. זיצן זיי אָפּ אַ טאָג, ברענגט מען זיי צום סודיאַ. פֿרעגט ער זיי: „ווער האָט געהרגעט דעם מענטשן?" זאָגט דער עלטערער: „איך!" פֿרעגט דער סודיאַ: „פֿאַר וואָס?" ענטפֿערט דער צווייטער: „פֿאַר אַ קוליע שטרוי". בייזערט זיך דער סודיאַ: „פֿאַר אַ קוליע שטרוי הרגעט מען אַ מענטשן?" זאָגט דער דריטער: „ווילסט ניט לײַדן, ווער צעזעצט!" ווערט דער סודיאַ אין כּעס, רופֿט ער אַרײַן דעם אוריאַדניק און הייסט זיי שלאָגן. האָט ער זיי גענומען שלאָגן, האָבן זיי אָנגעהויבן שרײַען, האָט דער עלטערער ברודער געשריגן: „איך! איך! איך!" האָט דער מיטעלער געשריגן: „פֿאַר אַ קוליע שטרוי! פֿאַר אַ קוליע שטרוי! פֿאַר אַ קוליע שטרוי!" האָט דער ייִנגסטער געשריגן: „ווילסט ניט לײַדן, ווער צעזעצט! ווילסט ניט לײַדן, ווער צעזעצט! ווילסט ניט לײַדן, ווער צעזעצט!" האָט דער סודיאַ אויסגעשריגן העכער פֿון זיי אַלעמען: „זיי זענען משוגעים, לאָזט זיי פֿרײַ!" האָבן זיך אויפֿגעהויבן די דרײַ ברידער און זענען אַוועק אַהיים. און אַז דער פֿאָטער האָט דערזען זײַנע דרײַ זין, ווי זיי זענען צעשלאָגן געוואָרן, האָט ער זיי געבאַהאַלטן אין שטוב און האָט זיי מער ניט געשיקט האַנדלען.

3. אַ מעשׂה פֿון אַ נאַר

אַ מאָל איז געווען אַ קייסער, האָט ער געהאַט צוויי זין, איינעם אַ נאַר און איינעם אַ קלוגן. איין מאָל האָט דער קייסער פֿאַררופֿן זײַנע זין צו זיך און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „הערט זיך אײַן, מײַנע ליבע קינדער, שוין צײַט, איר זאָלט זיך לערנען עפּעס אַ מלאָכה אָדער אַ חכמה, אַרומצוגיין ליידיק איז קיין תּכלית ניט. זאָגט זשע מיר, ליבע קינדער, וואָס ווילט איר טאָן?" — „איך וויל גיין לערנען אַלע חכמות אַף דער וועלט", האָט דער קלוגער גלײַך געענטפֿערט. „און דו?", פֿרעגט דער קייסער דעם נאַר. „און איך, זאָגט דער נאַר, וויל בעסער גיין צום טײַך וואַשן גרעט". — „גאַנץ גוט! זאָגט דער קייסער, וואַשן גרעט איז אויך אַ מלאָכה". און ער האָט זיי געגעבן געלט, און יעדער איז זיך אַוועק זײַן וועג: דער קלוגער לערנען און דער נאַר — וואַשן גרעט.

איין מאָל שטייט זיך אַזוי דער נאַר בײַם טײַך און וואַשט זײַנע גרעט. וואַשט ער, וואַשט ער, וואַשט ער. פּלוצלינג איז אים אַוועקגעשווומען אַ סקאַרפּעטקע און — ניטאָ! לויפֿט ער זי זוכן אַף דער אַנדערער זײַט טײַך. לויפֿט ער, לויפֿט ער, באַגעגנט ער אַ פּאָטשטאַליאָן*, זאָגט ער צו אים: „הער נאָר, דו, האָסט ניט באַגעגנט מײַן סקאַרפּעטקע?" דער פּאָטשטאַליאָן האָט ניט געוווּסט, אַז דאָס איז דעם קייסערס זון, האָט אים פֿאַרדראָסן די מעשׂה. טראַכט ער ניט קיין סך און לאָזט אים אַראָפּ אַזאַ פּראַסק אין

* בריוון־טרעגער.

באַק, אַז זי איז אים געשוואָלן געוואָרן ווי אַ פּאַמפּושקע*. לויפט דער נאַר אַהיים צום קייסער מיט אַ געוויין: „טאַטע, כ'האָב גע־וואַשן גרעט בײַם טײַך, איז מיר אַוועקגעשווומען אַ סקאַרפּעטקע. פרעג איך בײַם פּאָטשטאַליאָן, צי ער האָט ניט באַגעגנט מײַן סקאַרפּעטקע, נעמט ער און מאַכט מיר אַזאַ געשוואָלענע באַק!" טראַכט זיך דער קייסער: „אַ נאַר איז אַ צער, אָבער שׂכל דאַרף מען אים לערנען!" זאָגט ער צו אים: „נאָך אַ מאָל, מײַן זון, אַז דו וועסט טרעפן אַ פּאָטשטאַליאָן, זאָלסטו אַפּריִער אַראָפּנעמען די היטל און זאָגן: „גוט מאָרגן, פּאַניע פּאָטשטאַליאָן! אפשר האָט איר ניט געזען מײַן סקאַרפּעטקע?" — „גוט, זאָגט דער נאַר, נאָך אַ מאָל וועל איך טאַקע אַזוי טאָן", און ער גייט זיך אַוועק ווײַטער.

גייט ער, גייט ער, גייט ער, דערזעט ער, אין אַ שטוב איז אַ חתונה. לויפט ער אַרײַן אַף דער חתונה, כאַפּט אַראָפּ די היטל פון קאָפּ און זאָגט צום חתן: „גוט מאָרגן, פּאַניע פּאָטשטאַליאָן! אפשר האָט איר ניט געזען מײַן סקאַרפּעטקע?" דער חתן מיט די מחותנים קוקן אים אָן ווי משוגע: „ווער פּאָטשטאַליאָן? וואָס סקאַרפּעטקע?" נעמען זיי און ברעכן אים גוט אָן די ביינער און וואַרפן אים אַרויס פון שטוב. לויפט ער ווידער אַהיים צום קייסער מיט אַ געוויין: „טאַטע, כ'בין געווען אַף אַ חתונה, האָב איך געזאָגט: 'גוט מאָרגן, פּאַני פּאָטשטאַליאָן, אפשר האָט איר געזען מײַן סקאַרפּעטקע?' האָבן זיי מיר אַזוי צעהרגעט!" טראַכט זיך דער קייסער: „אַ נאַר איז אַ צער, אָבער שׂכל דאַרף מען אים לערנען". זאָגט ער צו אים: „נאָך אַ מאָל, מײַן זון, אַז דו וועסט קומען אַף אַ חתונה, זאָלסטו אַרײַנוואַרפן אַ קאָפּיקע אין טעלער און גיין טאַנצן מיט אַלעמען צו גלײַך". — „גוט, זאָגט דער נאַר, נאָך אַ מאָל וועל איך טאַקע אַזוי טאָן". און ער גייט זיך ווײַטער אַוועק.

---

* אַ קײַלעכדיק אויפגעבלאָזן זעמעלע.

גייט ער, גייט ער, דערזעט ער, אַ הויז ברענט, ס'איז אַ גרויסע שׂרפֿה. לויפֿט ער אַרײַן אין דער ברענענדיקער הויז, וואַרפֿט אַרײַן אַ קאָפּיקע אין אַ טעלער און גייט טאַנצן. אַז די פּאָזשאַרניקעס* האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך פֿונאַנדערגעלאַכט און האָבן אים אָפּגעפּליוכעט מיט די פּאָזשאַרנע קישקע פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. לויפֿט ער שוין ווידער אַהיים צום קייסער מיט אַ קלאָג: „טאַטע, כ'האָב געזען אַ הויז ברענט, בין איך אַרײַנגעלאָפֿן אינעווייניק, האָב אַרײַנגעוואָרפֿן אַ קאָפּיקע אין אַ טעלער און געגאַנגען טאַנצן, האָבן מיר די פּאָזשאַרניקעס געמאַכט אַזאַ קאַלטע באָד!" האָט דאָס שוין דעם קייסער פֿאַרדראָסן. זאָגט ער צו אים: „רעכט אַף דיר, נאָך אַ מאָל זאָלסטו ניט זײַן קיין נאַר! אַז מען זעט, עס ברענט, נעמט מען אַן עמער וואַסער און מע לעשט". — „גוט, זאָגט דער נאַר, נאָך אַ מאָל וועל איך טאַקע אַזוי טאָן". און ער גייט זיך ווײַטער אַוועק.

אַף מאָרגן אין דער פֿרי, נאָך דער קאַלטער באָד, גייט זיך אַזוי דער נאַר אַפֿן גאַס, דערזעט ער, אַ ייִדענע טראָגט אַ קאָשיק מיט הייסינקע זעמעלעך און עס גייט אַ פּאַרע. מיינט ער, עס ברענט. כאַפּט ער אַן עמער וואַסער און הייבט אָן לעשן אַף די זעמעלאַך. האָט אים די ייִדענע גוט אָנגעפּאַטשט דערפֿאַר און אַראָפּגעכאַפּט בײַ אים די היטל. לויפֿט ער אַהיים צום קייסער אָן אַ היטל: „טאַטע, כ'האָב געזען אַ ייִדענע מיט זעמעלעך און ס'איז געגאַנגען אַ פּאַרע, האָב איך גענומען אַן עמער וואַסער און געלאָשן, האָט זי מיר אָנגעפּאַטשט און אַראָפּגעכאַפּט מײַן היטל". איז שוין דער קייסער געוואָרן אין כּעס, האָט ער גענומען שרײַען אַף אים: „דו נאַר! אַז מען זעט אַן אָרעמע ייִדענע מיט זעמעלעך, קויפֿט מען פֿאַר אַ קאָפּיקע אַ זעמעלע". — „גוט, זאָגט דער נאַר, נאָך אַ מאָל וועל איך טאַקע אַזוי טאָן". און ער גייט זיך ווײַטער אַוועק.

* פֿײַער-לעשער.

גייט ער, גייט ער, דערזעט ער ווי אַ יוון גראַבלט זיך
עפּעס אין שמוץ, זאָגט ער צו אים: „פאַרקויף מיר פּאַר אַ קאָ-
פּיקע!“ — „אָך, מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן, זאָגט דער יוון,
פּאַר אַ קאָפּיקע קען איך דיר פאַרקויפן אַ פולן וואָגן.“ לויפט
שוין דער נאַר אַהיים צום קייסער מיט אַ שימחה: „טאַטע, כ'האָב
געכאַפּט אַ מציאה!“ און ער דערציילט אים, וואָס דער יוון האָט
געזאָגט. אַז דער קייסער האָט דאָס דערהערט, איז ער שוין אַף
אַן אמת אין כּעס געוואָרן און האָט דעם נאַר אַרויסגעטריבן
פון שטוב.

4. בעבעלע

ס'אַ מאָל געווען אַ פּאָר-פֿאָלק, האָבן זיי ניט געהאַט קיין קינדער. פֿלעגן זיי אַלע מאָל גיין אַפֿן בית-עולם בעטן בײַ גאָט, ער זאָל זיי שענקען אַ קינד. איין מאָל, ווי זיי שטייען אַזוי אַפֿן בית-עולם און בעטן, איז אַראָפּגעפֿלויגן אַ מלאך פֿון הימל און זאָגט צו זיי: „גאָט האָט אײַער געבעט פֿאַרנומען. וואָס ווילט איר בעסער: צי אַ זון, וואָס זאָל זײַן אַזוי גרויס ווי אַ בעבעלע? צי אַ טאָכטער, וואָס אַז זי וועט אַלט ווערן דרײַצן יאָר, וועט זי זיך שמדן?“ זאָגן זיי: „בעסער אַ זון כאָטש אַזוי גרויס ווי אַ בעבעלע“. איז אַוועק אַ יאָר, האָבן זיי געהאַט אַ זון, טאַקע אַזוי גרויס ווי אַ בעבעלע. גרעסער איז ער שוין מער קיין מאָל ניט געוואַקסן, דערפֿאַר האָבן אים אַלע גערופֿן בעבעלע.

איין מאָל האָט די מאַמע אָפּגעקאָכט אָנבײַסן, האָט זי דאָס אַרײַנגעגאָסן אין אַ ליימענעם מאַקעטער* און האָט געגעבן בעבעלען, ער זאָל עס אַוועקטראָגן צום טאַטן אַפֿן מאַרק. האָט זיך בעבעלע דערפֿרייט, כאַפּט ער דעם גרויסן מאַקעטער אַפֿן קאָפּ און לויפֿט אַוועקטראָגן דעם טאַטן אָנבײַסן. לויפֿט ער, לויפֿט ער, לויפֿט ער, באַגעגנט ער אַפֿן וועג אַן אַלטן בעטלער. זאָגט דער בעטלער צו אים: „שוין דרײַ טעג אין מײַן מויל קיין ביסן ניט געהאַט“. האָט בעבעלע אַף אים רחמנות געקראָגן, נעמט ער און גיט אים אַוועק דעם טאַטנס אָנבײַסן. האָט אים דער בעטלער אָנגעדאַנקט אַ פֿולע היטל: „אַ געזונט אין דײַנע ביינדעלעך, אַ ברכה און הצלחה אַף דײַן קעפּעלע, וואָס פֿאַר אַ גוטינקער יינגעלע דו ביסט!“ אַז דער בעטלער האָט אָפּגעגעסן, האָט

---

* אַ קוגלטאָפּ.

בעבעלע זיך אָנגעטאָן דעם ליידיקן מאַקעטער אַפֿן קאָפּ און געלאָפֿן ווײַטער. לויפֿט ער, לויפֿט ער, לויפֿט ער, באַגעגנט ער אַפֿן וועג אַ שײַקע גנבֿים. פֿרעגן אים די גנבֿים: „אַווּ לויפֿסטו?“ זאָגט ער: „כ׳לויף זאָגן דעם טאַטן, אַז כ׳האָב אַוועקגעגעבן זײַן אָנבײַסן דעם אַלטן בעטלער“. — „אַזוי, אַזאַ גוטינקער ביסטו? זאָגן די גנבֿים, ווען מיר דיר טאַקע אַרײַננעמען צו אונדז אין שײַקע, וועסטו גיין מיט אונדז גנבֿענען.“ האָט בעבעלע געוואָלט זאָגן: „גנבֿענען טאָר מען ניט“, נאָר ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועלן זיי אים הרגענען, האָט ער בעסער געזאָגט: „גוט, כ׳וועל גיין מיט אײַך!“ זײַנען זיי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זיי זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ פֿאַרשלאָסענע שטאַל. און ווי נאָר די גנבֿים האָבן זיך אַף אַ ווײַלע פֿאַרקוקט, האָט בעבעלע געטאָן אַ שפּרונג צום לעכל פֿון שלאָס און — ניטאָ! האָבן די גנבֿים זיך פֿאַרוווּנדערט: „אַווּ איז ער אַהינגעקומען, דער קליינינקער מענטשעלע? אָקערשט געווען, און שוין ניטאָ!“ האָבן זיי אים געזוכט און געזוכט און ניט געקאָנט געפֿינען. זײַנען זיי אַוועקגעגאַנגען. דערווײַלע האָט זיך בעבעלע פֿאַרקליבן אין שטאַל און האָט זיך באַהאַלטן אין אַ צעבער מיט צעבראָקטע בוריקעס. האָט אים די קו אופֿגעגעסן אין איינעם מיט די בוריקעס. אַז בעבעלע האָט דערזען, אַז בײַ דער קו אין בויך איז אַזוי פֿינצטער און אַרויסגיין פֿון בויך קאָן ער ניט — נו, נו, איז ער געוואָרן גוט אין כּעס און האָט זיך גענומען שילטן דער קו: „אַ כאָלערע אַף דיר! אַ ניכפּה אַף דיר!“

אַף מאָרגן אין דער פֿרי איז די דינסט געקומען אין שטאַל אויסצומעלקן די קו. און ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן צו מעלקן, הערט זי, מע שרײַט: „אַ כאָלערע אַף דיר! אַ ניכפּה אַף דיר!“ האָט זיך די דינסט זייער שטאַרק דערשראָקן, איז זי, ניט טויט ניט לעבעדיק, אַוועקגעלאָפֿן צו דער בעל־הביתטע: „בעל־הביתטע, די קו שילט זיך!“ זאָגט די בעל־הביתטע: „גיי, נאַרעלע, ס׳קען ניט זײַן. כ׳האָב נאָך קיין מאָל ניט געהערט, אַז אַ קו זאָל זיך שילטן.“

זאָגט די דינסט: „בעל־הביתטע, כ'האָב מורא!" — „אַז דו האָסט מורא, טאָ לייען קרישמע!"* זאָגט די בעל־הביתטע, און איז אַליין אַוועק אין שטאַל אויסמעלקן די קו. און ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן צו מעלקן, הערט זי, מע שרייַט: „אַ כאָלערע אַף דיר! אַ ניכפּה אַף דיר!" האָט זיך די בעל־הביתטע אויך זייער שטאַרק דערשראָקן, איז זי, ניט טויט ניט לעבעדיק, אַוועקגעלאָפן צום רבֿ און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשׂה. האָט דער רבֿ געהייסן קוילענען די קו און די קישקעס אירע אַרויסוואַרפן אַפן גאַס.

אַף מאָרגן אין דער פרי איז געקומען דער שוחט און האָט געקוילעט די קו. און ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן אופשנייַדן דעם בויך אַרויסצונעמען די קישקעס פון דער קו, הערט ער, מען שרייַט: „שנייַדט ניט פון בויך, שנייַדט פון זייַט! שנייַדט ניט פון בויך, שנייַדט פון זייַט!" האָט זיך דער שוחט אויך זייער שטאַרק דערשראָקן, האָט ער גענומען שנייַדן פון זייַט. און אַזוי האָט ער פּאַמעלעך אַרויסגענומען די קישקעס און אַרויסגעוואָרפן אַפן גאַס.

איז פאַרבייַגעגאַנגען אַ הונגעריקער בעטלער, זעט ער, עס ליגן עפּעס אַזוינע פרישע קישקעס, טראַכט ער זיך: „גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ כשרע מציאה. כ'וועל נעמען די קישקעס אַהיים און מאַכן דערפון אַ טייַערן אָנבייַסן." נעמט ער און לייגט זיי אַרייַן צו זיך אין טאָרבע און נעמט די טאָרבע אַף דער פּלייצע און גייט און פרייט זיך. גייט ער אַזוי, גייט ער, פּלוצלינג דערפילט ער, עס שטעכט אים עפּעס אין פּלייצע. ווייס ער ניט, פון וואָס דאָס איז, מאַכט ער זיך ניט וויסנדיק און גייט ווייַטער. גייט ער אַזוי, גייט ער, עס שטעכט אים ווידער אין פּלייצע. טראַכט ער זיך: „וואָס קאָן דאָ זייַן? דאַכט זיך, קיין שפּילקעס אין טאָרבע האָב איך ניט, נאָר ווייכע קישקעס, הייַנט טאָ וואָס זשע קאָן דאָ שטעכן?" מאַכט ער זיך ווידער ניט וויסנדיק און גייט ווייַטער. אָבער וואָס ווייַטער ער איז געגאַנגען, אַלץ

---

* קריאת־שמע.

מערער האָט אים געשטאָכן, אַז ער האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן. שטעלט ער זיך אָפּ און זאָגט צו זיך: „וואָס זאָל איך דאָ טאָן? זאָל איך אַרויסוואַרפֿן די קישקעס? איז דאָך אַן עבֿירה, און כ׳וועל ניט האָבן אַף קיין אָנבײַסן. זאָל איך זיך אַרומטראָגן מיט זיי? וועל איך דאָך בלײַבן אָן אַ פֿלייצע, ס׳אַ שלעכטער עסק!“ איז ער געשטאַנען און געטראַכט און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. אין מיטן דערינען דערהערט ער, מע שרײַט: „וואַרף זיי אַרויס! וואַרף זיי אַרויס!“ האָט זיך דער בעטלער שטאַרק דערשראָקן, האָט ער גענומען און אַרויסגעוואָרפֿן די קישקעס אַפֿן גאַס. שטייט ער און קוקט, וואָס דאָ וועט זײַן. זעט ער, ווי עס קריכט פֿון זיי אַרויס אַ ייִנגעלע, ווי אַ בעבל די גרייס. האָט אים דער בעטלער גלײַך דערקענט. זאָגט ער צו אים: „ביסטו דאָס דער ייִנגעלע, וואָס האָט מיר אַנומלט אַוועקגעגעבן דעם טאַטנס אָנבײַסן?“ זאָגט בעבעלע: „יע, איך בין דאָס!“ „טאָ ווי קומסטו גאָר אַהער?“ — פֿרעגט אים ווײַטער דער בעטלער. דערציילט אים בעבעלע די גאַנצע מעשׂה. מאַכט דער בעטלער: „טע, טע, טע, — וואָס אַף דער וועלט קאָן זיך אַלץ פֿאַרלויפֿן!“ דערנאָך זאָגט ער: „און פֿאַר וואָס האָסטו מיר געשטאָכן אין פֿלייצע?“ „ווײַל איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט מיך אופֿעסן אַף אָנבײַסן“, פֿאַרענטפֿערט זיך בעבעלע. מאַכט דער בעטלער: „טע, טע, טע, — וואָס אַף דער וועלט קאָן זיך אַלץ פֿאַרלויפֿן!“ פֿרעגט אים דער בעטלער ווידער: „און אַהיים גיין ווילסטו?“ זאָגט בעבעלע: „יע, כ׳וויל גיין אַהיים“. זײַנען זיי ביידע געגאַנגען אַהיים. און אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן דער־זען זייער בעבעלע, האָבן זיי ביידע געגעבן אַ געשריי: „בעבעלע! אַווו ביסטו געוועזן?“ האָט זיי בעבעלע דערציילט די גאַנצע מעשׂה.

אַ הון מיט אַ האָן,
די מעשׂה הייבט זיך אָן;
אַ קאַץ מיט אַ מויז,
די מעשׂה לאָזט זיך אויס!

5. דאָס שטאַרקע יינגל

ס'איז געווען אַ קייסער, האָט ער געדאַרפט חתונה מאַכן אַ טאָכטער. האָט ער זיך געלאָזט רופן אַ פישער, ער זאָל אים כאַפּן אַזוי פיל און אַזוי פיל פיש צו זיין טאָכטערס חתונה. האָט דער פישער זיך גענומען אַ שיפל און איז געפאָרן כאַפּן פיש, איז ער געפאָרן איין טאָג און האָט גאָרנישט געכאַפּט; איז ער געפאָרן אַ צווייטן טאָג און האָט גאָרנישט געכאַפּט; און אָפן דריטן טאָג, ווען ער האָט שוין געזאָלט כאַפּן אַ פיש, האָט זיך דאָס שיפל אי־בערגעקערט און ער איז דערטרונקען געוואָרן.

דער פישער האָט געהאַט אַ ווייב און אַ זעקסיעריק יינגל. האָבן זיי געזען, אַז ער קומט נישט צוריק, זענען זיי אַוועקגע־גאַנגען צום וואַסער אים זוכן. זענען זיי געשטאַנען איין טאָג און האָבן אים געזוכט און נישט געפונען, און אָפן צווייטן טאָג האָבן זיי אים געזוכט און נישט געפונען, און אָפן דריטן טאָג, אַז אַ מענטש ווערט דערטרונקען, קומט ער דאָך אַרויף אָפן וואַסער, האָבן זיי אים דערזען. האָבן זיי אים אַרויסגעצויגן פון וואַסער און געטון זיין רעכט.

איצט פרעגט די מוטער דעם יינגל: „וואָס וועלן מיר איצט טון?" זאָגט דאָס יינגל: „לאָמיר פאַרקויפן די שטוב און קויפן זיך אַ פערד־און־וועגעלע און פאָרן אָף דער וועלט, וועלן מיר פון דעם זיך דערנערן". האָבן זיי פאַרקויפט זייער שטיבל און האָבן זיך גע־קויפט אַ פערד־און־וועגעלע און געפאָרן אָף דער וועלט. זיי זענען אומגעפאָרן אַ טאָג, זענען זיי זייער מיד און הונגעריק געוואָרן, האָט דאָס יינגל געזאָגט צו זיין מוטער: „לאָמיר זיך דאָ אָפּשטעלן

אָפּן באַרג און נאָכלאָזן דאָס פֿערד, ס'זאָל זיך פּאַשען. און אונדז זאָלן מיר זיך לייגן שלאָפֿן." ווי זיי זענען אַנטשלאָפֿן געוואָרן, איז געקומען דעם ייִנגל דער פֿאָטער צו חלום און האָט אים געזאָגט: „זאָלסט וויסן, אַז דאָרט און דאָרט ליגט אַ שטיין. אונטער דעם שטיין וועסטו געפֿינען אַ זייבעלע,* און אַז דו וועסט דיר אָנטון דאָס זייבעלע, וועסטו ווערן דער שטאַרקסטער מענטש אויף דער וועלט. מיט איין שפּאַן וועסטו קענען מאַכן הונדערט מייל און דאָס זייבעלע זאָלסטו טראָגן אונטער דייַנע קליידער, מען זאָל נישט וויסן, פֿון וואַנען דייַן גבֿורה קומט." האָט זיך דאָס ייִנגל אויפֿגעכאַפּט און איז אַוועק צו דעם פּלאַץ און האָט געפֿונען דאָרט דעם שטיין. האָט ער אויפֿגעהויבן דעם שטיין, האָט ער געפֿונען דאָס זייבעלע און האָט זיך עס אָנגעטון אונטער די קליידער, און געגעבן איין שפּאַן – איז ער צוגעקומען צו אַ פּאַלעץ, וואָס איז געווען דרייַ הונדערט מייל אַוועק פֿונעם אָרט. דאָרט זענען געווען פֿערציק ריזן, יעדער ריז האָט געהאַט דרייַ קעפּ, און דער פּאַלעץ האָט געהאַט אַזאַ טויער, וואָס בלויז אַלע ריזן צוזאַמען האָבן אים געקענט אויפֿמאַכן, און ער אַליין האָט אָנגענומען די קליאַמקע און דער טויער האָט זיך אויפֿגעמאַכט. ווי דער טויער האָט זיך אויפֿגעמאַכט, זענען צוגעלאָפֿן די ריזן און האָבן דערזען, אַז אַזאַ קליין ייִנגל האָט אויפֿגעמאַכט דעם טויער. האָט אים דער עלטסטער פֿון די ריזן געפֿרעגט: „דו, ייִנגל דו, ווער האָט דיר אויפֿגעמאַכט דעם טויער?" האָט דאָס ייִנגל געגעבן אים אַ פּאַטש און האָט דעם עלטסטן ריז דערהרגעט. האָבן זיך די אַנדערע ריזן דערשראָקן. האָט ער געזאָגט צו זיי: „האָט נישט קיין מורא, איך וועל אייַך גאָרנישט טון. גיט מיר צו עסן פֿאַר מייַן מוטער, און איך וועל איר אַוועקטראָגן, און איר זאָלט דורך דער צייַט אויפֿקאָכן אַ קופּערנעם קעסל מיט בוימל, און אַז איך וועל צוריקקומען, וועל איך אייַך וויַיזן אַ קונץ מיט דעם בוימל." האָט ער אַוועקגעטראָגן

---

* אַ שווערדעלע.

דער מוטער דאָס עסן און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער זיי געהייסן, זיי זאָלן זיך אַלע אויסשטעלן אין איין שורה און האָט זיי געצייגט, ווי ער הייבט אויף דעם קעסל מיטן בוימל מיט דעם מינדסטן פינגער, און האָט זיי אַלע אָפּגעקריילט* אָף טויט. אַז זיי זענען שוין אַלע געווען טויט, איז ער געגאַנגען ברענגען די מוטער, און זיי האָבן זיך שוין דאָרט באַזעצט.

איין מאָל איז ער געגאַנגען דורכקוקן די אַלע שטיבער, וואָס זענען דאָרט געווען אין פּאַלאַץ. האָט ער אין איין שטוב געזען אַ שטוב פול מיט זייגלען, איין שטוב פול מיט ביקסן, איין שטוב מיט מענטשלעכע סקעלעטן און מיט קעפּ פון מענטשן, אין איין שטוב געהרגעטע חיות און אין איין שטוב איז געווען אַ טיר צו אַ קעלער. האָט ער אויפגעמאַכט די טיר, האָט ער דערזען איינעם פון די פערציק ריזן צוגעשמידט מיט קייטן, וואָס איז געווען פאַר עפּעס באַשטראָפט פון די פערציק ריזן, וואָס זענען געהרגעט געוואָרן. האָט זיך דער ריז בייַ אים געבעטן, ער זאָל אים פרייַלאָזן. האָט ער נישט געהערט און האָט צוריק פאַרמאַכט די טיר און איז אַוועק אין די אַנדערע שטיבער. האָט ער דאָרט געטראָפן אַ מיידל, האָט דאָס מיידל געזאָגט: „וואָס טוסטו דאָ? מע וועט דיך נאָך דערהרגענען!“ זאָגט ער צו איר: „האָב נישט קיין מורא, איך וועל נאָך דיך ראַטעווען!“ האָט זי אים דערציילט, אַז זי איז אַ קייסערס אַ טאָכטער און די ריזן האָבן זי געפאַנגען דאָ. האָט ער זי אָפּגעפירט אַהיים אין איר שטאָט, און דאָס מיידל האָט אים געגעבן אַ רינגל מיט איר נאָמען פאַר אַן אָנדענק, און אַז זיי וועלן זיך אַ מאָל טרעפן, וועט זי מיט אים חתונה האָבן.

אין דער צייַט, ווען ער האָט אָפּגעפירט דאָס מיידל אַהיים, איז זיך זייַן מוטער געגאַנגען דורכקוקן די שטיבער. איז זי צו־געקומען צו דעם קעלער, ווו דער ריז איז געלעגן געבונדן, האָט דער ריז געבעטן, זי זאָל אים פרייַלאָזן. האָט זי אים אָפּגעבונדן

---

* אָפּגעבריט.

פֿון די קייטן און האָט אים פֿרײַגעלאָזן, און זיי האָבן זיך ביידע פֿאַרליבט. האָט דער ריז געפֿרעגט די מוטער, פֿון וואַנען נעמט זיך, וואָס איר יינגל איז אַזוי שטאַרק. האָט זי געזאָגט, זי ווייס נישט. זאָגט ער צו איר: „אַז דו ווילסט, אַז אונדז ביידע זאָלן מיר דאָ לעבן גליקלעך, מוזן מיר דײַן יינגל פּטור ווערן. איין וועג אָף פּטור צו ווערן פֿון אים איז: אַז ער וועט אַהיימקומען, זאָלסטו דיך אַוועקלייגן און מאַכן זיך קראַנק און זאָלסט אים זאָגן, אַז דו מוזסט האָבן ציגענע מילך פֿון די ציגן, וואָס געפֿינען זיך דאָרטן אין וואַלד, וועסטו געזונט ווערן." אָבער צו קריגן די מילך פֿון יענע ציגן האָט מען געמוזט געהרגעט ווערן. האָט זי געזאָגט: „גוט, כ'וועל אַזוי טון". און דער ריז איז צוריק אַרײַן אין קעלער און האָט זיך באַהאַלטן.

אַז דאָס יינגל איז אַהיימגעקומען און האָט געטראָפֿן די מוטער קראַנק, האָט ער געפֿרעגט, וואָס איר איז. האָט זי געזאָגט, אַז ווען זי קען קריגן די מילך פֿון יענע ציגן, וואָס געפֿינען זיך דאָרטן אין וואַלד, וועט איר דערפֿון בעסער ווערן. האָט ער געזאָגט: „כ'האָב זיך ערשט געשפּילט מיט די ציגן אין וואַלד און ווען איך זאָל געוועזן וויסן, וואָלט איך דיר געוווען געבראַכט", און ער איז צוריק אַוועק אין וואַלד און האָט איר געבראַכט מילך פֿון די ציגן.

דעם צווייטן טאָג איז דאָס יינגל אַוועק אָף יאַגד אין וואַלד אַרײַן און זי האָט אַרויסגעלאָזט דעם ריז און האָט אים דערציילט, אַז זײַן מיטל האָט נישט געהאָלפֿן, ער איז פֿון די ציגן נישט געהרגעט געוואָרן. זאָגט דער ריז צו איר: „ווייסטו וואָס? כ'האָב אַן אַנדער מיטל, ווי אַזוי פֿון אים פּטור צו ווערן: אין וואַלד איז דאָ אַ בוים מיט רויטע עפּל, און ווער סע גייט רײַסן די עפּל פֿון בוים, מוז אַרונטערפֿאַלן אין אַ קעלער אַרײַן, וווּ ס'זענען דאָ הונדערט גזלנים, און דאָרט וועט ער זיכער געהרגעט ווערן פֿון זיי." האָט זי געזאָגט: „גוט, כ'וועל אַזוי טון". און דער ריז איז צוריק אַרײַן אין קעלער און האָט זיך באַהאַלטן. ווען דאָס יינגל

איז אַהײמגעקומען און האָט געפֿרעגט: „מאַמע, װי אַזױ איז דיר? װאָס מאַכסטו?‟ האָט זי געזאָגט: „װען איך קען קריגן אַן עפּעלע פֿון יענעם בױם אין װאַלד, װאָלט איך זיך מחיה געװעזן‟. זאָגט ער: „יאָ, כ׳האָב געזען ערשט אין װאַלד אַ בױם מיט שײנע רױטע עפּל‟, און איז אַװעק קריגן די עפּל פֿאַר דער מוטער. אָבער װי ער איז געקומען צום בױם און איז אַרױפֿגעקראָכן רײַסן די עפּל, איז ער אַרונטערגעפֿאַלן אין קעלער פֿון די הונדערט גזלנים. און װי ער איז אַרונטערגעפֿאַלן אין קעלער, האָט ער דאָרט דערזען אַ מײדל. פֿרעגט אים דאָס מײדל: „װאָס טוסטו דאָ? מע װעט דיך נאָך דערהרגענען!‟ זאָגט ער: „האָב נישט קײן מורא, איך װעל נאָך דיך ראַטעװען‟. און װי זײ שטײען אַזױ, איז צוגעקומען דער עלטסטער גזלן און האָט געזאָגט צו אים: „דו קלײנער סמאַרקל, װאָס טוסטו דאָ?‟ האָט אים דאָס ייִנגל געגעבן אַ פּאַטש און האָט אים דערהרגעט. אַז די אַנדערע גזלנים האָבן דאָס דערזען, האָבן זײ זיך דערשראָקן. האָט ער געזאָגט צו זײ: „האָטס נישט קײן מורא, כ׳װעל אײַך גאָרנישט טון, נאָר אײן זאַך װיל איך פֿון אײַך, איר זאָלט מיר אַרױסגעבן דאָס מײדל‟. האָבן זײ אים אַרױס־געגעבן דאָס מײדל, און ער האָט זי אָפּגעפֿירט אַהײם, אין דאָרף צו איר פֿאָטער דעם אַרענדאַר. און זי האָט אים געגעבן אַ זײַדן טיכל מיט איר נאָמען פֿאַר אַן אָנדענק, און אַז זײ װעלן זיך אַ מאָל טרעפֿן, װעט זי מיט אים חתונה האָבן. און ער איז אַהײמגעגאַנגען מיט די עפּל צו דער מוטער.

אָפֿן צװײטן טאָג איז ער װידער אַװעק אָף יאַגד אין װאַלד אַרײַן, איז װידער אַרױסגעקומען דער ריז פֿון קעלער, און זי האָט אים דערצײלט, אַז דאָס מיטל האָט אױך נישט געהאָלפֿן, דאָס ייִנגל איז פֿון די גזלנים נישט געהרגעט געװאָרן. זאָגט דער ריז צו איר: „כ׳האָב אַן אַנדער עצה, װי אַזױ פֿון אים פּטור צו װערן: דאָ אין פּאַלעץ איז דאָ אַזאַ װאַנע מיט אַן אײַזערנעם דעק, און אַז ער װעט אַהײמקומען און װעט דיך פֿרעגן, װאָס דו מאַכסט, זאָלסטו זאָגן, אַז דו ביסט בעסער און דו װילסט, אַז ער

זאָל זיך אָפּבאָדן, ווײַל ער זעט אויס זייער פֿאַרשמוצט און מיד. און אַז ער וועט אַרײַנגיין אין דער וואַנע, זאָלסטו צו און צו־קלאַפּן די אײַזערנע דעק, און איך וועל אַרויסקומען פֿון קעלער און וועל פּטור ווערן פֿון אים." און אַז דאָס ייִנגל איז אַהיימ־געקומען און האָט געפֿרעגט דער מוטער, וואָס זי מאַכט, האָט זי געזאָגט, זי איז בעסער און האָט אים אָנגעפֿאַנגען בעטן, ער זאָל זיך אָפּבאָדן אין דער וואַנע. האָט דאָס ייִנגל פֿון אָנפֿאַנג נישט געוואָלט, נאָר זי האָט אים אַזוי לאַנג געבעטן, ביז ער האָט איר צו ליב געטון. און ווי ער האָט זיך אויסגעטון, האָט ער אויפֿ־געהאַנגען דאָס זייבעלע אָף דער וואַנט: וואָס דאַרף ער מורא האָבן? ס'איז דאָך זײַן מאַמע! איז ער אַרײַן אין דער וואַנע. אָבער ווי ער איז אַרײַן אין דער וואַנע, האָט זי צוגעקלאַפּט די אײַזערנע דעק און האָט אַרויסגערופֿן דעם ריז און האָט אים געצײַגט דאָס זייבעלע. האָט דער ריז זיך אָנגעטון דאָס זייבעלע, האָט אויפֿגעמאַכט דעם דעק פֿון דער וואַנע און האָט אַרויסגעלאָזט דאָס ייִנגל. דער־נאָך האָט ער אָנגעהיצט צוויי אײַזערנע שפּיזן און האָט דעם ייִנגל אויסגעברענט די אויגן, און האָט אים געגעבן אַ קאָפּ* אין הינטן אַרײַן און האָט אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון פּאַלעץ – „גיי!"

דאָס ייִנגל האָט שוין אָבער געוווּסט דעם וועג אין וואַלד, איז ער געגאַנגען בלינדערהייט, ביז ער האָט אָנגעטראָפֿן אַ בעטלער. פֿרעגט אים דער בעטלער: „וווּהין גייסטו?" זאָגט ער: „כ'ווייס נישט, וווּהין איך גיי, ווײַל איך בין בלינד". זאָגט דער בעטלער: „איך גיי אין דער און אין דער שטאָט, דאָרט איז אַ קייסערס אַ טאָכטער געראַטעוועט געוואָרן פֿון פֿערציק ריזן, אַ קליין ייִנגל האָט איר געראַטעוועט. דערפֿאַר קומט זי יעדן זונטיק אין קלויסטער און טיילט געלט צו אָרעמע לײַט." האָט זיך דאָס ייִנגל דערמאָנט אָן דעם קייסערס טאָכטער, וואָס ער האָט זי געראַטעוועט, און אָן דעם רינגל, וואָס זי האָט אים געגעבן אַ מתנה. איז ער מיטן

---

* אַ בריק.

בעטלער אַוועק צום קלויסטער, האָבן זיך אַוועקגעזעצט אָף די טרעפּ פונעם קלויסטער און ער האָט זיך איבערגעדרייט דאָס רינגל מיט איר נאָמען אָף אינעווייניק פון דער האַנט, זי זאָל עס נישט דערקענען. און ווען דעם קייסערס טאָכטער איז אַרויס פון קלויסטער און האָט אָנגעהויבן טיילן געלט צו די בעטלער, און אַז זי איז צוגעקומען צום יינגל און האָט אים געגעבן אַ מטבע אין דער האַנט אַריין, האָט זי דערקענט אָף זיין האַנט איר רינגל מיט איר נאָמען. האָט זי אים געפרעגט: „ווער ביסטו?“ האָט ער געזאָגט: „איך בין דער, וואָס כ'האָב דיך געראַטעוועט פון די פערציק רייזן“. האָט זי אים גענומען אין איר קאַרעטע און איז אַהיימגעפאָרן צו איר פאָטער, דעם קייסער, און האָט געזאָגט: „טאַטע, דאָס יינגל האָט מיך געראַטעוועט פון די פערציק רייזן און איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל מיט אים חתונה האָבן“. האָט דער פאָטער געזאָגט: „טאָכטער, וואָס ווילסטו טון? ער איז דאָך בלינד, ווי קענסטו מיט אים חתונה האָבן? כ'וועל אים בעסער געבן אַ פאַרמעגן, ער זאָל קענען לעבן רויק זיין גאַנץ לעבן.“ האָט די טאָכטער געזאָגט: „ניין, טאַטע, איך מוז מיט אים חתונה האָבן; ווען דו לאָזסט מיך מיט אים נישט חתונה האָבן, וועל איך מיט אים אַוועק אָף דער וועלט“. אָבער דער פאָטער האָט איר נישט געוואָלט נאָכגעבן. האָט זי זיך איבערגעדרייט אירע קליידער אָף דער לינקער זייט, זי זאָל אויסקוקן אָרעם, ווי אַ בעטלערין, און אַזוי איז זי מיט אים אַוועק אָף דער וועלט.

זענען זיי אַזוי לאַנג געגאַנגען, ביז זיי זענען געקומען אין אַ וואַלד אַריין. האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען און עפּעס עסן. האָט זי דערזען, ווי סע קוואַלט אַ וואַסער פון אַ שטיין. האָט זי געזאָגט צו אים: „ליבער מיינער! דאָ גייט וואַסער פון אַ שטיין, קום, וועל איך דיך אַ ביסל אָרומוואַשן.“ אַז זיי זענען צוגעקומען צום וואַסער, האָט זי גענומען מיט אַ טיכל אים אַרומוואַשן, און וואַשנדיק זיינע בלינדע אויגן האָט ער געגעבן אַ רוף אויס: „ס'דאַכט זיך מיר, אַז איך זע די שיין פון דער זון!“ ווי

זי האָט דאָס דערהערט, איז זי מיט אים געזעסן איין טאָג, אַ צווייטן טאָג און אַ דריטן טאָג און האָט אים געהאַלטן אין איין וואַשן די אויגן, ביז ער איז צוריק זעענדיק געוואָרן. האָט זי אים אַהיימגענומען צום פֿאָטער און האָט געזאָגט: „טאַטע, אָבער יעצט קען איך מיט אים חתונה האָבן?" האָט דער פֿאָטער געזען, אַז ער איז צוריק זעענדיק געוואָרן, האָט ער איינגעשטימט, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן, און זיי האָבן חתונה געהאַט. נאָך דער חתונה האָט ער זיך געזעגנט מיט זיין יונג ווייבל, האָט זיך גע־הייסן אָנזאָטלען אַ פֿערד און איז געפֿאָרן זען, וואָס זיין מאַמע מאַכט. און ווי ער איז צוגעקומען צום פּאַלעץ, איז ער אַרונטער־געשפּרונגען פֿונעם פֿערד און האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ בוים און האָט אַפּירגעקוקט. האָט ער דערזען, ווי די מאַמע גייט אין אָרעם געשלאָסן מיט דעם ריז שפּאַצירן. האָט ער איבערגעוואַרט, ביז ס'איז נאַכט געוואָרן, ווען די מוטער מיט דעם ריז זענען גע־גאַנגען שלאָפֿן, און האָט געזען, ווי דער ריז האָט אויפֿגעהאַנגען דאָס זייבעלע אָף דער וואַנט. און ווען זיי האָבן זיך געלייגט אין די בעטן, האָבן זיי אַרונטערגעדרייט דעם קנויט פֿונעם לאָמפּ, ס'זאָל ווערן טונקל אין שטוב. האָט ער איבערגעוואַרט ביז זיי זענען אַנטשלאָפֿן געוואָרן. איז ער אַריין דורכן פֿענצטער און האָט זיך אָנגעטון דאָס זייבעלע אָף זיין לייב. דערנאָך האָט ער אַרויס־געדרייט דעם קנויט פֿונעם לאָמפּ, אַז דאָס גלעזל פֿונעם לאָמפּ זאָל פּלאַצן, כּדי אַז די מאַמע מיטן ריז זאָלן זיך אויפֿכאַפּן. און ווען דאָס גלעזל האָט געפּלאַצט, האָט זיך די מאַמע אויפֿגעכאַפּט און האָט געגעבן אַ געשריי צום ריז: „טו דיר אָן דאָס זייבעלע!" אָבער דאָס זייבעלע איז שוין אָף דער וואַנט נישט געווען. האָט ער דעם ריז געהרגעט און די מוטער האָט ער צוגעבונדן צום בעט און האָט איר אָוועקגעלייגט אַ בינטל מיט היי און האָט איר געזאָגט: „דאָ האָסטו פֿאַר אַ יאָר צו עסן. און אַז כ'וועל צוריק־קומען און דו וועסט נאָך לעבן, וועל איך זען ווייטער, וואָס איך האָב מיט דיר צו טון." און ער איז צוריק אַוועק צו זיין ווייב.

אין אַ יאָר שפּעטער איז ער געגאַנגען ווידער זען זײַן מאַמען. האָט ער די מוטער געטראָפֿן טויט, האָט ער איר געטון איר רעכט. דערנאָך האָט ער אויסגערייניקט דעם פּאַלעץ און האָט געבראַכט זײַן ווײַב, די פּרינצעסין, אַהין. און זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט און האָבן געלעבט גליקלעך.

זיי איז גוט,
און אונדז איז נאָך בעסער;
זיי עסן דעם קוגל,
און אונדז לעקן מיר ס׳מעסער.

6. דער רופֿא און דער שוסטער

אַ מאָל איז געווען אַ רופֿא מיט אַ שוסטער. האָבן זיי ביידע געוווינט אונטער איין דאַך. דער רופֿא האָט זיך געטון זײַן מלאָכה און דער שוסטער האָט זיך געטון זײַן מלאָכה: דער רופֿא האָט געהיילט חולאים און דער שוסטער האָט פֿאַרריכט שיך. אַלע מאָל פֿלעג דער שוסטער אַרײַנקומען צום רופֿא און זען, ווי ער היילט חולאים. ער פֿלעג קוקן, אָבער ער האָט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען, אָבער ווען דער רופֿא פֿלעג היילן מיט ריצנאייל, דאָס האָט ער יאָ פֿאַרשטאַנען.

מיט אַ מאָל איז דער רופֿא געשטאָרבן, און דעמאָלסט האָט דער שוסטער איבערגענומען דעם רופֿאס מלאָכה און האָט אָנגעהויבן צו היילן קראַנקע. געהיילט האָט ער נאָר מיט ריצנאייל. אויב עמעצער איז געקומען צו אים מיט אַ קאָפּווייטיק, פֿלעג אים דער שוסטער הייסן אויסטרינקען אַ גלאָז ריצנאייל; אויב איינער איז געקומען מיט אַ צאָנווייטיק אָדער מיט אַ צעהאַקטן פֿינגער, האָט ער אויכעט אים געהייסן אויסטרינקען אַ גלאָז ריצנאייל. די איינציקע רפֿואה, וואָס ער האָט געהאַט פֿאַר אַלע חולאַתן, איז געווען ריצנאייל.

איין מאָל איז דעם קייסערס טאָכטער קראַנק געוואָרן, זי האָט געקריגן אַ מכּה אין האַלדז. דער קייסער האָט צו איר גערופֿן די בעסטע דאָקטוירים אין דער וועלט, און קיינער האָט איר נישט געקענט אויסהיילן, ביז וואַנעט די נײַס פֿונעם קייסערס טאָכטער איז אָנגעקומען אין דער שטאָט, ווו דער שוסטער האָט

געוווּנט. און אַז דער שוסטער האָט דערהערט די מעשׂה פֿון דער קראַנקייט, האָט ער גענומען אַ פּעסל ריצנאַייל מיט זײַן שוסטער=העמערל און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער שטאָט, ווו דער קייסער האָט געוווּנט. קומט ער צו צום קייסערס פּאַלעץ, גיט אים דער עלטסטער אַ פֿרעג: „וואָס ווילסטו?“ זאָגט ער: „איך וויל אַרײַנגיין אין פּאַלעץ“. „וואָס וועסטו טון אין פּאַלעץ?“ – ענטפֿערט דער שוסטער: „אַזוי ווי איך האָב געהערט, אַז דעם קייסערס טאָכטער איז קראַנק, זי האָט אַ מכּה אין האַלדז און קיין שום דאָקטער קען איר נישט אויסהיילן, וויל איך אַרײַנגיין און איר אויסהיילן“. אַז דער עלטסטער האָט געגעבן אַ קוק אויף דעם שוסטערל מיטן פּעסל ריצנאַייל און מיטן בערדל, האָט ער זיך צעלאַכט און געזאָגט אים: „אַז די גרעסטע דאָקטוירים האָבן איר נישט געקענט אויסהיילן, נעמסטו זיך אונטער איר אויסצוהיילן! ניין, כ'וועל דיך נישט אַרײַנלאָזן!“ דער שוסטער הייבט אים אָן בעטן: „וואָס אַרט דיך? אַז איך זאָג, כ'וועל איר אויסהיילן, וועל איך איר אויסהיילן.“ דער עלטסטער האָט זיך פֿון אים נישט געקענט אָפּטשעפּען, איז ער אַוועקגעגאַנגען און האָט דאָס דערציילט דעם קייסער: „עפּעס אַ יידל טשעפּעט זיך צו מיר און וויל, איך זאָל אים אַרײַנלאָזן אין פּאַלעץ אַרײַן. ער זאָגט, אַז ער קען אויסהיילן דעם קייסערס טאָכטער.“ נאָר אַזוי ווי דער קייסער האָט זיך שוין סײַ ווי סײַ מיאש געווען, האָט ער אים געהייסן אַרײַנלאָזן. נאָר פֿון דעסט וועגן גיט ער אַ זאָג צו אים: „הער אויס, שוסטערוק! אויב דו וועסט נישט אויסהיילן מײַן טאָכטער, וועל איך הייסן, מע זאָל דיר אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ.“ „גוט, זאָגט דער שוסטער, איך נעם זיך אונטער“.

דער שוסטער גייט אַרײַן צום קייסערס טאָכטער אין חדר, ער גיט אַ קוק, זי ליגט אָפֿן בעט, דעם האַלדז אַרומגעבונדן און קוים קוים וואָס זי אָטעמט שוין. נעמט ער אַראָפּ דאָס פּעסל ריצנאַייל פֿונעם אַקסל און נעמט דאָס העמערל און וויל אויפֿעפֿענען ס'פּעסל. ער האָט אָבער געגעבן אַ האַק אין אַ רייף און דאָס פּעסל האָט געפּלאַצט און דער גאַנצער ריצנאַייל האָט זיך צע-

גאָסן אָף דער בריק. און אַזוי ווי דאָס שוסטערל איז געגאַנגען שטיוול מיט פּידקאָוועס, האָט ער זיך געגעבן אַ גליטש אויס, איז ער געפֿאַלן און האָט מיט דער באָרד אויסגעווישט די בריק מיטן ריצנאייל. האָט זיך דעם קייסערס טאָכטער זייער שטאַרק צעלאַכט, האָט איר די מכּה אין האַלדז געפּלאַצט און זי איז געזונט געוואָרן.

ס׳איז געוואָרן אַ גדולה, אַ שׂימחה אין פּאַלעץ, און דער קייסער גייט צו צום שוסטער און זאָגט אים: „אויב דו האָסט אויסגעהיילט מײַן טאָכטער, גיב איך זי דיר פֿאַר אַ ווײַב און אַ האַלבע מדינה פֿאַר אַ מתּנה״. און שוין.

7. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקע מיט אַ סך קינדערלעך

ערשטע מעשׂה

אַ מאָל איז געווען אַ באָבעצקע, האָט זי געהאַט אַ סך, אַ סך קינדערלעך. איין מאָל האָט די באָבעצקע געדאַרפֿט אַוועקגיין אין וואַלד קלײַבן שפּענדעלעך, האָט זי אָנגעזאָגט אירע קינדערלעך, אַז טאָמער וועט ווער קומען, זאָלן זיי קיינעם ניט אַרײַנלאָזן. דער עיקר זאָלן זיי זיך היטן פֿאַר דעם גרויסן בער, וואָס דרייט זיך אַרום אין וואַלד אַרום הויז.

אַז די באָבעצקע איז אַוועק אין וואַלד קלײַבן שפּענדעלעך, האָבן גענומען די קינדערלעך און האָבן פֿאַרמאַכט אַלע פֿענצטער און פֿאַרקייטלט אַלע טירן און האָבן זיך באַהאַלטן: איינער אויפֿן אַלמער און איינער אונטערן אַלמער, איינער אויפֿן בעט און איינער אונטערן בעט, איינער אויפֿן אויוון און איינער אונטערן אויוון, איינער אויפֿן קוימען און איינער אונטערן קוימען. נאָר דער קלײנינקער העשעלע האָט מער ניט געפֿונען קיין אָרט, אַוווּ זיך צו באַהאַלטן, ווײַלע אַלע ערטער זײַנען שוין געווען פֿאַרנומען; האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ קלײנינקער פֿלעשעלע. דערווײַלע איז פֿאַרבײַגעגאַנגען דער גרויסער בער פֿאַרבײַ הויז, האָט ער געזען ווי די באָבעצקע איז אַוועק אין וואַלד קלײַבן שפּענדעלעך, טראַכט ער זיך: „כ'וועל אַרײַן און אויפֿעסן אַלע קינדערלעך“. קלאַפּט ער אָן אין טיר: „קינדערלעך, קינדערלעך, עפֿנט מיר!“ קיינער ענטפֿערט ניט. זאָגט ער ווידער: „קינדערלעך, קינדערלעך, כ'וועל אײַך געבן שוואַרצע יאַגדעלעך!“ זאָגן די קינדערלעך: „ניין, מיר האָבן

אַליין!" זאָגט עד ווידער: „קינדערלעך, קינדערלעך, כ׳וועל אײַך געבן בלאָע יאַגדעלעך!" זאָגן די קינדערלעך: „ניין, מיר האָבן אַליין!" האָט דער בער געזען, אַז זיי ווילן ניט עפֿענען, איז ער אַוועק צום קאָוואַל און האָט זיך גוט אָנגעשמידט דעם ת... מיט אײַזן און געקומען צוריק און געזאָגט: „קינדערלעך, קינדערלעך, אַז איר וועט ניט עפֿענען, וועל איך אַליין אַרײַן!" זאָגן די קינדערלעך: „מיר האָבן פֿאַר דיר קיין מורא ניט! מירן בעסער פֿאָלגן דער באָבעצקע!" איז דער בער געוואָרן אין כּעס, האָט ער זיך אומגעקערט מיטן אָנגעשמידטן ת... צום טיר און האָט געגעבן אַ זעץ — איז די טיר צעבראָכן געוואָרן אַף פּיץ־פּיצעלעך. איז דער בער אַרײַן אין שטוב און האָט אופֿגעזוכט אַלע קינדערלעך און האָט געעפֿנט די גרויסע מויל און געמאַכט: „האַם! האַם!" און האָט אופֿגעגעסן אַלע קינדערלעך. נאָר דעם קלײנינקן העשעלע, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין קלײנינקן פֿלעשעלע, האָט דער בער ניט געקאָנט געפֿינען, איז ער צוריק אַוועקגעלאָפֿן אין וואַלד.

אַז די באָבעצקע איז געקומען אַהיים, האָט זי ניט געפֿונען די קינדערלעך. האָט זי זיי גענומען רופֿן און שרײַען: „קינדערלעך, קינדערלעך, אַווּ זײַט איר?" קיינער ענטפֿערט ניט. „קינדערלעך, קינדערלעך, אַווּ זײַט איר?" קיינער ענטפֿערט ניט. האָט זי זיי גענומען זוכן. זי זוכט אין פּירהויז — ניטאָ! זי זוכט אַפֿן בוידעם — ניטאָ! האָט זי ווידער גענומען שרײַען און רופֿן: „קינדערלעך, קינדערלעך, אַווּ זײַט איר?" דערווײַלע האָט דער קלײנינקער העשעלע, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין קלײנינקן פֿלעשעלע, דערהערט, אַז די באָבעצקע רופֿט, איז ער אַרויס און האָט איר דערציילט די גאַנצע מעשׂה: ווי ס׳איז געקומען אַ בערעלע און האָט צעבראָכן די טיר און האָט אופֿגעגעסן אַלע קינדערלעך. ווי די באָבעצקע האָט דאָס דערהערט, האָט זי גענומען אַ גרויסן מעסער און איז אַוועק צום קאָוואַל און האָט אים גוט אָנגעשאַרפֿט און באַהאַלטן אונטערן פֿאַרטעך, דערנאָך איז זי אַוועק אין וואַלד און גענומען רופֿן: „בערעלע, בערעלע, קום צו מיר אין שטוב

אַרײַן!" „כ'וויל ניט!" – זאָגט זי: „בערעלע, בערעלע, כ'וועל דיר געבן קאַשע מיט מילך!" „כ'וויל ניט!" – זאָגט זי ווידער: „בערעלע, בערעלע, קום זיך לויזן!" „כ'וויל!" האָט די באָבעצקע אָוועקגעלייגט דעם בערעלע אַפֿן שויס און האָט אים גענומען לויזן. און דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען פֿון אונטערן פֿאַרטעך דעם אָנגעשאַרפֿטן מעסער און געמאַכט איבער דעם בערעלעס בײַכעלע כיך! כיך!, זײַנען אַרויסגעפֿאַלן אַלע קינדערלעך. האָט זי גענומען די קינדערלעך און האָט זיי גוט אַרומגעוואַשן און אַרומגעפוצט און פֿאַרקאַמט און האָט זיי אָנגעטאָן נײַע הייזעלעך מיט נײַע שיכעלעך און זעקעלעך, אַרופֿגעזעצט אַף דער לאָפּעטע און געמאַכט: „פּוץ, אין חדר אַרײַן!"

אַ פֿלעקל אַרײַן,
אַ פֿלעקל אַרויס –
די מעשה איז אויס!
אַ פֿלעקל אַרויס,
אַ פֿלעקל אַרײַן –
די מעשה איז גאָר פֿײַן!

8. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקע מיט אַ סך קינדערלעך

צווייטע מעשׂה

א מול אי געווען אַ [ד]זשאַדעלע=באַדעלע, זיי אָבן געהאַט אַ סך, אַ סך קינדערלעך. דזשאַדעלע=באַדעלע איז געגאַ[נ]גען קלײַבן אין וואַלד שפּענדעלעך אין די קינדערלעך אָבן זעך אַנגעשפּאַרט אין שטיב אין אָבן זעך באַהאַלטן: איינס אָפֿן בעט אין איינס אינטערן בעט, איינס אָפֿן טיש, איינס אינטערן טיש, איינס אָף די שפּאָר, איינס אינטער די שפּאָר, איינס אָפֿן שפּיגל, איינס אינטערן שפּיגל, איינס אָף די שיפּאָן, איינס אינטער די שיפּאָן. נאָר ראָכעלע אָט שוין נישט געהאַט ווי צי לייגן זעך, איז זי אַראָפּגעקראָכן אָפֿן בוידעם אין אָט זעך באַהאַלטן אין אַ קעסטל פּעדערן.

אָף איין מול קימט צי גיין דער בער און שרײַט: „קינדערלעך, קינדערלעך, מאַכטס מיר אָף די טיר!“ אָבן די קינדערלעך געשריגן: „נ אַ י ן!“ אָט דער בער נאָך אַ מאָל געשריגן: „קינדערלעך, קינדערלעך, מאַכטס מיר אָף די טיר!“ דער בער האָט אַזוי לאַנג געשריגן אין געשריגן, ביז וואַנט ער איז ברוגז געוואָרן אין איז געגאַנגען צים שמיד אין זעך גלאָזט מאַכן אַן אַזערנעם ת... איז ער געקימען צי דע טיר אין דעם אײַזערנעם ת... געגעבן אַ זעץ אין טיר, האָט זעך די טיר אָפּגעבראָכן, איז ער אַראַנגעגאַנגען אין אָפּגעגעסן אַלע קינדערלעך, נאָר רחלי, וואָס האָט [זעך] באַהאַלטן אָפֿן בוידעם אינעם קעסטל פּעדערן – זי אָט דער בער נישט אָפּגעגעסן.

קימט אַהיים דזשאַדעלע־באַדעל[ע] פֿין וואַלד אין טרעפֿט נישט די קינדערלעך, גייט זי אָפֿן בוידעם, טרעפֿט זי רחלען באַהאַלטן אין אַ קעסטל פֿעדערן, פֿרעגט זי: „רחלע, ווי זענען די קינדערלעך?“ זאָגט רחלע: „דער בער אָט זע אָפֿגעגעסן“. גייט די באַבעצע צים בער אין זאָגט: „בער, בער, קים דיך לאָזן, אין עך גע דיר פּיטער־ברויט.“ זוגט דער בער: „נאַין“. זאָג[ט] דזשאַדעלע: „קים זעך לאָזן, כ׳גע דיר לעקוואַרברויט. זאָג[ט] דער בער: „נאַין“. זאָג[ט] די באַבעצע: „קים דעך לאָזן, כ׳גע דיר ראַז מיט מילעך.“ זאָג[ט] דער בער: „יאָ“. דער אָט געלאָזט לאָזן, איז אַנגעשלאָפֿן. איז געגאַנגען די באַבעצע, אָט גענימען אַ מעסער, אָט אָפֿגעשניטן דעם בער דעם באָך אין אָט אַראָסגענימען אַלע, אַלע קינדערלעך, אָט זיי שאַין אָגעוואַשן, שאַין אָגעבאָדן אין שאַין אָנגעטין אין געגעבן יאָזענס אין שפּעטער געשיקט אין חדר אַראַן.

9. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקע מיט אַ סך קינדערלעך

דריטע מעשׂה

דזשאַדעלע-באַדעלע: „כ׳אָב ניש קאַן האָלץ. כ׳גיי אַוועק קויפֿן האָלץ. כ׳געב ענק עפּל אין ביר אין שפּאַר צי דע טיר, לאָזט ניש אַראַן קיינעמען.“ דענאָך דעם איז געקימען דער מעדוועוד].

„קינדערלעך, קינדערלעך, קינדערלעך, מאַכטס אָף דע טיר, כ׳געב ענק עפּל אין ביר“. זאָגן זיי: „נאַין, איינדז בראָך מער ניש“. זאָג[ט] דער מעדוועו[ד]: „קינדערלעך, קינדערלעך, מאַכטס אָף דע טיר, „כ׳געב ענק אין פּיטערברויט.“ זאָגן זיי: „איינדז בראָכן מער ניש“. דער מעדוועד אָט אַ קלאַפּ געגעבן אין דע טיר, אָט זעך אופגעמאַכט דע טיר, איז ער אַראַנגעגאַנגען אין אָט אָפּגעגעסן אַלע קינדערלעך. איינער אי געבליבן אין שיפֿאָן *.

איז אַהאַימגעקימען דער דזשאַדעלע-באַדעלע, איז אַראָסגעקימען דע אינגל פֿין שיפֿאָן, ער אָט געזאָג[ט]: „דו איז געוועזן דע מעדוועד, אָט אָפּגעגעסן אַלע קינדערלעך“. איז אַראָסגעגאַנגען דע דזשאַדעלע-באַדעלע מיט אַ מעסער אין געכאַפּט דעם מעדוועד, אָפּגעשניטן דע באָך. זענען אַראָסגעלאָפּן אַלע קינדערלעך. זיי אָבן געלעבט אין זענען ניש געשטאָרבן. שוין.

---

* קליידערשאַנק.

10. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקע מיט אַ סך קינדערלעך

פֿערטע מעשׂה

אַ מאָל אי געווען אַ רבֿ מיט אַ רביצין. דער רבֿ איז אַוועקגעגאַנגן אין שיל אַראַן אין די רביצין אין מיל אַראַן אין ז׳אָט איבערגעלאָזט אַלע קינדערלאַך. איינס אָט געהייסן שׂרהלע, איינס רבֿקהלע אין איינס האָט געהייסן דבֿורהלע אין אַז״וו.

איז געקימין צי גיין ס׳בערעלע אין גיזאָגט: „קינדערלאַך, קינדערלאַך, עפֿנט אָף די טיר.“ זאָגן די קינדערלאַך: „וויל עך ניש“. זאָגט ער נאָך אַ מאָל: „קינדערלאַך“ אאַז״וו.

איז אַוועקגעגאַן דאָס בערעלע אין אָט זיך אָנגעקאָוועט דעם ת. אין איז געקימען צי גיין אין אָפּגעבראָכן די טיר אין איז אַראַן אין אָט אָפּגעגעסן אַלע קינדערלאַך.

דערנאָך איז געקימען דער רבֿ פֿין דער שיל אין די רביצין פֿין דער מיל אין אָבן געפֿרעגט: „שׂרהלע, ווי זענען די קינדערלאַך“, אָט זי געזאָגט: |: ווייס איך נישט :|

איז מען אַוועק אין מען אָט געכאַפּט דאָס בערעלע, מען אָט אים אָפּגעשניטן דעם בויך אין מען [האָט] אַרויסגענימען אַלע קינדערלעך. אין מע אָט אַרײַנגעוואָרפֿן שטיינדעלעך אין ביינדעלעך קלינגען אין בויך אין משהלע מיט דער כּלה וועלן עס[ן] די גילדענע יאָך.

11. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקע מיט אַ סך קינדערלעך

פֿינפֿטע מעשׂה

אַ מאָל איז געווען אַ רבֿ מיט אַ רביצין, האָבן זיי געהאַט אַ סך קינדערלעך. איינעם האָט מען גערופֿן משהלע און איינער מייטעלע, איינעם כאַצקעלע און איינער כאַסקעלע, איינעם טעוועלע און איינער טײַבעלע און נאָך אַ סך, אַ סך.

איין מאָל איז דער רבֿ מיט דער רביצין געגאַנגען אין באָד אַרײַן, האָבן זיי געהייסן די קינדערלעך פֿאַרשליסן די טיר און קיינעם ניט אַרײַנלאָזן. האָבן די קינדערלעך פֿאַרשלאָסן די טיר און זיך באַהאַלטן: איינער אַפֿן אויוון און איינער הינטערן אויוון, איינער אַפֿן בעט און איינער הינטערן בעט, איינער אַפֿן אַלמער און איינער אין אַלמער. איז געקומען צו גיין אַ בער און האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין טיר: „קינדערלעך, קינדערלעך, עפֿנט מיר!“ זאָגן די קינדערלעך: „ניין!“ זאָגט דער בער: „קינדערלעך, קינדערלעך, כ׳וועל אײַך געבן ברויט מיט האָניק!“ זאָגן די קינדערלעך: „ניין!“ איז דער בער געוואָרן אין כּעס, האָט ער געגעבן אַ פּ... אין טיר, האָט זיך די טיר צעבראָכן אַף פּיצלעך, איז ער אַרײַן אין שטוב און האָט אופֿגעגעסן אַלע קינדערלעך. נאָר משהלען האָט ער ניט אופֿגעגעסן, ווײַלע ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַלמער.

אַז דער רבֿ מיט דער רביצין זײַנען געקומען פֿון באָד, האָבן זיי ניט געפֿונען די קינדערלעך, האָבן זיי גענומען שרײַען: „קינדערלעך, קינדערלעך, אַוווּ זײַט איר?“ איז משהלע אַרויס פֿון

אַלמער און האָט זיי דערציילט די גאַנצע מעשׂה. איז דער רבֿ מיט דער רביצין אַוועקגעלאָפֿן אין וואַלד זוכן דעם בער. זײַנען זיי געלאָפֿן און געלאָפֿן, ביז זיי האָבן געכאַפּט דעם בער. האָבן זיי אים גענומען און אַוועקגעפֿירט אין באָד, אַרופֿגעשלעפּט אַפֿן אייבערשטן פּאָל און אופֿגעשניטן די בויך און אַרויסגענומען אַלע קינדערלעך. און דערנאָך האָבן זיי אַלע קינדערלעך אַרומגעריבן און אַרומגעוואַשן און געשיקט אַהיים שלאָפֿן. אָבער דעם בער האָבן זיי פֿאַרנייט אין בויך שטיינער מיט ביינער, העלצער מיט פֿלעקער און אַרויסגעטריבן. איז ער געלאָפֿן, האָט אים געטאָן אַ שטאָך; איז ער געקראָכן, האָט אים געטאָן אַ בראָך.

אַ פֿלעקעלע אַרײַן,
אַ פֿלעקעלע אַרויס –
די מעשׂה איז אויס!

12. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקע מיט אַ סך קינדערלעך

זעקסטע מעשׂה

אַ מול איז געווען אַ באַבאַטשקעלע, אָט זי געאַט זייער אַ סך קינדערלאַך. איז זי איין מאָל געגאַנגען [אין] וואַלד אַרײַן קלײַבן שפּענדאַלאַך. אָט זי אָנגעזוגט די קינדאַרלאַך, זיי זאָלן זיך באַאַלטן און קיינעם ניט אַרײַנלאָזן. אָבן זאַך די [קינדערלאַך] באַאַלטן.

איז געקומען דער בער אין האָט געקלאַפּט אין טיר און זוגט, „קינדערלאַך, קינדערלאַך, לאָזט מיר אַרײַן". אָבן זיי געזוגט: |: קיינער איז נישטו: | איז ער אַוועקגעגאַנגען צי[ם] קאָוואַל און האָט זיך געלאָזט אָנקאָווען דעם ת. און איז צוריקגעקומען און האָט געגעבון אַ קלאַפּט און איז אַרײַן און אויפֿגעגעסן אַלע קינדערלאַך.

נאָר משהל, וואָס איז געליגן אין אויוון, האָט ער אים ניט געזען און ניט אויפֿגעגעסן.

קומט צוריק דאָס באַבאַטשקעלע, זעט זי אַלע קינדערלאַך זענען נישטאָ, זאָגט זי: „קינדערלאַך, ווו זענט איר?" אַז משהלע האָט דערהערט איר קול, איז ער אַרויסגעקראָכן פֿין ווו ער איז געליגן באַאַלטן און אָט איר דערציילט, אַז עס איז געקומען דער בער אין ציבראָכון די טיר און אויפֿגעגעסן אַלע קינדערלאַך.

איז געגאַנגען דאָס באַבאַטשקעלע און האָט גערופֿון דעם בער און האָט געזאָגט: „בער, בער, קים זעך לוזן". אָט ער געז[אָגט]: „עך וויל נישט". זאָגט זי: „בער, בער, קים, כ'ועל דיר גיבון קאָשע מיט מילעך!" זוגט ער: „אַ[יאָ], קאָשע מיט מילאַך האָב אַך

ליב.״ אָט ער געגעסן קאַשע מיט מילעך אַזוי פֿיל, אַז ס׳האָט אים געפּלאַצט דער בויך, זעגען אַרויסגעפֿאַלן אַלע קינדערלאַך. האָט דאָס באַבאַ[טשקעלע] זיי אָפּגעוואַשן, אָפּגעצוואָגן, אָנגעטאָן אין נײַע העמדעלעך, שיכעלעך, זעקעלאַך, ק[לײדעלעך], האָט זיי געגעבן טעפּעלעך קאַשע מיט מילעך און אָט זיי אויפֿגעזעצט אָף דער לאָ־פּעטע און האָט געזאָגט: „הײַדאַ אין חדר אַראַן! ווער ס׳וועט ציברעכן אַ טעפּעלע, דעם וועל איך ציברעכן דאָס קעפּל. זענען זיי געקימען אין חדר אַרײַן, האָבן אויסגעשטעלט די טעפּעלעך אויף דער פּאָליצע. איז געפֿלויגן דער רבצין[ס] האָן און האָט אַראָפּגעוואָרפֿן משהלעס טעפּעלע, האָט אים דאָס באַבאַטשקעלע אָפּ־געהאַ[ק]ט דאָס קעפּעלע.

13. אַ מעשׂה פֿון אַ באָבעצקע מיט אַ סך קינדערלעך

זיבעטע מעשׂה

אַ מאָל און אַ מאָל איז געווען אַ באַבאַלע. האָט זי געהאַט אַ סאַך קינדערלעך. אַ מאָל איז דאָס באַבאַלע אַוועקגעגאַנגען, האָבן זיך די קינדערלעך אַלע באַהאַלטן: איינס אויף דער שאַנק, איינס אונטער דער שאַנק, איינס אויפֿן בעט, איינס אונטערן בעט, איינס אויפֿן אויוון, איינס אונטערן אויוון. איז דאָס באַבאַלע צוריקגעקומען און אויסגערופֿן: „קינדערלעך, קינדערלעך, עפֿנט מיר!“ „איך וויל נישט.“ – „קינדערלעך, קינדערלעך, עפֿנט מיר!“ „איך וויל נישט!“ איז דאָס באַבאַלע בייז געוואָרן און האָט געגעבן אַ פֿ... אין די טיר אַריין, האָט זיך די טיר גע-געפֿנט, און [זי] האָט אַלע קינדערלעך אַרויסגעיאָגט.

14. משהלע און שיינדעלע

ערשטע מעשׂה

אַ מאָל איז געווען אַ רבֿ מיט אַ רביצין, האָבן זיי געהאַט צוויי קינדערלעך, אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע. דעם ייִנגעלע האָט מען גערופֿן משהלע און דער מיידעלע שיינדעלע. האָט די רביצין געדאַרפֿט אַוועקגיין אין שול, האָט זי געלאָזן פֿאַר ביידע קינדערלעך עסן — משהלען אין אַ טעפּעלע און שיינדעלען אין אַ שיסעלע. האָט זי זיי אָנגעזאָגט: „משהלע, אַז דו וועסט צעברעכן דעם טעפּעלע, על איך דיר צעברעכן די קעפּעלע! שיינדעלע, אַז דו וועסט צעברעכן די שיסעלע, על איך דיר צעברעכן די פּיסעלע!“ און די רביצין איז אַוועק אין שול. האָט שיינדעלע אָפּגעגעסן, האָט זי אויסגעוואַשן די שיסעלע און אַוועקגעשטעלט אין גראַטקע*. האָט משהלע אָפּגעגעסן, האָט ער געלאָזן שטיין דעם טעפּעלע אויפֿן באַנק און אַליין איז ער אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן גאַס שפּילן זיך. איז אַריַין דער גילדענער האָן און האָט צעבראָכן דעם טעפּעלע. ווי משהלע איז אַריַין אין שטוב, האָט ער דערזען דעם צעבראָכענעם טעפּעלע, איז ער באַלד אַרויף אויפֿן בוידעם און זיך באַהאַלטן אין אַ קאַטקע** פֿון פֿעדערן.

אַז די רביצין איז אַריַין פֿון שול און האָט דערזען דעם צעבראָכעגעם טעפּעלע, האָט זי אָנגעהויבן רופֿן: „משהלע, משהלע, קום אַרונטער, כ׳וועל דיר אויסקאַמען די קעפּעלע!“ האָט

---

* פּאָליצע. ** אַ קליין פֿעסל.

ער ניט געענטפֿערט. רופֿט זי ווײַטער: „משהלע, משהלע, כ׳על דיר געבן פּוטער מיט קוכן!" אָט משהלע דערערט, אַז די מאַמע וויל אים געבן פּוטער מיט קוכן, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בוידעם. אָט אים די רביצין געגעבן פּוטער מיט קוכן און אויסגעקאַמט די קעפּעלע און געלייגט שלאָפֿן. ווי משהלע אָט נאָר איינגעשלאָפֿן, אָט די רביצין גענומען אַ מעסער און אָט אים געקוילעט און אָט אָפּגעקאָכט דערפֿון אַ ראָסל. אַז דער רבֿ איז געקומען פֿון שול, פֿרעגט ער: „אַוווּ איז משהלע?" זאָגט זי: „משהלע שפּילט זיך אין גאַס" און אָט דערווײַלע געגעבן דעם רבֿ וועטשערע. ווי דער רבֿ אָט פֿאַרזוכט דעם ראָסל, אָט ער געזאָגט: „עס הערט זיך מענטשפֿלייש!" דערנאָך אָט שײנדעלע צונויפֿגענומען די ביינדעלעך, איז אַרויס אַפֿן גאַס און אָנגעהויבן קאָרמענען די פֿייגעלעך. אָבן די פֿייגעלעך רחמנות געאַט, אָבן זיי אויפֿגעקליבן די ביינדעלעך און אַרויפֿגעלייגט אַפֿן דאַך. און דערפֿון איז משהלע צוריק לעבעדיק געוואָרן.

איז משהלע געבליבן שטיין אַפֿן דאַך אַ נאַקעטער. גייט פֿאַרבײַ אַ ייִד מיט עמדעלעך. שרײַט משהלע: „רב ייִדעלע! רב ייִדעלע! שענקט מיר אַ עמדעלע, וועל איך אײַך זינגען אַ לידעלע:

די מאַמע אָט מיר געקוילעט,
דער טאַטע אָט מיר געגעסן,
און מײַן שוועסטערל שײנדעלע
אָט צונויפֿגענומען מײַן ביינדעלע
און געוואָרפֿן צו די פֿייגעלעך."

אָט דער ייִד אַף אים רחמנות געאַט, אָט ער אים געגעבן אַ עמדעלע. דערנאָך אי פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ שנײַדערל. שרײַט ער: „שנײַדערל! שנײַדערל! שענק מיר אַ גאַרניטערל, על איך דיר זינגען אַ לידעלע:

די מאַמע האָט מיר גיקוילעט.
דער טאַטע האָט מיר געגעסן,
און מיין שוועסטערל שיינדעלע
האָט צונויפגענומען מיין ביינדעלע
און געוואָרפן צו די פייגעלעך."

האָט דער שניַידערל אַף אים רחמנות געהאַט. האָט ער אים געגעבן אַ גאַרניטערל. דערנאָך איז פאַרבייַגעגאַנגען אַ שוסטערל. שרייַט משהלע: „שוסטערל! שוסטערל! שענק מיר אַ פּאָר שטיוועלעך, וועל איך דיר זינגען אַ לידעלע:

די מאַמע האָט מיר געקוילעט,
דער טאַטע האָט מיר געגעסן,
און מייַן שוועסטערל שיינדעלע
האָט צונויפגענומען מייַן ביינדעלע
און געוואָרפן צו די פייגעלעך."

האָט דער שוסטערל אַף אים רחמנות געהאַט, האָט ער אים געגעבן אַ פּאָר שטיוועלעך. דערנאָך איז פאַרבייַגעגאַנגען אַ קירזנערל. שרייַט משהלע: „קירזנערל! קירזנערל! שענק מיר אַ היטעלע, על איך דיר זינגען אַ לידעלע:

די מאַמע האָט מיר געקוילעט,
דער טאַטע האָט מיר געגעסן,
און מייַן שוועסטערל שיינדעלע
האָט צונויפגעקליבן מייַן ביינדעלע
און געוואָרפן צו די פייגעלעך!"

האָט דער קירזנער אַף אים רחמנות געהאַט, האָט ער אים געגעבן אַ היטעלע. אַז משהלע איז שוין געווען אין גאַנצן אָנגעטאָן, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון דאַך און געלאָפן אַהיים. האָט ער געזען דורכן פענצטער, ווי די מאַמע זיצט און וויינט: „משהלע, מייַן קינד, אַוווּ ביסטע איצטער? וואָס האָב איך געהאַט צי דיר? פאַר

וואָס אָב איך דיר געקוילעט?" אַז משהלע אָט דערערט דעם געוויין פֿון דער מאַמען, איז ער מיט אימפּעט אַרײַן אין שטוב. אַז די מאַמע אָט דערזען משהלען, אָט זי אים גלײַך געכאַפּט אין אירע אָרעמס און גענומען קושן און וויינען פֿאַר שׂימחה. און זי אָט געשוואָרן, אַז זי וועט שוין קיין מאָל צו אים ניט זײַן שלעכט, און אָט אים צוגעזאָגט, אַז פֿון איצט אָן וועט אים זײַן זייער גוט בײַ איר. און משהלע איז אײַנגעשלאָפֿן.

אַ פֿלעקל אַרײַן,
אַ פֿלעקל אַרויס,
די מעשׂה איז אויס!

15. משהלע און שיינדעלע

צווייטע מעשׂה

אַ מאָל איז געווען אַן אָרעמער האָלצהעקער, האָט ער געהאַט אַ ווײַב מיט צוויי קלײנע קינדער, אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע. האָט מען דעם ייִנגעלע גערופֿן משהלע און דער מיידעלע שיינדעלע. אַז דעם האָלצהעקערס ווײַב איז געשטאָרבן, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער ווײַב, איז זי אָבער געווען אַ גרויסע מרשעת און אַ בייזע שטיפֿמאַמע צו די קינדער.

איין מאָל איז דער האָלצהעקער אַוועק אין וואַלד האַקן האָלץ, און די שטיפֿמאַמע איז געגאַנגען אין מאַרק אײַנקויפֿן אַף שבת, האָט זי אַפֿריִער געגעבן די קינדער עפּעס צו עסן: משהלען אין אַ טעפּעלע און שיינדעלען אין אַ שיסעלע, און זי האָט זיי אָנגעזאָגט: „משהלע, אַז דו וועסט צעברעכן דעם טעפּעלע, וועל איך דיר אַראָפּהאַקן די קעפּעלע! שיינדעלע, אַז דו וועסט צעברעכן די שיסעלע, וועל איך דיר אַראָפּהאַקן די פֿיסעלע!“ און זי האָט געטאָן אַ קלאַפּ מיטן טיר און איז אַוועקגעגאַנגען. האָבן די קינדערלעך מורא געהאַט צו עסן, טאָמער צעברעכט זיך עפּעס. דערווײַלע האָט דער האָן געטאָן אַ פֿלי אַפֿן טיש און האָט אַראָפּגעוואָרפֿן דעם טעפּעלע, איז ער צעבראָכן געוואָרן אויף פּיץ-פּיצעלעך. אַז משהלע האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך דערשראָקן און האָט אָנגעהויבן צו וויינען. האָט אים שיינדעלע אײַנגענומען און געזאָגט: „שאַ, משהלע, וויין ניט, כ׳וועל קיינעם ניט אויסזאָגן“. און זי האָט גענומען די שערבעלעך און פֿאַרשאַרט אין אַ ווינקעלע.

אַז די שטיפֿמאַמע איז געקומען אַהיים, האָט זי ניט געפֿונען דעם טעפּעלע. פֿרעגט זי משהלען: „אַווו איז דער טעפּעלע?" זאָגט ער: „כ'ווייס ניט, דער האָן האָט צעבראָכן!" איז די שטיפֿמאַמע געוואָרן אין כּעס, נאָר זי האָט זיך גאָרניט ווייסנדיק געמאַכט. דערנאָך זאָגט זי צו משהלען: „משהלע, קום, כ'וועל דיר אויסצוואָגן די קעפּעלע!" איז משהלע געגאַנגען. האָט זי אים אַרײַנגעפֿירט אין קאַמער און האָט אים אַראָפּגעהאַקט די קעפּעלע און האָט דערפֿון אָפּגעקאָכט אַ וועטשערע.

אַז דער האָלצהעקער איז געקומען אַהיים פֿון וואַלד, פֿרעגט ער: „ווו איז משהלע?" זאָגט די שטיפֿמאַמע: „כ'ווייס ניט!" האָבן זיי זיך געזעצט צום טיש עסן וועטשערע. האָבן זיי געגעסן די יויך מיט די פֿלייש. און שיינדעלע האָט פֿון גאָרניט ניט געוווּסט, האָט זי אויסגעסמאָקצעט די ביינדעלעך און אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענצטער. איז אַף זיי אָנגעוואַקסן אַ בערגעלע ערד. און אַז עס איז געקומען דער ליבער זומער, איז פֿון דעם בערגעלע ערד אַרויסגעוואַקסן אַ נײַער משהלע. שטייט זיך משהלע אַפֿן בערגעלע ערד. זעט ער, עס גייט פֿאַרבײַ אַ שנײַדער. שרײַט ער: „שנײַדערל, שנײַדערל! מאַך מיר אַ פּאָר הייזעלעך, וועל איך דיר זינגען אַ לידעלע:

די מאַמע האָט מיך געקוילעט,
דער טאַטע האָט מיך געגעסן;
און מיין שוועסטער שיינדעלע
האָט אויסגעסמאָקצעט מײַן ביינדעלע
און אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענצטער!"

אַז דער שנײַדער האָט געהערט די לידעלע, האָט ער אַף אים רחמנות געהאַט און אים געמאַכט אַ פּאָר הייזעלעך. האָט זיך משהלע אָנגעטאָן די הייזעלעך, זעט ער, עס גייט פֿאַרבײַ אַ שוסטער. שרײַט ער: „שוסטערל, שוסטערל! מאַך מיר אַ פּאָר שטיוועלעך, וועל איך דיר זינגען אַ לידעלע:

די מאַמע האָט מיך געקוילעט,
דער טאַטע האָט מיך געגעסן;
און מײַן שוועסטער שײנדעלע
האָט אויסגעסמאָקצעט מײַן ביינדעלע
און אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענצטער!"

אַז דער שוסטער האָט געהערט די לידעלע, האָט ער אַף אים רחמנות געהאַט און אים געמאַכט אַ פּאָר שטיוועלעך. האָט זיך משהלע אָנגעטאָן די שטיוועלעך, זעט ער, עס גייט פֿאַרבײַ אַ קירזנער. שרײַט ער: „קירזנערל, קירזנערל! מאַך מיר אַ היטעלע, וועל איך דיר זינגען אַ לידעלע:

די מאַמע האָט מיך געקוילעט,
דער טאַטע האָט מיך געגעסן;
און מײַן שוועסטער שײנדעלע
האָט אויסגעסמאָקצעט מײַן ביינדעלע
און אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענצטער!"

אַז דער קירזנער האָט געהערט די לידעלע, האָט ער אַף אים רחמנות געהאַט און אים געמאַכט אַ היטעלע. האָט זיך משהלע אָנגעטאָן די היטעלע און אַוועקגעלאָפֿן אין חדר אַרײַן.

אַ קלעצל אַרײַן,
אַ קלעצל אַרויס,
די מעשׂה איז אויס!

16. אַ מעשׂהלע פֿון אַ מיידעלע אויפֿן שפּיץ קלויסטער

ס׳איז אַ מאָל געווען אַ טאַטע מיט אַ מאַמען, האָבן זיי געהאַט צוויי קינדער, צוויי מיידעלעך. איינער האָט מען גערופֿן גיטעלע און דער אַנדערער רחלע. און זיי האָבן אויך געהאַט אַ באָבן מיט [אַ] זיידן.

האָט מען גיטעלע[ן] האָלט געהאַט, ווײַל זי איז געווען אַ קלוגע און האָט אַלעמען געפֿאָלגט. און רחלען האָט מען פֿײַנט געהאַט, ווײַל זי איז געווען אַ נאַר און האָט קיינעם ניט געוואָלט פֿאָלגן. האָט דאָס רחלען פֿאַרדראָסן, פֿאַר וואָס גיטעלען האָט מען האָלט און איר האָט מען פֿײַנט. איז זי פֿאַר צרות אַוועק פֿון דער היים און האָט זיך געזעצט אויפֿן שפּיץ קלויסטער.

און אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן[ן] זיך דאַוווּסט דערפֿון, האָט דאָס זיי זייער שטאַרק פֿאַרדראָסן, זײַנען זיי אַוועקגעלאָפֿן צום קלויסטער זען, וווּ רחלע איז. האָבן זיי איר טאַקע דערזען זיצן אויפֿן שפּיץ קלויסטער. האָט דער טאַטע געזאָגט צו איר:

„רחלע, מײַן טאָכטערקע,
אַהיים זאָלסטו מיר גיין,
אַהיים זאָלסטו מיר גיין!“

האָט רחלע געזאָגט:

„ניין, טאַטע, ניין,
אַהיים וועל איך ניט גיין,
אַהיים וועל איך ניט גיין!

ווען אַלע גלעקער וועלן קלינגען
און גיטעלעס בויך וועט צעשפּרינגען,
אַהיים וועל איך ניט גיין,
אַהיים וועל איך ניט גיין!"

האָט די מאַמע געזען, אַז רחלע וויל ניט פאָלגן דעם טאַטן, איז זי אַליין צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט:

„רחלע, מײַן טאָכטערקע,
אַהיים זאָלסטו מיר גיין,
אַהיים זאָלסטו מיר גיין!"

האָט רחלע געזאָגט:

„ניין, מאַמע, ניין,
אַהיים וויל איך ניט גיין,
אַהיים וויל איך ניט גיין!

ווען אַלע גלעקער וועלן קלינגען,
און גיטעלעס בויך וועט צעשפּרינגען,
אַהיים וועל איך ניט גיין,
אַהיים וועל איך ניט גיין!"

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן געזען, אַז רחלע וויל ניט פאָלגן, זײַנען זיי אַהיימגעגאַנגען און פאַרשלאָסן די טיר. נאָר אַז ס'איז געוואָרן שפּעט בײַ נאַכט און זייער פינצטער, האָט זיך רחלע דערשראָקן, איז זי אַראָפּגעקראָכן פון שפּיץ קלויסטער און איז אויף גיך געלאָפן אַהיים.

קומט זי אַהיים, שלאָפן שוין אַלע און ס'איז פאַרשפּאַרט די טיר פון שטוב. קלאַפּט זי אָן און זאָגט: „טאַטע, עפן מיר!" זאָגט דער טאַטע: „אַוועק פון דאַנען, אַ גויע דאַרף איך ניט האָבן אין שטוב!"

קלאַפּט זי ווידער אָן און זאָגט: „מאַמע, עפן מיר!" זאָגט די מאַמע: „אַוועק פון דאַנען, אַ גויע דאַרף איך ניט האָבן אין שטוב!"

קלאַפּט זי ווידער אָן און זאָגט: „באָבע, זיידע, עפֿנט מיר!“ זאָגן זיי: „אַוועק פֿון דאַנען, אַ גויע דאַרפֿן מיר ניט האָבן אין שטוב!“

האָט זיך רחלע מישבֿ געווען און האָט נאָך אַ מאָל אָנגעקלאַפּט אין טיר און האָט געזאָגט: „גיטעלע, מײַן שוועסטערקע, עפֿן מיר!“ האָט גיטעלע איר געגעבן אַן עצה:

„טו אַ צי פֿאַרן שנירעלע,
וועט זיך עפֿענען די טירעלע;
טו אַ טראָט אויפֿן ברעטעלע,
וועסטו אַרײַנשפּרינגען אין בעטעלע.“

האָט רחלע אַזוי געטאָן, איז זי אַרײַן אין שטוב און האָט זיך געלייגט שלאָפֿן. און דאָס איז דער סוף פֿון דער מעשׂהלע.

17. אַ מעשׂהלע פֿון אַ נאַר מיט אַ קלוגי

ערשטע מעשׂה

אַ מאָל איז געווען אין אַ קליין שטעטל אַ ייִד מיט אַ ייִדענע, און זיי אָבן געהאַט צוויי ייִנגלעך, איינער אַ נאַר און איינער אַ קליגער. דער נאַר פֿלעגט תּמיד זיצן אינטערן פּריפּעטשיק מיט אַ זאַק באָקסער לעבן זיך און כּסדר נאָר הריזשען באָקסער, און דער קליגער פֿלעגט גיין אין חדר אַראַן זיך לערנען. דערפֿאַר האָט טאַטע־מאַמע נאָר ליב געהאַט דעם קליגן. ער איז געווען בײַ זיי דער גאַנצער שטאָלץ. און ווען די צוויי ייִנגלעך זענען אַ ביסל אינטערגעוואַקסן, פֿלעג דער נאַר נאָך אַלץ זיצן און עסן באָקסער ווי פֿריִער. ס׳האָט אים קיין זאַך ניט געאַרט. אָבער דער קליגער האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן אימקיקן און אָט געזען, אַז דער טאַטע זײַנער איז אַ גרויסער קבצן, האָט ער זיך באַטראַכט און זאָגט צי זײַן פֿאָטער און מוטער: „איך ווער שוין אַ גרויסער, איך בין שוין ניט מער קיין קליין קינד, איז וואָס וועט זײַן דער תּכלית פֿון אינדזער אָרעמקייט? אויב איר וועט מיך לאָזן, וועל איך זיך אַוועקלאָזן אין דער ווײַטער וועלט אַראַ זיכן מײַן גליק. כ׳וועל אַרבעטן זייער שווער און ברענגען אַ סך געלט אַהיים. מיר׳ן אינדזער שטיב איבערבאָוועון און מיר׳ן לעבן ווי מענטשן.“ און די עלטערן איז דאָס זייער געפֿעלן, זיי האָבן אים געהאַלדזט און געקישט און אָנגעגיבן פֿין אַל דעס גיטס אָפּן וועג: אַ גרויסע טאָרבע מיט פּיטערבילקעס, עפּל, באַרן און נאָך אַנדערע גיטע זאַכן, אַ ביסל געלט דערצי, און האָבן אים אָפּגעלאָזט אין וועג אַראַן.

דאָס ייִנגל איז אַרויס פֿינעם שטעטל אָפֿן פֿרײַען פֿעלד זייער פֿריילעך און לעבעדיק. און אַזוי ווי ער גייט זיך אַזוי, לויפֿט אים אַנקעגן אַ הינטעלע, אַ פֿאַרשמירטס, נעבעך, אַן אָפּגעשאַפּעטס, אַ הינגעריקס, און זאָגט צי אים אַזוי: „איך בית דיך, טאַיער ייִנגעלע, וואַש מעך אַרים, קעם מיך אויס, גיב מיר אַ שטיקעלע ברויט, — איך וועל דיר אַ מאָל אָדאַנקען.“ דאָס ייִנגעלע איז דאָך אָבער געווען זייער אַ קליגער, אָט ער זיך ניט געלאָזט נאַרן: „גיי אַוועק פֿון מיר, זאָגט ער, די הינט! מאַן טאַטע האָט עס ניט געטון, מאַן מאַמע האָט עס ניט געטון, און איך וועל עס אויך ניט טון.“ איז ס׳הינטעלע אַוועק.

גייט ער אַ ביסעלע וואַטער, טיט אַ קוק, ס׳שטייט אַ קרעניצקע, אַ פֿאַרשימלטס, נעבעך, אַרים און אַרים אַ בלאָטקע, און אַ זילבערן קווערטל הענגט, נאָר אויך פֿאַרזשאָווערט. האָט זיך דאָס ייִנגעלע געוואָלט אָנטרינקען דערמיט, נאָר ער האָט זיך געמיִעסט. זאָגט צו אים די קרעניטשקע: „ייִנגעלע טאַיערס, איך בית דיך, רייניק מיך אויס, ראַב אויס מײַן קווערטעלע, ראָם אָפּ די בלאָטע אַרים מיר, — איך וועל דיר אַ מאָל אָדאַנקען.“ דוס ייִנגל איז בייז געוואָרן. „מאַן טאַטע אָט עס ניט געטון, מאַן מאַמע אָט עס ניט געטון, און איך וועל עס אויך ניט טון!“ און איז זיך אַוועקגעגאַן.

גייט ער אַ ביסל וואַטער, שטייט אַ גרויסער בוים מיט טריקענע בלעטער, פֿאַרטריקנטע צוואַגן, און די ערד אַרים איז אויך טריקן. און דער בוים זוגט צין אים אַזוי: „ייִנגעלע טאַיערס, איך בית דיך, שנאַד אַרים מאַנע צוואַגן, רייניק מיך אַרים, גרוב אַרים די ערד אַרים מײַן קאָריצן — איך וועל דיר אַ מאָל אָדאַנקען.“ „עי, זאָגט דאָס ייִנגעלע, מאַן טאַטע אָט עס ניט געטון, מאַן מאַמע אָט עס ניט געטון, און איך וועל עס אויך ניט טון“. און איז זיך אַוועקגעגאַן.

גייט ער און גייט, ביז ער איז געקימען און אַ שטאָט אַראַן, אר[אַ]נגעגאַנגען און אַן אַכסניה און אָט דערזען דעם באַלעבוס. גייט ער צי צין אים און זאָגט: „באַלע=

בוס, איך וויל זיך בײַ אײַך שטעלן אַרבעטן, איך ביט בײַ אײַך קײַן שׂכירות ניט, איך לאָז עס איבער אָף אײַער יושר.״ „גיט, זאָגט דער באַלעבוס, די וועסט אָפּאַרבעטן בײַ מיר ס׳יאָר, ׳עסט עסן אין ׳עסט טרינקען דאָ, און אַז די וועסט זאַן אַ גיטער אַרבעטער, וועל איך דיר באַצאָלן״. האָט ער דאָס יאָר אָפּגעאַרבעט, אין דער באַלעבוס איז ציפֿרידן געבליבן, און ווען דאָס ייִנגעלע האָט געביטן באַצולט, זאָגט דער באַלעבוס צי אים אַזוי: „קין געלט גיב איך ניט, נאָר אַז דיסט גיין אין שטאַל אַראַן, שטייט דאָרט פֿערד אין וועגן, קאַסטנס, גרויסע, קליינע, אַלטע פֿערד אין ייִנגע פֿערד, נײַע וואָגנס אין אַלטע וואָגנס. נעם, ייִנגעלע, וואָס די ווילסט, וואָס דײַן האַרץ גליסט דיר, אין פֿאָר דיר געזינטערהייט אַהיים צי דאַן טאַטע־מאַמע.״ דאָס ייִנגעלע האָט זיך מיטן באַלעבוס אָפּגעזעגנט, אַראַן אין שטאַל אַראַן אין האָט אַ קיק געטון, וואָס דאָרט טיט זיך, איז ער געוואָרן מלא שׂימחה. אַ קליגער איז ער געווען. האָט ער פֿאַרקאַטשעט די אַרבל אין האָט אָנגעהויבן נעמען: דעם בעסטן פֿערד אין דעם בעסטן נײַסטן וואָגן, דעם שענסטן זאָטל, די גרעסטע שענסטע קאַסטנס, אַוועקגעשטעלט אָפֿן וואָגן, אַ קנאַק געטון מיט דער בײַטש אין – פֿאַשאָל!

ער פֿאָרט נאָר אַרויס פֿין שטאָט, ער טיט אַ קיק, ס׳שטייט אַ קרעניטשקע, אַ שיינע, אַ ריינע, ס׳וואַסער בלישטשעט, ס׳זילבערן קווערטעלע שאַנט—אַ מחיה! דאָרשטיק איז ער געווען, טראַכט ער זיך: „גיט, כ׳וועל זיך אָנטרינקען״. גייט ער צי צי דער קרעניטשקע, נעמט דאָס קווערטעלע, בייגט זיך אַן אין וויל אָננעמען וואַסער. אַאַז דאָס קווערטעלע ראַסט זיך אים אויס פֿין די הענט, אין די וואַסער הייבט אָן רוישן אין זאָגט צין אים: „אַוועק, די פּאָהאַנע ייִנגל! ווען איך האָב דיר געבעטן, די זאָלסט מיך אויסרייניקן, דיס קווערטעלע אויסראַבן, אָסטו מיט גדלות געענטפֿערט, אַז די ווילסט ניט, אין אָט איצט קימסטי צי מיר טרינקען? אַוועק פֿון מיר!״ דאָס ייִנגל האָט זיך אַ ביסל פֿאַרשעמט אין איז אַוועקגעגאַן. פֿאָרט ער וואַטער, פֿאָרט אין פֿאָרט, זעט ער פֿין וואַטן שטייט

אַ גרויסער באַרנבוים. ברייטע צוואַגן פֿאַרוואַקסענע. גרויסע גיִלדענע באַרן הענגען אַראָפּ. די זין שאַנט אָף אים, אַז ס׳איז שיין צי קיקן. דיס ייִנגל איז אַראָפּ פֿין וואָגן, ציגעלאָפֿן צים בוים, אָנגעבויגן אַ צוואַג אין אָט נאָר־וואָס געוואָלט אָפּראַסן אַ באַר. אַאַז דער צוואַג האָט זיך געגיבן אַ ריס פֿין זאַנע הענט: „אַוועק, די פֿאָהאַנער ייִנגל! באַרן קימסטי ראַסן פֿין מיר? אין אַז כ׳האָב דיך געבעטן דעמאָלס, אַז די זאָלסט מאַנע טריקענע צוואַגן אַרימשנאַדן, מיך אַרימגראָבן, אָסטו ניט געוואָלט, אין האַנט קימסטי באַרן ראַסן? — אַוועק!״

דיס ייִנגל איז זיך ווידער אַוועק מיט בזיון, אַריפֿגעזעצט אָפֿן וואָגן אין פֿאָרט וואַטער. ער פֿאָרט אין פֿאָרט אין קימט שוין נאָוועגט צי זאַן שטאָט. ער טיט אַ קיק, ס׳לויפֿט אַ הינטעלע, אַ ריינינקס, אַ שייניִנקס, אַז ס׳איז אַ מחיה צי קיקן. אָפֿן האַלדז אַ בלאָוו סטענגעלע, טײַערע פּערל אין דימענטן הענגען דעם אויך אָפֿן האַלדז. דיס ייִנגל שטעלט זיך אָפּ אין ריפֿט אים: „הינטעלע, הינטעלע, קים אַהער!״ דיס הינטל האָט אַ שפּרינג געטון אָפֿן וואָגן, אין דאָס ייִנגל האָט געוואָלט אַראָפּנעמען בײַ אים די פּערל מיט די דימענטן. „האָוו, האָוו, האָוו! האָט דאָס הינטעלע געמאַכט וואָס? מאַנע פּערל אין דימענטן ווילסטי? אויסקעמען אין אָפּוואַשן האָסטי ניט געוואָלט מיך, אין אַ שטיקעלע ברויט האָסטי מיר אויך ניט געוואָלט גיבן, אין איצט ווילסטי מאַנע פּערל מיט מאַנע די־מענטן? אַ־פּע! די קריגסט בײַ מיר גאָרניט. אין טאָמער ווּעסטי זיך צירירן צי מיר, צעבאַס איך דיך אָף שטיקלעך!״ אין דאָס הינטעלע איז אַראָפּגעשפּרינגען פֿין וואָגן אין איז אַוועק.

דיס ייִנגל האָט פֿאַר כּעס אַ שמאַס געגיבן מיט דער באַטש אין אַוועק אין שטאָט אַראַ, אַהיים. געקימען אין שטאָט אַראַן, איז שוין געווען האַלבע נאַכט, מ׳איז שוין אַלע געשלאָפֿן. ער פֿאָרט צי צי זאַן שטיב, די לאָדן פֿאַרמאַכט, טיר אין טויער פֿאַרשלאָסן, שטיל, פֿינצטער. האָט ער לאַנג ניט געטראַכט אין אָנגעהויבן קלאָפּן אין דער טיר און אין די פֿענצטער: „טאַטע, מאַמע, שטייט איף! אײַער זין איז געקימען, אָנגעלאָדן מיט אַל דעס גיטס. עפֿנט איף

טיר און טויער אין לאָזט מיר אַראַן. שפּרייט איף טישטעכער אין לאַלעכער, אין איך וועל אַלע מאַנע קאַסטנס אויסטרייסלען!״ טאַטע־מאַמע האָבן זיך איפּגעכאַפּט, אַ גדולה, אַ פֿרייד: דער זין איז געקימען, דער זין איז געקימען מיט אַל דעם גיטס אָנגעלאָדן. שכנים, פֿרײַנד, קימט זיך צענויף, זעט, וואָס אינדזער זין האָט געבראַכט!״ אין ס׳איז געוואָרן לעכטיק אין שטיב. טישטעכער אין לאַלעכער אויסגעשפּרייט, גיטע פֿראַנד זענען זיך צונייפֿגעגאַנגען, אין מע האָט געוואַרט צי זען, וואָס דער קליגער זין האָט געבראַכט. אין דער נאַר נעבעך איז אויך אַרויסגעקראָכן פֿין אינטערן פּריפּעטשיק אין שטייט אויך אין קיקט, וואָס דאָ וועט זיך טון. אין אַז ס׳איז געוואָרן לעכטיק, אָט מען אָבער דערזען, אַז פֿינעם שיינעם יינגן פֿערדל איז געוואָרן אַן אַלטע קליאַטשע, פֿינעם נײַעם וואָגן — אַן אַלטער דראַביניאַק, אין פֿין די נײַע קאַסטנס איז געוואָרן אַלטע אָפּגעריבענע קעסטלעך. דאָס יינגל שטייט אין קיקט אין ווייסט ניט, וואָס דאָס איז, נאָר ער זאָגט צי די עלטערן: „דאָס איז גאָרניט. עפֿנט נאָר אויף די קאַסטנס, זיי זענען אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד אין זילבער״. מ׳אָט געעפֿנט די קאַסטנס אין מ׳אָט אָנגעהויבן שיטן, אין ס׳האָט זיך געשאָטן: שטשורעס, מאַז, טשווערקונעס, בלאָטע אין מיסט — אַז ס׳איז געוואָרן אַ כערבן אין שטיב. די מאַמע האָט אָנגעהויבן וויינען, דער טאַטע האָט אָנגעהויבן דאָס יינגל שעלטן אין שלאָגן. די פֿראַנד האָבן זיך צעלאַכט אין זענען אַוועקגעגאַנגען.

דאָס קליגע יינגל איז געבליבן שטיין ווי אַ טויטער, אין דעמאָלס האָט זיך עפּעס דער נאַר אַ שאָקל געטון אין געזאָגט אַזוי: „טאַטע, מאַמע, שלאָגט אים ניט, שעלט אים ניט, ער איז ניט שילדיק. לאָזט מיך גיין אין דער ווײַטער וועלט אַראַן. לאָמיך פּריוון מאַן מזל.״ די מיטער האָט זיך צעלאַכט: „זע נאָר, דער חכם האָט זייער גיט געמאַכט, וויל נאָך דער נאַר אויך פּריוון״. דער נאַר אָבער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, נאָר גיין אין גיין. „מילא, זאָגט די מוטער, לאָז ער פּריוון״. מ׳אָט אים גיגיבן אַ טאָרבע סיכאַרעס מיט אַ קריג וואַסער, אַ פּאָר קאָפּיקעס, אין ער איז זיך אַוועקגעגאַן.

אין אַזוי ווי ער גייט זיך אַזוי, באַגיגנט אים אַ הינטעלֿע, אויך אַ ציקאָטשמיטס, אַ הינגעריקס. לֿויפֿט צי צין אים ס׳הינטעלֿע אין הייבט אים אָן לֿעקן די האַנט: „יינגעלֿע, טאַיערס, איך ביט דיך, ציקעם מאַנע האָער, גיב מיר אַ שטיקעלֿע ברויט, גיב מיר אַ ביסעלֿע וואַסער, — איך וועלֿ דיר אַ מאָלֿ אָדאַנקען.״ דער נאַר האָט צעבינדן די טאָרבע, אָנגעהאָדעוועט דאָס הינטעלֿע מיט סיכאַרעס, געגיבן דעם פֿאַרטרינקען מיט וואַסער, אויסגעקעמט די פֿאַרפלֿאָנטערטע האָר, און איז זיך אַוועקגעגאַן. גייט ער וואַטער, זעט ער פֿין וואַטן שטייט אַ קרעניטשקע, אַ פֿאַרשימלט נעבעך, מיט בלֿאָטע אַרים אין אַרים, אין עס הענגט אַ פֿאַרזשאָווערט קווערטעלֿע אַ זילֿבערנס. אין די קרעניטשקע זאָגט צין אים אַזוי: „טאַיער יינגעלֿע, איך ביט דיך, רייניק מיך אויס, ראַב אויס מאַן קווערטעלֿע, ראָם אָפּ די בלֿאָטע אַרים מיר, — איך וועלֿ דיר אַ מאָלֿ אָדאַנקען.״ דער נאַר האָט באַלֿד פֿאַרקאַטשעט די אַרבלֿ, זיך אָנגעבייגן, די קרעניטשקע אויסגערייניקט, דאָס קווערטעלֿע אויסגעריבן, די בלֿאָטע אַרימגערייניקט אין איז זיך אַוועק. גייט ער זיך וואַטער, זעט ער, פֿין וואַטן שטייט אַ בוים מיט פֿאַרטריקנטע צוואַגן, טריקענע בלֿעטער, אין די ערד אַרים איז אויך טריקן. אין דער בוים זאָגט צין אים אַזוי: „יינגעלֿע טאַיערס, איך ביט דיך, שנאַד אַרים מאַנע צוואַגן, רייניק מיך אַרים, גרוב אַרים די ערד אַרים מאַן קאָריען, — איך וועלֿ דיר אַ מאָלֿ אָדאַנקען״. האָט ער ווידער פֿאַרקאַטשעט די אַרבלֿ אין גענימען זיך צי דער אַרבעט: אַרימגעשניטן די צוואַגן ווי ס׳באַדאַרף צי זאַן, אויסגערייניקט אין אַרימגעגראָבן די ערד אַרים דעם קאָריען אין איז זיך אַוועקגעגאַן.

ער גייט אין גייט, ביז ער איז געקימען אין אַ שטאָט אַראַן, אין דער זעלֿביקער, וואָס זאַן ברידער איז געווען, אין האָט זיך געשטעלֿט דינען אין דער זעלֿביקער אַכסניה, אין אויך אויף אַ יאָר. נאָכן יאָר גייט ער זיך צו אַזוי שטילֿערהייט צים באַלֿעבוס אין זאָגט: „באַלֿעבוס, באַצאָלֿט מיר, כ׳ווילֿ פֿאָרן אַהיים.״ זאָגט דער באַלֿעבוס צין אים אַזוי: „קיין געלֿט גיב איך ניט, נאָר אַז די ווע…

גיין אין שטאַל אַראַן, שטייען דאָרט פֿערד און וועגן, קאַסטנס,
גרויסע און קליינע; אַלטע פֿערד און יינגע פֿערד, נײַע וואָגנס און
אַלטע וואָגנס. נעם, יינגעלע, וואָס די ווילסט, וואָס דאַן האַרץ
גליסט דיר, און פֿאָר דיר געזינטערהייט אַהיים צו דאַן טאַטע=
מאַמע.״ דער נאַר האָט זיך מיטן באַלעבוס אָפּגעזעגנט און איז
אַראַן אין שטאַל אַראַן, און אַז ער האָט אַ קיק געטון, וואָס דאָרט
טיט זיך, איז ער געוואָרן צעמישט. טראַכט ער זיך: „אַזאַ גיטער
באַלעבוס, ער גלייבט מיר, כ׳וועל אים אָבער אויך ניט קריוודען.
עי, כ׳וועל נעמען דעם אַלטן פֿערד, דעם אַלטן וואָגן און אַ פּאָר
קליינע קאַסטנס, וועט אויך גענוג זאַן.״ ער איז דאָך געווען אַ נאַר,
האָט ער זיך פֿין אַלעם אויסגעקליבן דאָס ערגסטע און איז זיך
דערמיט אַוועקגעפֿאָרן. און אַזוי ווי ער פֿאָרט זיך אַזוי, זעט ער,
פֿין וואַטן שטייט אַ קרעניצע, און ער איז געווען זייער דאָרשטיק,
גייט ער צו און זאָגט אַזוי: „קרעניטשקעלע, קרעניטשקעלע, מעג
איך זיך אָנטרינקען פֿין דײַן וואַסער?״ אַאַז דאָס קרעניטשקעלע
האָט דאָס דערהערט, האָט די וואַסער אָנגעהייבן פֿריילעך רוישן,
דאָס קוועטעלע איז אים אַראַנגעשפּרינגען אין הענטעלע: „טרינק,
יינגעלע טאַיערס, טרינק געזינטערהייט. מיט דאַנע הענט האָסטי
מיך גערייניקט. נעם עס, יינגעלע, צו זיך פֿאַר אַן אָנדענק.״ דער
נאַר האָט זייער שיין באַדאַנקט, צוגענעמען דאָס קוועטעלע און
איז זיך אַוועקגעפֿאָרן. פֿאָרט ער וואַטער, און די זין שאַנט. דאָס
פֿערדעלע שפּרינגט, און דער וואָגן גלאַנצט, און פֿין וואַטן, טיט ער
אַ קיק, שטייט אַ באַרנבוים מיט גילדענע באַרן. האָט זיך אים פֿאַר=
גליסט אַ באַר, גייט ער צו און זאָגט: „באַרנביימעלע, באַרנביי=
מעלע, מעג איך אָפּראַסן אַ באַר פֿין דאַנע צוואַגן?״ אַאַז דער
ביים האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָנגעהייבן רוישן מיט זאַנע
צוואַגן: „ראַאַס, יינגעלע טאַיערס, ראַאַס, וויפֿל די ווילסט. מיט דאַנע
הענט האָסטי דאָך זיי אַרימגעשניטן און אַרימגערייניקט.״ האָט דער
נאַר זיך זייער שיין באַדאַנקט, אָפּגעריסן אַ באַר און אַוועקגעפֿאָרן.
פֿאָרט ער וואַטער. ער פֿאָרט און פֿאָרט, ער טיט אַ קיק, ס׳לויפֿט אַ הינ=

טעלע, אַ רייניקס, אַ שייניקס, אַז ס׳איז אַ מחיה צי קיקן, אין אָפֿן האַלדז ביי דעם הענגט אַראָפּ אַ בלאָווי סטענגעלע מיט טייַערע פּערל אין דימענטן. אין אַז דאָס הינטעלע האָט אים דערזען, האָט עס אַ שפּרינג געטון אָפֿן וואָגן און געמאַכט אַזיי: „האַוו, האַוו, האַוו! נעם, יינגעלע טאַיערס, די פּערל מיט די דימענטן, דאָס איז פֿאַר דיר אַ מתנה. מיט דאַנע הענט האָסטי דאָך מיך אויסגעקעמט אין אַרימגעוואַשן, אין די האָסט מיך אָנגעהאָדעוועט אין געגעבן צי טרינקען.“ דאָס יינגעלע האָט זיך זייער שיין באַדאַנקט, ציגענעמען די פּערל מיט די דימענטן און איז אַוועקגעפֿאָרן.

אין אָנגעלאָדן מיט אַל דעס גיטס איז ער געקימען אַהיים. ס׳איז שוין אָבער געווען האַלבע נאַכט, אַלע האָבן שוין געשלאָפֿן. האָט ער ניט געסמייעט וועקן די עלטערן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אָפֿן גאַניק אין געוואַרט, ביז ס׳איז טאָג געוואָרן. אין אין דער פֿרי האָט ער אַ קלאַפּ געטון אין טיר: „טאַטע, מאַמע, עפֿנט איף, אייַער זין דער נאַר איז געקימען! שפּרייט איף טישטעכער אין לאַלעכער, כ׳וועל מאַנע קעסטלעך אויסטרייסלען!“ טאַטע מאַמע האָבן זיך איפֿגעכאַפּט אין מ׳אָט׳ן אַראַנגעלאָזט אין שטיב. אין די מיטער אָט געזאָגט: „טישטעכער אין לאַלעכער ווילסטי? זעק וועט געניג זאַן פֿין דאַנעט וועגן.“ נאָר אַז מ׳אָט געעפֿנט די קאַסטנס׳ אין מ׳אָט אָנגעהייבן שיטן, האָט זיך געשאָטן גאָלד אין זילבער פּערל אין בערלאַנטן אין אַל דעס גיטס, אַז ס׳האָט פֿאַרשאַנט די שטיב. די מאַמע איז אים געפֿאַלן אָפֿן האַלדז אין האָט אים אָנגעהויבן קישן, אין דער טאַטע האָט אויסגעשריגן: „אָט איצט זע איך, ווער ס׳איז דער נאַר און ווער ס׳איז דער קלוגער!“ אין האָט זיך געכאַפּט שלאָגן דאָס קליגע יינגל. אָבער דער נאַר האָט באַלד שלום געמאַכט, אין ס׳איז געוואָרן אַ גרויסע שימחה אין שטיב.

אין זיי איז גיט,
אין אינדז איז נאָך בעסער:
זיי עסן האָניק מיט אַ פּאַלאָניק,
אין מיר — אָפֿן שפּיץ מעסער.

18. [אַ מעשׂהלע פֿון אַ נאַר מיט אַ קלוגן]

צווייטע מעשׂה

אַ מאַמע האָט געהאַט צוויי טעכטער, אַ קלוגע און אַ נאַ־רישע. די קלוגע האָט זיך גערופֿן כאַשינקע, און די נאַרישע באַשינקע. נו, מסתּמא האָט די מאַמע האַלט געהאַט די קלוגע טאָכטער און די נאַרישע האָט זי פֿײַנט געהאַט, האָט זי איר אַרויס־געטריבן פֿון שטוב. איז זי אַוועקגעגאַנגען.

גייט זי און וויינט און וויינט. דערזעט זי, אַ באַרנביימעלע שטייט אַפֿן וועג. פֿרעגט איר דאָס ביימעלע: „וואָס וויינסטו?" זאָגט זי: „די מאַמע האָט מיך אַרויסגעטריבן". זאָגט דאָס ביימעלע צו איר: „נעם קלאַפּ מיר אָפּ, וועט זײַן דיר אַ מעסטעלע באַרן און מיר אַ מעסטעלע". האָט זי אַזוי געטאָן, האָט זי שוין געהאַט אַ מעסטעלע באַרן. גייט זי ווײַטער און וויינט, דערזעט זי אַ בהמהלע שטייט. פֿרעגט איר די בהמהלע: „וואָס וויינסטו?" זאָגט זי: „די מאַמע האָט מיך אַרויסגעטריבן". זאָגט די בהמהלע צו איר: „נעם מעלק מיך אויס, וועט זײַן דיר אַ קווערטעלע מילך און מיר אַ קווערטעלע". האָט זי אַזוי געטאָן, האָט זי שוין געהאַט מילך מיט באַרעלעך. גייט זי ווײַטער און וויינט, דערזעט זי אַ דייזשעטשקע מיט מעל שטייט אַפֿן וועג. פֿרעגט איר די דייזשעטשקע: „וואָס וויינסטו?" זאָגט זי: „די מאַמע האָט מיך אַרויסגעטריבן". זאָגט די דייזשעטשקע צו איר: „נעם, קנעט מיך אויס און באַק מיך אויס, וועט זײַן דיר אַ לעבעלע ברויט און מיר אַ לעבעלע". האָט זי אַזוי געטאָן. האָט זי שוין געהאַט ברויט מיט

מילך און מיט בארעלעך. האָט זי אָפּגעגעסן און האָט זיך געלייגט שלאָפן.

אַז זי איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, איז זי ווייטער געגאַנגען און געוויינט. האָט זי דערזען אַ קליינינקע שטיבעלע, גייט זי אַריין אין שטיבעלע און וויינט. זיצט דאָרטן אַן אַלטע באָבעצקע. פרעגט איר די באָבעצקע: „וואָס וויינסטו, מיידעלע?“ זאָגט זי: „די מאַמע האָט מיך אַרויסגעטריבן“. — „פאַר וואָס האָט זי דיך אַרויסגעטריבן?“ פרעגט איר ווייטער די באָבעצקע. דערציילט זי איר די גאַנצע מעשה: „די מאַמע זאָגט, אַז איך בין אַ נאַר. איז פאַראַן נאָך אַ שוועסטער ביי מיר, איז יענע אַ קלוגע. זאָגט די מאַמע, אַז יענע האָט זי האָלט און מיך האָט זי פיינט, האָט זי מיך אַרויסגעטריבן דערפאַר“. — „נו, אויב אַזוי, זאָגט די באָבעצקע, טאָ וואַרט־זשע, וועל איך מאַכן, אַז דיין מאַמע וועט דיך שוין האָלט האָבן, וואַרט, כ׳על דיר געבן גוטע זאַכן!“ האָט זי פאַרשפרייט אַ ליילעך און האָט אָנגעשאָטן אַלערליי גוטע זאַכן, פון צוקערקעס, פון קאָנפעקטן, פון גאָלד און פון זילבער און פון אַל דעס גוטס. דערנאָך האָט זי די אַלע גוטע זאַכן פאַרבונדן אין ליילעך און געזאָגט: „נאַ, טראָג דאָס אַהיים צו דיין מאַמען!“ האָט באַשינקע גענומען די גוטע זאַכן און אַוועקגעטראָגן אַהיים. קומט זי צו דער טיר און זאָגט: „מאַמע, עפן מיר!“ זאָגט די מאַמע: „איכ׳ל דיר ניט עפענען, כ׳האָב דיר פיינט, אַוועק פון דאַנען!“ זאָגט זי נאָך אַ מאָל: „מאַמע, עפן מיר!“ — „אַ מכּה, אַ געשוויר וועל איך דיר עפענען! שרייט די מאַמע „אַוועק פון דאַנען!“ האָט באַשינקע געזען, אַז די מאַמע וויל ניט עפענען, האָט זי געטאָן אַ געשריי: „מאַמע, כ׳טראָג פאַר דיר גוטע זאַכן, עפן מיר!“ ווי די מאַמע האָט דאָס דערהערט, האָט זי איר גלייך געעפנט די טיר און האָט איר אַריינגעלאָזן אין שטוב. און ווי נאָר זי האָט געעפנט דעם ליילעך, האָט איר אַ בליאַסק געטאָן אין די אויגן פון גאָלד און פון זילבער און פון אַל דעס גוטס. „אַי, אַי, וואָס פאַר אַ טייערע זאַכן! זאָגט די מאַמע, אַווו האָסטו דאָס גענומען?“

דערציילט איר באַשינקע פון דער באָבעצקעלע, וואָס וווינט דאָרטן אין שטיבעלע. „אויב אַזוי, זאָגט די מאַמע, ווי באַלד אַז באַשינקע איז אַזאַ נאַר און האָט מיר געבראַכט פון אַל דעם גוטס, וועט דאָך כאַשינקע אַוודאַי ברענגען, זי איז דאָך אַזאַ קלוגע". נעמט זי און טרײַבט איר אויך אַרויס זי זאָל איר אויך ברענגען פון אַל דעם גוטס.

איז כאַשינקע געגאַנגען און געגאַנגען ביז זי האָט דערזען אַ קליינינקע שטיבעלע. גייט זי אַרײַן אין שטיבעלע און וויינט. זיצט דאָרטן אַן אַלטע באָבעצקע. פרעגט איר די באָבעצקע: „וואָס וויינסטו?" זאָגט זי: „די מאַמע האָט מיך אַרויסגעטריבן איך זאָל איר אויך ברענגען גוטע זאַכן". — „אַזוי, זאָגט די באָבעצקע, די מאַמע האָט דיך אַרויסגעטריבן זאָלסט איר אויך ברענגען גוטע זאַכן? אַזוי, גוטע זאַכן האָט זי האָלט? נו, וועל איך איר אויך שיקן גוטע זאַכן." נעמט זי און פאַרשפּרייט אַ לײַלעך און האָט איר גענומען געבן גוטע זאַכן, איז געווען, אַז אָך און ווי צו איר. זי האָט איר אָנגעלייגט שלאַנגען מיט זשאַבעס, מיט מײַז און מיט קעץ און מיט נאָך אַזוינע זאַכן, האָט איר אָנגעבונדן דעם לײַלעך און געזאָגט: „נאַ, טראָג אַהיים צו דײַן מאַמען די גוטע זאַכן!" האָט כאַשינקע גענומען די גוטע זאַכן און אַוועקגעטראָגן אַהיים. קומט זי צו און זאָגט: „מאַמע, עפן מיר!" איז די מאַמע געלאָפן מיט אַ שׂימחה עפענען די טיר, ווײַל זי האָט געמיינט, אַז זי טראָגט איר אויך אַזוינע גוטע זאַכן. איז כאַשינקע אַרײַן און האָט אַוועקגעלייגט אַף דר׳ערד דעם לײַלעך, האָבן גענומען שפּרינגען די זשאַבעס מיט די מײַז דער מאַמען גלײַך אין צורה אַרײַן, האָט זי גענומען שרײַען: „אוי, אַ קלאָג צו דיר! וואָס האָסטו דאָ געבראַכט? אוי, וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן? געוואַלד, מענטשן, ראַטעוועט, מיר איז ניט גוט!" איז זיך אָנגעלאָפן אַ פולע שטוב מיט מענטשן, האָט מען זיך גע-נומען וווּנדערן. נו, דער סוף איז געווען, אַז זי האָט כאַשינקען גוט אָנגעהרגעט דיביינער און אַרויסגעטריבן פון שטוב.

נו, איז די נאַרישע באַשינקע געבליבן די קלוגע, און די קלוגע כאַשינקע איז אַוועק ווי אַ נאַר און איז פאַרפאַלן געוואָרן.

19. [אַ מעשׂהלע פֿון אַ הענדעלע מיט אַ קעצעלע]

אַ מאָל אי געווען אַ [דזאַד] און אַ באָבעצקעלע. אָט דער דזאַד האָט געהאַט אַ הענדעלע און די באָבעצקע האָט געהאַט אַ קעצאַלע.

זאָג[ט] דער דזאַד אָט דער אַלטער צום הענדעלע: „גיי ברענג מיר עפּעס.“ גייט ער זאַך אַרויס אַפֿן וועג און קרייט זאַך אויס: „קאַ־קי־רו־קו! איך גיי צום קייסער אַף אַן אָנבײַסן.“ באַגעגנט עם אַ וואָלף. זאָגט ער: „הענדעלע, ווו גייסטו?“ זאָגט ער: „איך גיי צום קייסער אַף אַן אָנבײַסן.“ „טאָ, זאָגט דער וואָלף, טאָ נעם מיך אויך.“ זאָגט [דער הענדעלע] (איר זאָלט אויף מיר קײַן פֿאַריבל ניט האָבן): „קריך אין הינטן.“ און ער קרייט זיך אויס און זאָגט: „וואָס בײַ מיר אין הינטן, איז בײַן קייסער אין הייף ניטאָ!“ און ער גייט זאַך ווײַטער.

גייט ער זיך ווײַטער און קרייט זיך אויס אַזוי, באַגעגנט עם אַ בער. פֿרעגט ער עם: „הענדעלע, ווו גייסטע?“ זאָג[ט] ער: „איך גיי צום קייסער אַף אַן אָנבײַסן.“ זאָגט דער בער: „נעם מיך אויך.“ זאָגט ער: „קריך אין הינטן“. ער גייט זיך [ווײַטער] זײַן וועג, קרייט ער זיך ווידער אויס, באַגעגנט עם אַ פֿוקס. פֿרעגט עם דער פֿוקס: „הענדעלע, ווו גייסטע?“ „איך גיי צום קייסער אַף אַן אָנבײַסן.“ „נעם מיך אויך.“ זאָגט ער: „קריך אין הינטן.“ און ער גייט זיך ווײַטער, באַגעגנט עם אַ שעזקע. פֿרעגט זי עם: „ווו גייסטע?“ זאָגט ער, ער גייט צום קייסער אַף אַן אָנבײַסן. „נעם מיך אויך.“ שיקט ער עם אויך אויף דעם אייגענעם אָרט.

איז ער געקומען צום קייסער אין הייף, האָט זיך אַרויפֿגעשטעלט אַף אַ ביים און האָט זיך אויסגעקרייט: „קאַ-קי-רי-קו! וואָס בײַ מיר אין הינטן, איז בײַם קייסער אין הייף ניטאָ!‟ פֿרעגט די דינערשאַפֿט בײַ די גרעסערע לײַט, וואָס טוט מען מיט אַזאַ הענדל, וואָס ער האָט אַזאַ חוצפּה. האָבן זיי אים געהייסן אַרײַנוואַרפֿן צו די פֿערד און די פֿערד וועלן אים צעבריקן, דאָס וועט זײַן זײַן שטראָף.

האָבן זיי אים אַרײַנגעוואָרפֿן צווישן די פֿערד, האָט ער אַרויסגערופֿן דעם וואָלף: „וואָלף, וואָלף, קריך פֿון הינטן‟, ער זאָל זיך אָפּרעכענען מיט די פֿערד.

איז מען געקומען זען צי די פֿערד האָבן אים שוין געטייט, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט און האָט זיך ווידער געשטעלט אַף אַ ביים א[ון] האָט זיך אויסגעקרייט: „וואָס בײַ מיר אין הינטן, איז בײַם קייסער אין הייף ניטאָ!‟

זײַנען ווײַטער אַרײַן די באַדינטע פֿרעגן, וואָס מען זאָל ווײַטער מיט אים טאָן. האָבן זיי אים געהייסן אַרײַנוואַרפֿן צווישן די קי און די אָקסן, וועלן זיי אים דאָרטן צעשטעכן מיט זייערע הערנער. איז געקומען די דינערשאַפֿט זען, צי לעבט ער, צי די אָקסן האָבן אים צעשטאָכן, האָט ער זאַך ווידער אַרויסגעכאַפּט און האָט זיך ווידער געשטעלט אַף אַ ביים און האָט זיך ווידער אויסגעקרייט מיט דער אייגענער פּיזמע: „וואָס בײַ מיר אין הינטן, איז בײַם קייסער אין הייף ניטאָ!‟ האָט מען עם געהייסן אַרײַנוואַרפֿן צווישן די הענער מיט די הינער, אפֿשר וועט מען אים פֿאַרביקן מיט די סנאָבלען. האָט [ער] אַרויסגערופֿן די שאַזשקע: „שעזקע, גיי אַרויס פֿון הינטן!‟ איז זי אַרויסגעגאַנגען און האָט אויסגעשטיקט אַלע עופֿות. איז מען געקומען זען, וואָס דער סוף איז מיט עם, מיט דעם הענדעלע, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט, זיך אַרופֿגעכאַפּט ווײַטער אַף אַ ביים און האָט זיך ווידער אַזיי אויסגעקרייט. אָט׳ן געהייסן מען זאָל אים אַרײַנוואַרפֿן אין אַ ברונעם [...]אַסער, דאָרטן וועט ער שיין געוויס דערטרונקען ווערן. „גו,

זאָגט ער, הינטן, שעפּ וואַסער, שעפּ וואַסער", און ער האָט אויס־געצויגן דעם גאַנצן ברומענעם וואַסער און ער איז זיך אַרויס־געלאָפן פון ברונעם און האָט זיך אַרויפגעשטעלט אַף אַ ביים און האָט זיך ווידער אַזיי אויסגעקרייט. אָט'ן געהייסן מען זאָל אויס־הייצן אַן אייוון און אַרײַנוואַרפן אים אין אייוון – אפשר וועט ער זיך דאָרטן פאַרברענען. נאָר אַזיי ווי ער האָט געהאַט די גאַנצע וואַסער פון ברונעם אין זיך, און אַז מען האָט אים אַרײַנגעוואָרפן אין אייוון, האָט [ער] געשריי[ען]: „הינטן, לאָז וואַסער, לאָז וואַסער", און ער האָט אויסגעלאָשן דעם גאַנצן אייוון, איז ווײַט[ער] אַרופגעלאָפן אַפןביים אַאַז"ו, איז געבליבן אַ פלאַן אַזיי ווי קיין זאַך העלפט ניט, זאָל מען אים אַרײַנוואַרפן אין קאַסע, אַווו ס'איז געלעגן די געלט פון דער מלוכה, וועט ער דאָרטן דערשטיקט ווערן.

נו, איז ער זיך מישב, זאָגט ער: „הינטן, שעפּ געלט, נעם געלט", און אַזיי ווי מען איז געקומען און מ'האָט געעפנט די קאַסע און מען האָט געמיינט, אַז מע וועט אים געפינען אַ דער־שטיקטן, איז ער אַרויסגעגאַנגען און איז אַוועק צו זײַן דזאַד אַהיים. ער איז געקומען ניט ווײַט פון דער היים, זאָגט ער צו אים:

„גרייט זאַך,
שפרייט זאַך אָן,
שפרייט אויס
רעקס און זעקס
און איך קום צו דיר!"

און אַז ער איז שוין [אַרײַן] צום דזאַד אין שטיבעלע, זאָגט ער: „הינטן, לאָז געלט, לאָז געלט!" און ער האָט אים אָנ־געשאָטן אַ פולע שטוב מיט געלט.

איז געקומען צו גיין די באָבעצקע און בעט בײַן דזאַד, אַז ער זאָל איר געבן עטלעכע קאָפּיקעס. האָט ער ניט געגעבן. זאָגט ער: „דו האָסט אַ קעצעלע, גיי שיק איר אייך אַרויס!" איז זי

געקומען אַהיים נעבעך אין כּעס, גענומען אַ רוט, האָט אָנגעשמיסן די קעצעלע, זי זאָל איר עפּעס אייך גיין ברענגען.

די קע[צע]לע [איז] אַוועק אין וועג אין פעלד. זומער זײַנען [אין] פעלד פיל מײַז, האָט זי איר אָנגעכאַפּט די מײַז, און זי גייט שיין צו די באָבעצקע און זאָגט אויך צו די באָבעצקע:

„גרייט זיך אָן,
שפּרייט זיך אָן,
איך דײַן קעצעלע קום!"

און לאָזט איר אָן אַ פולע שטיבעלע מיט מײַז. האָט געכאַפּט די באָבעצקע און האָט איר ווידער אָנגעשמיסן מיט אַ רוט, און זי האָט איר אויסגערייניקט די הויז פון די מײַז און זי איז אַוועק אין וואַלד, די קעצעלע, און זי אָט אָנגעכאַפּט פייגאַלעך, איז גע־קומען צו גיין, האָט זי געבעטן די באָבעצקע זאָל איר עפענען די טירעלע, זי זאָל זיך אָנגרייטן פאַר איר. האָט זי איר געעפנט די טירעלע און זי האָט איר געבראַכט אַ סך פייגאַלאַך. איז געקומען דער דזאַד בעטן בײַ דער באָבעצקע אַ פּאָר פייגעלעך. זאָגט [זי]: „דוסט מיר געגעבן אַ פּאָר קאָפּיקעס? אַזיי וועל איך דיר געבן פייגעלאַך."
אָבן זיי זאַך גענומען שלאָג[ן], שלאָג[ן] זיי זאַך ביז הײַנטיקן טאָג.

20. דאָס מזל

ס'זענען אַ מאָל געווען צוויי ברידער, איינער אַ אָרעמער און דער אַנדערער אַ רײַכער. איז דער אָרעמער ברודער געווען אַ משרת בײַם רײַכן. איין מאָל, ווי ער שטייט אַזוי און היט דאָס טויער פֿון זײַן רײַכן ברודער, זעט ער, ווי עס קומט צו אַ קלײן מענטשעלע מיט אַ גאָלדן קאַפּעליושל אָפֿן קאָפּ און מיט אַ זעקל גאָלד אָפֿן פּלייצע און טראָגט עס גלײַך צום רײַכן אין שטוב אַרײַן. פֿרעגט ער אים: „ווער ביסטו?" זאָגט דער מענטשעלע: „כ'בין דײַן ברודערס מזל". האָט זיך דער אָרעמער פֿאַרוווּנדערט. דערנאָך פֿרעגט ער אים ווידער: „כ'בעט דיך, אפֿשר ווייסטו ווו מײַן מזל געפֿינט זיך?" – „אַוודאי ווייס איך, זאָגט דאָס קלײן מענטשעלע, נאָר ס'וועט דיר גאָרניט אַרויסקומען דערפֿון, אַז כ'וועל דיר זאָגן, ווײַל ס'מזל דײַנס ליגט ערגעץ אָף אַ ווייסט פֿעלד, ס'איז קרעציק און אָפּגעלאָזן און פֿאַרשלאָפֿן, און ס'איז שווער אַהין צוצוקומען."
אָבער דער אָרעמער ברודער האָט ס'קלײן מענטשעלע ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט אָנגעהויבן בעטן און ווייגען, נאָר עס זאָל אים זאָגן, ווו זײַן אָרעם מזל געפֿינט זיך. האָט דאָס מענטשעלע אָף אים רחמנות געקריגן, זאָגט ער צו אים: „גוט, כ'וועל דיר זאָגן: זאָלסט גיין אַהין דאָרטן ווײַט, ווײַט, וועסטו קומען צו אַ פֿעלד; זאָלסטו גיין ווײַטער, וועסטו קומען צו אַן אַנדער פֿעלד, וועסטו זען טויזנטער מזלות ליגן פֿאַרשלאָפֿן, זאָלסטו זיי ניט וועקן; זאָלסטו גיין ווײַטער, וועסטו זען טויזנטער מזלות האָבן זיך שוין אַביסל אויפֿגעטשוכעט, זיצן זיי אַזוי זיך, גענעצן און קראַצן זיך, זאָל עס דיך ניט אַרן. זאָלסט גיין ווײַטער, ווײַטער און זוכן; וועסטו געפֿינען אַ מזל,

וואָס איז מער פֿאַרשלאָפֿן ווי אַלע אַנדערע און כראָפּעט שטאַרקער, ווי אַלע אַנדערע, זאָלסטו וויסן, אַז דאָס איז דייַן מזל!“ און אַזוי ווי דאָס קליין מענטשעלע מיטן גאָלדן קאַפּעליושל האָט אָפּגערעדט, איז עס באַלד פֿאַרשוווּנדן.

אָף מאָרגן אין דער פֿרי האָט זיך דער אָרעמאַן אויפֿגעהויבן און איז געגאַנגען זוכן זייַן מזל. איז ער געגאַנגען און געגאַנגען ביז ער איז צוגעקומען צו אַ וויסט פֿעלד, אַזוי ווי דאָס מענטשעלע האָט אים געזאָגט. האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט און איז ווייַטער געגאַנגען, ביז ער איז צוגעקומען צו אַן אַנדער פֿעלד, אויך אַזוי וויסט. האָט ער זיך אַרומגעקוקט, האָט ער געזען אַ סך און פֿאַרשיידנערליי מזלות ליגן נעבעך פֿאַרשלאָפֿן און כראָפּן. האָט ער זיי ניט געטשעפּעט; אַנדערע ווידער זענען געזעסן און געגענעצט און געקראַצט זיך; האָט ער זיך אָף זיי ניט אומגעקוקט און געגאַנגען ווייַטער, ווייַטער, געזוכט און געזוכט, ביז ער האָט דערזען ווי איינס, וואָס איז געווען פֿאַרשלאָפֿן מער ווי אַלע אַנדערע, האָט ער באַלד דערקענט, אַז דאָס איז זייַן מזל. גייט ער צו און הייבט עס אָן צו וועקן: „מזל, מזל מייַנס, שטיי אויף! וואָס ביסטו אַזוי פֿאַרפֿאָפּן?“ דאָס מזל רירט זיך ניט, עס שלאָפֿט, עס כראָפּעט געשמאַק. וועקט ער עס ווידער, אָבער עס העלפֿט ניט. הייבט ער אָן צו וויינען און צו שרייַען: „מזל, מזל מייַנס שטיי אויף! גענוג דיר שוין צו שלאָפֿן! גענוג דיר שוין צו שלאָפֿן!“ האָט זיך דאָס מזל קוים מיט צרות אַ ביסל אויפֿגעטשוכעט און געפּענט די אויגן און גענומען גענעצן. אַז דער אָרעמאַן האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך דערפֿרייט און גענומען זיך בעטן: „מזל, מזל מייַנס! שלאָף ניט! קוק זיך אַרום! זע, מייַן ווייַב און קינדער זענען הונגעריק, העלף מיר! גיב מיר עפּעס!“ האָט דאָס מזל גאָרנישט געזאָגט, אַרייַנגעשטעקט די קרעציקע האַנט אין בוזעם אַרייַן, אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרטן אַ זילבערנעם גילדן און האָט עס אים דערלאַנגט. „וואָס וועל איך האָבן דערפֿון?“ פֿרעגט דער אָרעמאַן. „וועסט האָבן, וועסט האָבן! בייזערט זיך דאָס מזל, גיי אָפּן מאַרק

און קויף די ערשטע זאַך, וואָס דו ווערסט אָנטרעפֿן." איז דער אָרעמאַן אַוועק אָפֿן מאַרק, האָט ער אָנגעטראָפֿן אַ גוי, וואָס האָט געטראָגן אַ הון צו פֿאַרקויפֿן. האָט ער געקויפֿט די הון, אַוועק־געטראָגן אַהיים און זיך געלייגט שלאָפֿן. איז די הון אַרויפֿגעפֿלויגן אָפֿן שאַפֿע און האָט זיך אויך געלייגט שלאָפֿן.

פֿאַר טאָג, ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער באַמערקט ווי פֿון שאַפֿע בלישטשעט עפּעס אַראָפּ. איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פֿון געלעגער, האָט ער דערזען אָפֿן שאַפֿע ליגט אַ גאָלדענע איי, וואָס די הון האָט געלייגט. האָט ער באַלד אויפֿגעוועקט דאָס ווײַב מיט די קינדער און האָט זיי געוויזן די גאָלדענע איי, האָבן זיי זיך אַלע זייער דערפֿרייט און גענומען טאַנצן און שפּרינגען. דערנאָך האָט ער גענומען די גאָלדענע איי און האָט דאָס פֿאַרקויפֿט פֿאַר זייער אַ סך געלט און פֿון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַלץ רײַכער און רײַכער.

און זיי איז גוט
און אונדז איז נאָך בעסער.

21. אַ מעשׂה פֿון אַ גילדערנער פֿעדער

עס איז אַ מאָל געווען אַ יוסטער בעל־הבית, האָט ער געהאַט צוועלף זין, עלף קלוגע און איינער אַ נאַר. און דער בעל־הבית האָט אויך געהאַט אַ קליאַטשע, האָט זי געהאַט צוועלף פֿערדעלעך, עלף שיינע און איינער אַ מיאוסער. וויפֿיל זין, אַזוי פֿיל פֿערדעלעך.

נו, האָט דער טאַטע צעשטעלט די פֿערדעלעך צו די זין. האָבן די עלף קלוגע זיך אויסגעקליבן די עלף שיינע פֿערדעלעך און דעם צוועלפֿטן, דעם מיאוסן, האָבן זיי געלאָזן פֿאַר דעם נאַר. האָט דער נאַר אָנגעהויבן וויינען, פֿאַר וואָס מע האָט אים געגעבן דעם מיאוסן פֿערדעלע. שטייט ער און וויינט, דער נאַר. רופֿט זיך אָפּ דער פֿערדעלע צו אים: „אַז דו וועסט ניט וויינען און וועסט מיר פֿאָלגן אַלץ וואָס איך וועל דיר הייסן, וועל איך דיר זאָגן, ווי אַזוי דו קאָנסט מיר מאַכן שיין.‟ זאָגט דער נאַר: „גוט, כ׳וועל דיר פֿאָלגן‟. — „אויב אַזוי, זאָגט דער פֿערדעלע, טאָ נעם און וואַש מיר אויס און קאַם מיר אויס, וועל איך ווערן שענער פֿון אַלעמען.‟ האָט ער אַזוי געטאָן, ער האָט אים אויסגעוואַשן און אויסגעקאַמט, איז ער געוואָרן זייער אַ שיינינקער פֿערדעלע. „איצ־טער, זאָגט דער פֿערדעלע, שפּאַן מיר איַין, וועלן מיר זיך אַ ביסל דורכפֿאָרן שפּאַצירן.‟ האָט ער אים איַינגעשפּאַנט, און זיי זיַינען אַוועקגעפֿאָרן. פֿאָרנדיק אַזוי, האָבן זיי דערזען, ווי אָפֿן וועג ליגט עפּעס און בלישטשעט זייער. זאָגט ער צום פֿערדעלע: „שטעל זיך אָפּ, וועל איך אַראָפּגיין זען, וואָס דאָס איז‟. האָט זיך דער פֿער־דעלע אָפּגעשטעלט. איז ער אַראָפּ און האָט געזען, אַז דאָס איז אַ גילדערנע פֿעדער פֿון עפּעס אַ גילדערנעם פֿויגל. האָט דער נאַר

דאָס געוואָלט אופֿהייבן. זאָגט דער פֿערדעלע צו אים: „הייב ניט אוף, איך הייס ניט! ווײַל אַז דו ווערסט דאָס אופֿהייבן, ווערסטו האָבן צרות.“ זאָגט דער נאַר: „איך הער דיר ניט, די גילדערנע פֿעדער וועל איך נעמען.“ זאָגט דער פֿערדעלע: „האָסט דאָך מיר אָבער צוגעזאָגט, אַז דו ווערסט מיר אַלץ פֿאָלגן. זאָג איך דיר, אַז דו ווערסט האָבן גרויסע צרות, טשעפּע ניט די פֿעדער!“ האָט ער אים ניט געהערט און האָט אופֿגעהויבן די פֿעדער. נו, זײַנען זיי געפֿאָרן ווײַטער, האָבן זיי פֿאַרבלאָנדזעט אין אַ טיפֿן וואַלד, און אַז עס איז געוואָרן שטאַרק פֿינצטער, האָט די פֿעדער אָנגעהויבן צו לײַכטן. זעט ער, די פֿעדער לײַכט, קוועלט ער דערפֿון און פֿרייט זיך. זאָגט דער פֿערדעלע צו אים: „פֿריי זיך, פֿריי זיך, ווערסט נאָך האָבן צרות!“ האָט ער אים ניט געהערט. זײַנען זיי ווײַטער געפֿאָרן אין וואַלד און האָבן נאָך ווײַטער פֿאַרבלאָנדזעט. פּלוצלינג האָבן זיי דערזען אין וואַלד אַ שטיבעלע. זאָגט ער צום פֿערדעלע: „שטעל זיך אָפּעט, מירן דאָ פֿאַרפֿאָרן נעכטיקן.“ זאָגט דער פֿערדעלע: „ניין, איך הייס ניט!“ האָט ער אים ניט געהערט און איז פֿאַרפֿאָרן צום שטיבל. גייט ער אַרײַן אין שטיבעלע, זעט ער, עס זיצן דרײַ שיקסעס. פֿרעגט ער זיי, צי מע קאָן דאָ נעכטיקן. זאָגן זיי: „מיר ווייסן ניט, מיר האָבן דאָ אַן אַלטע מאַמע, איז זי אַ מכשפֿה, זי רופֿט זיך באָבע האַ. זי וועט באַלד קומען, וועט איר בײַ איר פֿרעגן. אַז זי וועט אײַך דערלויבן, וועט איר דאָ קאָנען נעכטיקן.“ נעמט ער און ווײַזט זיי די גילדערנע פֿעדער, האָט עס פֿאַרלויכטן די גאַנצע שטיבעלע, זײַנען די שיקסעס פֿאַרציטערט געוואָרן פֿון דער שיינקייט. זאָגן זיי צו אים: „די פֿעדער איז טאַקע זייער שיין, נאָר מיר קאָנען דיר ניט לאָזן דאָ נעכטיקן, וואַרט ביז די באָבע האַ וועט קומען.“ איז טאַקע באַלד אָנגעקומען די באָבע האַ מיט אַ טופּערײַ פֿון איר אײַזערנעם פּיסעלע. זאָגן די שיקסעס צו איר: „זיי ווילן דאָ נעכטיקן“. האָט די באָבע האַ דערזען די גילדערנע פֿעדער, זאָגט זי: „יע, איר קאָנט דאָ נעכטיקן, אָבער איך וויל, אַז איר זאָלט זיך לייגן שלאָפֿן אַף דר׳ערד,

די קעפּ צום שװעל.״ זאָגן זײ: „נו, זאָל זײַן כאָטש אַף דר׳ערד, די קעפּ צום שװעל, אַבי איבערנעכטיקן.״ און די באָבע האַ איז ניט געװאָרן, אַװעקגעלאָפן קאַריק אין װאַלד.

נו, האָבן זײ זיך אַלע צעלײגט שלאָפן: די דרײַ שיקסעס אַף זײערע ערטער און ער מיטן פערדעלע האָבן זיך געלײגט אַף דר׳ערד, מיט די קעפּ צום שװעל. אין אַ װײַלע אַרום רופט זיך אָפּ דער פערדעלע צו אים: „אײַ שלעכט, מיר זײַנען דאָ פאַרפאַלענע! כ׳האָב דיר געזאָגט, זאָלסט ניט אופהײבן די גילדערנע פעדער, מיר׳ן האָבן צרות, װײַל װען ניט די גילדערנע פעדער, װאָלט אונדז די באָבע האַ דאָ ניט געלאָזן נעכטיקן.״ — „טאָ װאָס זשע זאָלן מיר איצטער טאָן?״ פרעגט ער. זאָגט דער פערדעלע: „כ׳װעל דיר געבן אַן עצה: נעם און טראָג אַריבער די דרײַ טעכטער אירע אַף אונדזער זײַט מיט די קעפּ צום שװעל, און מיר װעלן זיך לײגן אַף זײערע ערטער.״ האָט ער אַזוי געטאָן: גענומען די דרײַ שלאָפנדיקע שיקסעס, אַריבערגעטראָגן אַף דר׳ערד, מיט די קעפּ צום שװעל, און אַלײן האָבן זײ זיך געלײגט אַף די ערטער, װוּ די שיקסעס זײַנען פריִער געלעגן. נו, ליגן זײ און קאָנען ניט אײַנשלאָפן. פלוצלינג אין מיטן נאַכט קומט צו לויפן די באָבע האַ, לויפט צו צום שװעל און גיט מיטן אײַזערנעם פיסעלע אַזאַ שמיץ, אַז די קעפּ פון אירע דרײַ טעכטער זײַנען זיך צעפלויגן אין אַלע זײַטן, און איז אַװעקגעלאָפן קאַריק אין װאַלד. אַז דער פערדעלע האָט דאָס דערזען, זאָגט ער צו אים: „נעם אַף גיך, שפּאַן מיר אײַן! נעם צו די גילדערנע פעדער און לאָמיר לויפן, טרײַב מיך װי דו קאָנסט, טאָמער ניט, זײַנען מיר פאַרפאַלענע!״ האָט ער אַף גיך אײַנגעשפּאַנט דעם טײַערן פערדעלע, געכאַפּט די גילדערנע פעדער און איז אַנטלאָפן געװאָרן.

אין דער פרי איז געקומען צו לויפן די באָבע האַ פון װאַלד, גיט זי אַ קוק, װאָס זי האָט דאָ אָפּגעטאָן מיט איר אײַזערנעם פיסעלע, איז געװען אַ קלאָג צו איר. „אײַ װײ! האָט זי געשריִען, די אײגענע טעכטער צעהאַקט די קעפּ! און יענע מיט דער

גילדערנער פֿעדער זײַנען אַנטלאָפֿן! אײַ ווײ! אײַ ווײ!" און זי האָט זיך געלאָזן לויפֿן נאָך זײ, אָניאָגן זײ. יאָגט זי זיך נאָך זײ, און זײ לויפֿן מיט אַלע כּוחות, און אַזוי ווי זײ לויפֿן, דערהערן זײ אַ טופּערײַ פֿון דער אײַזערנער פּיסעלע. „מע יאָגט! מע יאָגט! שרײַט ער צום פֿערדעלע, דו הערסט? מע יאָגט אונדז!" — „יע, איך הער", זאָגט דער פֿערדעלע, כ'האָב דיר געזאָגט, זאָלסט ניט אופֿהייבן די גילדערנע פֿעדער, מיר'ן האָבן צרות, האָסטו מיר ניט געפֿאָלגט. נאָר פֿון דעסט וועגן שרעק זיך ניט, כ'וועל דיר געבן אַן עצה: נעם אַ קריגעלע וואַסער און טו אַ גאָס איבערן קאָפּ, וועט ווערן אַ גרויסער טײַך, וועט זי ניט קענען אַריבער." האָט ער אַזוי געטאָן: גענומען אַ קריגעלע וואַסער און געטאָן אַ גאָס איבערן קאָפּ, איז געוואָרן אַ גרויסער טײַך. און אַז די באָבע האַ איז צוגעקומען צום גרויסן טײַך, האָט זי ניט געקאָנט אַריבערגיין, איז זי קאַריק אַוועקגעלאָפֿן אַהיים, געכאַפּט אַן עמער מיט אַ קוואָרט און האָט אַף גיך אויסגעשעפּט דעם טײַך און האָט זיך ווײַטער געלאָזן לויפֿן נאָך זײ, אָניאָגן זײ. יאָגט זי זיך נאָך זײ, און זײ לויפֿן מיט אַלע כּוחות, און אַזוי ווי זײ לויפֿן, דערהערן זײ ווידער אַ טופּערײַ פֿון דער אײַזערנער פּיסעלע. „מע יאָגט! מע יאָגט! שרײַט ער צום פֿערדעלע. דו הערסט? מע יאָגט אונדז ווידער!" — „יע, איך הער, זאָגט דער פֿערדעלע, כ'האָב דיר געזאָגט, זאָלסט ניט אופֿהייבן די גילדערנע פֿעדער, מיר'ן האָבן צרות, האָסטו מיר ניט געפֿאָלגט. נאָר פֿון דעסט וועגן שרעק זיך ניט, כ'וועל דיר געבן אַן עצה: נעם רײַס אויס אַ הויפֿן ריטלעך און טו אַ וואָרף איבערן קאָפּ, וועט ווערן אַ געדיכטער וואַלד, וועט זי ניט קענען אַדורך." האָט ער אַזוי געטאָן: אויסגעריסן אַ הויפֿן ריטלעך און געטאָן אַ וואָרף איבערן קאָפּ, איז געוואָרן אַ געדיכטער וואַלד. און אַז די באָבע האַ איז צוגעקומען צום געדיכטן וואַלד, האָט זי ניט געקאָנט אַדורכגיין, איז זי קאַריק אַוועקגעלאָפֿן אַהיים, געכאַפּט אַ העקעלע און האָט אַף גיך אויסגעצערבעט זיך אַ וועג דורכן וואַלד און האָט זיך ווײַטער געלאָזן לויפֿן נאָך זײ, אָניאָגן

זיי. יאָגט זי זיך נאָך זיי, און זיי לויפֿן מיט אַלע כּוחות, און אַזוי ווי זיי לויפֿן, דערהערן זיי וויַיטער אַ טופּעריַי פֿון דער איַיזערנער פּיסעלע. שריַיט ער צום פֿערדעלע: „ראַטעווע! ראַטעווע! וואָס זאָלן מיר טאָן? מיר זיַינען פֿאַרפֿאַלענע!" זאָגט דער פֿערדעלע צו אים: „שאַ, שרעק זיך ניט! כ'וועל דיר געבן נאָך אַן עצה: נעם אַ הויפֿן זאַמד און טו אַ שאָט איבערן קאָפּ, וועט ווערן אַ הויכער באַרג, וועט זי ניט קענען אַריבער." האָט ער אַזוי געטאָן: גענומען אַ הויפֿן זאַמד און געטאָן אַ שאָט איבערן קאָפּ, איז געוואָרן אַ הויכער באַרג. און אַז די באָבע האַ איז צוגעקומען צום הויכן באַרג, האָט זי ניט געקענט אַריבערגיין, איז זי קאַריק אַוועקגעלאָפֿן אַהיים, געכאַפּט אַ לאָפּעטקע און האָט אַף גיך אַוועקגעשאַרט דעם באַרג און האָט זיך וויַיטער געלאָזן לויפֿן נאָך זיי. דערהערן זיי וויַיטער אַ טופּעריַי פֿון דער איַיזערנער פּיסעלע. שריַיט ער צום פֿערדעלע: „דו הערסט, זי איז שוין ווידער דאָ! איַי וויי, איַי וויי! וואָס טוט מען איצטער?" – „שאַ, שרעק זיך ניט!" זאָגט דער פֿערדעלע, פֿאַראַן נאָך אַן עצה, דאָס וועט אונדז אפֿשר ראַטעווען דעם לעבן: נעם האַק אָן עטלעכע שפּיַיטעלעך האָלץ, פֿאַרלייג אַ פֿיַיער און לאָז זיי זיך אָנברענען אַף הייסע קוילן. דערנאָך נעם די קוילן, שיט זיי אַריַין אין גריבעלע וואָס לעבן וואַלד און לייג אַריבער אַ שמאָלינקע דרעטעלע איבערן גריבעלע. איז אַזוי ווי די באָבע האַ וועט אָנקומען דורכן וואַלד, וועט זי נעמען אַריבערגיין איבערן דרעטעלע, וועט זיך דער דרעטעלע טאָן אַ בייג, וועט זי אַריַינפֿאַלן אין גריבעלע אַף די הייסע קוילן און וועט פֿאַרברענט ווערן אַף טויט." האָט ער אַזוי געטאָן: אָנגעהאַקט עטלעכע שפּיַיטעלעך האָלץ, פֿאַרלייגט אַ פֿיַיער און געלאָזן זיי אָנברענען זיך אַף הייסע קוילן. דערנאָך האָט ער די הייסע קוילן אַריַינגעשאָטן אין גריבעלע וואָס לעבן וואַלד און אַריבערגעלייגט מיט אַ דרעטעלע. און אַזוי ווי די באָבע האַ איז אָנגעקומען דורכן וואַלד און האָט דערזען הייסע קוילן אין גריבעלע, האָט זי גענומען אַריבערגיין איבערן דרעטעלע, האָט זיך דער

דרעטעלע געטאָן אַ בייג, איז זי אַרײַנגעפֿאַלן אין גריבעלע אַף די הייסע קוילן און איז פֿאַרברענט געוואָרן אַף טויט.

נו, אַזוי ווי זיי זײַנען פּטור געוואָרן פֿון דער באָבע האַ, האָבן זיי זיך פֿאַרקערעוועט און געפֿאָרן קאַריק אַהיים. געקומען אַהיים, האָבן די ברידער דערזען זײַן שײַנינקן פֿערדעלע מיט דער גילדערנער פֿעדער, האָבן זיי אים זייער מקנא געווען. אָבער אַז דער פֿערדעלע האָט דאָס דערזען, רופֿט ער זיך אָפּ צו אים: „דו מוזסט פֿאַרלאָזן די היים! נעם שפּאַן מיר אײַן און לאָמיר אַנטלויפֿן, ווײַל דו ביסט דאָ ניט זיכער מיטן לעבן.“ האָט ער אים אײַנגעשפּאַנט און אַנטלאָפֿן געוואָרן אין אַ גרויסן דאָרף, ווו ס׳איז געווען אַ פֿולע פֿעלדער. האָט ער גענומען אַקערן און זייען אַף די פֿעלדער און געוואָרן אַ רײַכער מאַן. ער האָט פֿאַרזייט אַ פֿולע קאָרן, אָנגעמאָלן מעל, און דער פֿערדעלע האָט געפֿירט די ברויט אין שטאָט אַרײַן. אין שטאָט האָט ער געטיילט ברויט אַלע אָרעמע לײַט, און זיי זײַנען געווען גליקלעך.

און דאָס אַלץ האָט ער געהאַט צו פֿאַרדאַנקען דעם טײַערן פֿערדעלע. אײַ איז דאָס געווען אַ פֿערדעלע! שיים איין מאָל אַ פֿערדעלע!

22. אַ מעשׂה פֿון אַ באַבעצקעלע מיט חיהלעך

ס'איז אַ מאָל געווען אַ באַבעצקעלע, האָט זי געוווינט אָף אַ פֿעלד אין אַ קליין שטיבעלע, איינער אַליין. פֿלעגט זי צונעמען שלעכטע קינדער, וואָס האָבן נישט געוואָלט פֿאָלגן טאַטע־מאַמע. איין מאָל האָט אַ מאַמע אַוועקגעגעבן אַ שלעכט מיידעלע צום באַבעצקעלע, זי זאָל עס אויסלערנען פֿאָלגן דער מאַמען. האָט דאָס באַבעצקעלע צוגענומען דאָס מיידעלע און איז אַוועק דערמיט אין וואַלד אַרײַן קלײַבן שפּענדעלעך. דערווײַל איז צום באַבעצקעלעס שטיבעלע צוגעקומען אַ בערעלע און האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אַהין און צוריק. און אַזוי ווי עס דרייט זיך, קומט צו אַ הינטעלע און זאָגט: „בערעלע, וואָס דרייסטו זיך?“ זאָגט דאָס בערעלע: „וואָס אַרט דיך? דריי זיך אויכעט!“ דרייען זיך שוין אַלעביידע. און אַזוי ווי זיי דרייען זיך, קומט צו אַ הערשעלע און זאָגט: „בערעלע, הינטעלע, וואָס דרייט איר זיך?“ זאָגן זיי: „וואָס אַרט דיך? דריי זיך אויכעט!“ דרייען זיך שוין אַלע דרײַ. און אַזוי ווי זיי דרייען זיך, קומט צו צו זיי אַ האָן און זאָגט: „בערעלע, הינטעלע, הערשעלע, וואָס דרייט איר זיך?“ זאָגן זיי: „וואָס אַרט דיך? דריי זיך אויכעט!“ דרייען זיך שוין אַלע פֿיר. און אַזוי ווי זיי דרייען זיך, קומט צו צו זיי אַ דעקל פֿון אַ טשײַניק און זאָגט: „בערעלע, הינטעלע, הערשעלע, הענדעלע, וואָס דרייט איר זיך?“ זאָגן זיי: „וואָס אַרט דיך? דריי זיך אויכעט!“ דרייען זיך שוין אַלע פֿינף. און אַזוי ווי זיי דרייען זיך, קומט צו צו זיי אַ שטיקל סמאָלע מיט אַ שפּילקע און זאָגן: „בערעלע, הינטעלע, הערשעלע, הענדעלע, דעקעלע–וואָס דרייט איר זיך?“ זאָגן זיי: „וואָס

אַרט דיך? דריי זיך אויכעט!" דרייען זיך שוין אַלע זיבן. האָבן זיי זיך אַזוי לאַנג געדרייט און געדרייט, ביז ס'איז געוואָרן נאַכט. און אַז ס'איז געוואָרן נאַכט, דאַרפֿן זיי גיין שלאָפֿן. וווהין גייט מען שלאָפֿן? צום באַבעצקעלע אין שטיבעלע אַרײַן! קומען זיי אַרײַן אין שטיבעלע, גייען זיי אַלע און לייגן זיך שלאָפֿן: ס'בערעלע לייגט זיך אין בעט, ס'הינטעלע—אין וויגל, ס'הערשעלע—אָפֿן אויוון, דער האָן—אָף דער פּאָליצע, ס'דעקל—אין קוימען, ס'שטיקל סמאָלע—אינעם פּושקעלע שוועבעלעך, און די שפּילקע האָט זיך שוין נישט געהאַט וווהין צו לייגן, האָט זי זיך פֿאַרשטעקט אין האַנטעך.

קומט צו גיין ס'באַבעצקעלע מיטן מיידעלע פֿונעם וואַלד און ווילן זיך לייגן שלאָפֿן. גייען זיי זיך לייגן אין בעט אַרײַן, גיט זיי ס'בערעלע אַ זעץ מיטן פֿוס, דערשרעקן זיי זיך און שפּרינגען אַרויס צוריק. גייען זיי זיך לייגן אין וויגל, גיט זיי ס'הינטעלע אַ ביס, הייבן זיי אָן צו שרײַען: „אוי וויי, וואָס איז דאָ!" נו, גייען זיי זיך שוין לייגן אָפֿן אויוון, גיט זיי ס'הערשעלע אַ שטאָך מיט די הערנער, ווערן זיי פֿאַרציטערט פֿון שרעק און ס'ווערט זיי קאַלט. גייט ס'באַבעצקעלע זיך אָנוואַרעמען בײַם אויוון, פֿאַלט אַראָפּ ס'דעקל פֿונעם קוימען און גיט איר אַ זעץ אין דער האַנט אַרײַן. דערשרעקט זיך ס'באַבעצקעלע און הייבט אָן צו שרײַען: „אוי וויי, וואָס איז דאָ!" וויל זי אָנצינדן דעם לאָמפּ, זען וואָס דאָ איז דאָ אין שטוב, גייט זי צו צום פּושקעלע שוועבעלעך און וויל אַרויסנעמען אַ שוועבעלע, קלעפּט זיך אָן די סמאָלע צו אירע פֿינגער און וויל זיך נישט אָפּקלעפּן. גייט זי און וואַשט זיך אָפּ די הענט פֿון דער סמאָלע און נעמט זיך אָפּווישן אָן האַנטעך, גיט איר די שפּילקע אַזאַ שטאָך, אַז זי הייבט אָן צו שרײַען. שרײַט אַראָפּ דער האָן: „איך מאַך דיר אָן!" דערפֿון האָט זיך ס'באַבעצקעלע אַזוי שטאַרק דערשראָקן, אַז זי איז אַוועקגעפֿאַלן טויט.

דערווײַל איז דאָס מיידעלע צוריק אַנטלאָפֿן אַהיים צו דער מאַמען און האָט אָנגעהויבן פֿאָלגן, וואָס די מאַמע האָט געזאָגט. און פֿון דעמאָלט אָן האָבן אַלע קינדערלעך אָנגעהויבן צו פֿאָלגן זייערע מאַמעס.

23. דער וואָרטזאָגער

אַ מאָל איז געווען אַן אַלטער ייִד, אַ פֿײַנער מאַן, אַ לער־נער, האָט ער געהאַט דרײַ זין, פֿײַנע קינדער. און אַז ס׳איז געקו־מען זײַן צײַט צו שטאַרבן, האָט דער ייִד פֿאַררופֿן צו זיך זײַנע דרײַ זין און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „מײַנע ליבע קינדער, איך גיי שטאַרבן. לאָז איך אײַך אַ צוואה און זאָג אײַך אָן, אַז איך וועל שטאַרבן, זאָלט איר מיך מקבר זײַן דאָרטן לעבן יענעם יעלניק, אַוווּ דער געלער זאַמד, אין וועלדל, און איר זאָלט קומען צו מיר נעכ־טיקן אַף מײַן קבֿר דרײַ נעכט נאָך אַנאַנד, איינציקווײַז: אַפֿריִער זאָל קומען דער עלטערער זון, דערנאָך דער מיטעלער און דערנאָך דער ייִנגסטער. איר זאָלט קומען נעכטיקן און פֿאַר גאָרניט מורא האָבן, וועט אײַך זײַן גוט.״

איז אַזוי געווען: דער ייִד איז געשטאָרבן און, זײַנע זין האָבן געטאָן אַזוי ווי ער האָט זיי פֿאַרזאָגט אין דער צוואה. איז אַפֿריִער געגאַנגען דער עלטערער זון נעכטיקן אַפֿן טאַטנס קבֿר. האָט ער איבערגענעכטיקט די נאַכט, און אַז ס׳איז געוואָרן טאָג, איז ער געגאַנגען אַהיים. גייענדיק אַהיים האָט ער אַפֿן וועג באַ־געגנט אַן אַלטינקן ייִדעלע. ווער איז דער ייִדעלע? אליהו הנבֿיא. פֿרעגט אים דער אַלטינקער ייִדעלע: „פֿון וואַנען גייסטו, זונעלע?״ דערציילט ער אים די מעשׂה: „אַזוי ווי דער טאַטע האָט פֿאַרזאָגט, מוזן מיר אים פֿאָלגן״. זאָגט דער אַלטינקער ייִדעלע צו אים: „וואָס ווילסטו, זונעלע: צי אַ טון גאָלד? צי אַ קווינט מזל? אָדער צו זײַן אַ וואָרטזאָגער?״ זאָגט ער: „פֿון די דרײַ זאַכן וויל איך בע־

סער אַ טון גאָלד״. – „גוט, זאָגט דער אַלטינקער, זאָלסט האָבן אַ טון גאָלד!״ און איז אַוועקגעגאַנגען. דערנאָך איז געגאַנגען דער מיטעלער זון נעכטיקן אַפֿן טאַטנס קבֿר, האָט ער איבערגענעכטיקט די נאַכט, און אַז ס'איז געוואָרן טאָג, איז ער געגאַנגען אַהיים. גייענדיק אַהיים האָט ער אַפֿן וועג באַגעגנט אַן אַלטינקן ייִדעלע. ווער איז דער ייִדעלע? אליהו הנבֿיא. פֿרעגט אים דער אַלטינקער ייִדעלע: „פֿון וואַנען גייסטו, זונעלע?״ דערציילט ער אים די מעשׂה: „אַזוי ווי דער טאַטע האָט פֿאַרזאָגט, מוזן מיר אים פֿאָלגן״. זאָגט דער אַלטינקער צו אים: „וואָס ווילסטו, זונעלע: צי אַ טון גאָלד? צי אַ קווינט מזל? אָדער צו זײַן אַ וואָרטזאָגער?״ זאָגט ער: „פֿון די דרײַ זאַכן וויל איך בעסער אַ קווינט מזל!״ – „גוט, זאָגט דער אַלטינקער ייִדעלע, זאָלסט האָבן אַ קווינט מזל!״ און איז אַוועקגעגאַנגען. אַפֿן דריטן טאָג איז געגאַנגען דער ייִנגסטער זון נעכטיקן אַפֿן טאַטנס קבֿר, האָט ער אויך איבערגענעכטיקט די נאַכט, און אַז עס איז געוואָרן טאָג, איז ער געגאַנגען אַהיים. גייענדיק אַהיים האָט ער אויך באַגעגנט דעם אַלטינקן ייִדעלע. פֿרעגט אים דער אַלטינקער ייִדעלע: „פֿון וואַנען גייסטו, זונעלע?״ דערציילט ער אים די מעשׂה: „אַזוי ווי דער טאַטע האָט פֿאַרזאָגט, מוזן מיר אים דאָס פֿאָלגן״. זאָגט דער אַלטינקער צו אים: „וואָס ווילסטו, זונעלע: צי אַ טון גאָלד? צי אַ קווינט מזל? אָדער צו זײַן אַ וואָרטזאָגער?״ זאָגט ער: „פֿון די דרײַ זאַכן וויל איך בעסער זײַן, אַ וואָרטזאָגער״. – „גוט, זאָגט דער אַלטינקער, זאָלסט זײַן אַ וואָרטזאָגער!״ און איז אַוועקגעגאַנגען.

נו, איז אַזוי געווען, ווי דער אַלטינקער ייִדעלע האָט געזאָגט: דער עלטערער זון האָט באַקומען אַ טון גאָלד, איז ער געוואָרן זייער רײַך; דער מיטעלער–אַ קווינט מזל, איז אים געווען נאָך בעסער, וואָס ער האָט געטאָן איז אים געווען מזלדיק; אָבער דער ייִנגסטער זון האָט גאָרניט געהאַט. האָבן די עלטערע ברידער פֿון אים געלאַכט: „נאַדיר גאָר אַ וואָרטזאָגער! ווייניק זאָגערס, שלעפּערס זײַנען פֿאַראַן?״ האָט ער זיי גאָרניט געענטפֿערט און איז

זיך אַוועק אַף דער וועלט. גייט ער זיך אַזוי, דער וואָרטזאָגער, דורך אַ וואַלד, זעט ער, עס שטייט זייער אַ הויכער בוים. זאָגט ער: „איך זאָג, אַז דער בוים זאָל אַנידערפאַלן און זאָל זיך אָנ־טשעפּען אָן מײַן סורדוט און זאָל זיך מיר נאָכשלעפּן ביז צום קייסערס פּאַלעץ!“ און אַזוי ווי ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, איז דער בוים גלײַך אַנידערגעפאַלן און האָט זיך אָנגעטשעפּעט אָן זײַן סורדוט, איז ער מיט אים אַוועקגעגאַנגען צום קייסערס פּאַלעץ. גייט ער פאַרבײַ, זיצט דעם קייסערס טאָכטער אין פענצטער. זעט זי, ווי אַ מאַן גייט און זייער אַ לאַנגער בוים שלעפּט זיך אים נאָך. האָט זי זיך צעלאַכט, דעם קייסערס טאָכטער, געמאַכט אַ גרויסן געלעכטער. און ווער וואָלט עס ניט געלאַכט, ווען ער זעט אַ מאַן גייט און אַ בוים שלעפּט זיך נאָך אים? דעם וואָרטזאָגער האָט דאָס אָבער פאַרדראָסן, זאָגט ער צו איר: „אַ געלעכטער אין דײַן בויך אַרײַן!“ און אַזוי ווי ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, איז זי באַלד טראָגעדיק געוואָרן און געהאַט אַ קינד דערפון. געהאַט אַ קינד! איז געוואָרן אַ רעש און אַ טומל אַף דער גאַנצער מדינה. סטײַטש, דעם קייסערס טאָכטער האָט געהאַט אַ קינד, און מע ווייס ניט פון וועמען! נו, האָט דער קייסער גלײַך געזעצט דעם סענאַט און זיי האָבן געגעבן אַן עצה, אַז ווען דאָס קינד וועט אַלט ווערן צוויי יאָר, זאָל מען מאַכן אַ גרויסן באַל און מע זאָל צוזאַמענרופן אַלע מענטשן פון שטאָט און אַרופשטעלן דעם קינד אַפן טיש, וועט מען זען, צו וועמען דאָס קינד וועט זיך ציִען, יענעמס איז דאָס.

איז אַזוי געווען. אַז דאָס קינד איז אַלט געוואָרן צוויי יאָר, האָט דער קייסער געמאַכט אַ גרויסן באַל מיט אַלע גוטע זאַכן, אַרומגעזעצט די מענטשן אַרום די טישן, און מע האָט אַרופגעשטעלט דעם קינד. אָבער דאָס קינד האָט זיך צו קיינעם ניט געקערט. האָט מען גענומען זוכן נאָך מענטשן, אַנדערע. האָט מען געפונען אין אַ שול אַ מאַן, וואָס איז געזעסן הינטערן אויוון און האָט געלערנט. זאָגט מען צו אים: „שיינער מענטש, קום צום טיש!“

איז ער געגאַנגען. האָט מען אים אַוועקגעזעצט צום טיש, געגעבן אים צו עסן פֿון די אַלע גוטע זאַכן, און דערנאָך האָט מען אַרופֿ־געשטעלט דעם קינד אַפֿן טיש. איז ווי נאָר דאָס קינד האָט אים דערזען, האָט זיך דאָס באַלד אַ ציִ געטאָן צו אים מיט די הענטלעך. איז געוואָרן אַ רעש און אַ טומל צווישן די אַלע מענטשן. זאָגט מען צו אים: „שיינער מענטש, קום אַקאָרשט אַהער! ביסטו דאָס דער פֿאָטער פֿון דעם קינד?“ זאָגט ער: „יע!“ פֿרעגט מען אים: „וואָס זאָל מען דיר טאָן דערפֿאַר?“ זאָגט ער: „טוט וואָס איר ווילט!“ איז געבליבן, אַז מע זאָל זיי נעמען אַלע דריַי, דעם פֿאָטער און די מוטער מיטן קינד, און מען זאָל זיי פֿאַרשליסן אין אַ קאַסטן און אַוועקלאָזן אַפֿן טײַך שווימען.

האָט מען אַזוי געטאָן: מען האָט זיי אַרײַנגעזעצט אין אַ גרויסן קאַסטן, געגעבן זיי אַ לעבעלע ברויט מיט זיך און אַוועקגעלאָזן זיי אַפֿן טײַך שווימען. נו, אַז דער קאַסטן איז שוין געשווומען אַפֿן טײַך, איז דער וואָרטזאָגער געוואָרן הונגעריק, האָט ער גענומען עסן פֿון דעם לעבעלע ברויט. זאָגט דעם קייסערס טאָכטער צו אים: „וואָס עסטו אויף דעם גאַנצן לעבעלע ברויט? לאָז אַף מאָרגן האַלב.“ זאָגט ער: „אַף מאָרגן וועט זײַן אַנדערע“. און אַזוי ווי ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, איז גלײַך געוואָרן אַנדערע ברויט. אַז דעם קייסערס טאָכטער האָט דאָס דערזען, רופֿט זי זיך אָפּ צו אים: „ווי באַלד אַזוי, טאָ זאָג, אַז מיר זאָלן צושווימען צו אַ ברעג“. זאָגט ער: „נו, מיר'ן צושווימען צו אַ ברעג!“ און אַזוי ווי ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, זײַנען זיי צוגעשווומען צו אַ ברעג. זאָגט זי: „ווי באַלד אַזוי, טאָ זאָג, אַז עס זאָל זיך עפֿענען דער קאַסטן אויך“. זאָגט ער: „נו, זאָל זיך עפֿענען דער קאַסטן אויך!“ האָט זיך גלײַך געעפֿנט דער קאַסטן. זאָגט זי: „ווי באַלד אַזוי, אַז דו קאָנסט דאָס אויך, טאָ זאָג שוין, ס'זאָל ווערן אַ זילבערנע בריק מיט גילדערנע פֿאַרענצן און די בריק זאָל זיך ציִען ביז צו מײַן טאַטנס הויז“. ווער איז איר טאַטע? דער קייסער. נו, האָט דער וואָרטזאָגער אַזוי געזאָגט, איז באַלד געוואָרן אַ זילבערנער

בריק מיט גילדערנע פֿאַרענצן און האָט זיך געצויגן ביז צום קייסערס פּאַלעץ. אַז דעם קייסערס טאָכטער האָט דאָס דערזען, זאָגט זי: „ווי באַלד אַזוי, אַז דו קאָנסט דאָס אויך, טאָ זאָג שוין, אַז עס זאָל ווערן אַ גילדערנער קאַרעט מיט פֿיר פּאָר פֿערד געשפּאַנט און מיר זאָלן אַזוי צופֿאָרן צום קייסערס פּאַלעץ.״ האָט דער וואָרטזאָגער אַזוי געזאָגט, ווי זי האָט געוואָלט, איז גלייך געוואָרן אַ גילדערנער קאַרעט מיט פֿיר פּאָר פֿערד געשפּאַנט. נו, זיינען זיי צוגעפֿאָרן צום קייסערס פּאַלעץ. גייט אַרויס דער קייסער פֿון הויז, האָט אים גלייך אַ בליאַסק געטאָן אין די אויגן די זילבערנע בריק מיט די גילדערנע פֿאַרענצן. פֿאַרוווּנדערט ער זיך, פֿרעגט ער: „וואָס איז דאָס, קינדער? ווער האָט דאָס אַלץ געמאַכט?״ ווייזט אים אָן די טאָכטער אַף איר מאַן דעם וואָרטזאָגער. רופֿט זיך אָפּ דער קייסער צו אים: „ווי באַלד אַזוי, ביסטו דאָך גאָרניט קיין פּראָסטער מאַן! טאָ נאַדיר נאָך דערצו אַ האַלבע מלוכה און לעב גליקלעך מיט מיין טאָכטער!״

נו, האָט מען געמאַכט אַ גרויסע שׂימחה, מעד און וויין האָט מען געטרונקען, איבערן באָרד איז גערונען, און אין מויל איז מיר גאָרניט אַנגעקומען.

24. אַ מעשׂה פֿון אַ פֿאַרטריבענער קיניגס־טאָכטער

אַ מאָל איז געווען אַ קיניג מיט אַ קיניגין, האָבן זיי געהאַט אַן איין־איינציקע טאָכטער. זיי זײַנען געווען זייער רײַך, געווינטלעך, ווי אַ קיניג. און די קיניגין איז געווען זייער אַ גוטהאַרציקע, און זי האָט געטיילט זייער אַ סך צדקה. אַזוי האָט זי געלערנט איר טאָכטער אויך, צו טיילן אַ סך צדקה.

אין אַ צײַט אַרום איז די קיניגין געשטאָרבן, האָט די טאָכטער אָנגעהויבן צו טיילן נאָך מער צדקה ווי די מוטער האָט געטיילט. דערנאָך האָט דער קיניג חתונה געהאַט אַ צווייטן מאָל, און די צווייטע ווײַב, די שטיפֿמוטער, האָט ניט געוואָלט, אַז דעם קיניגס טאָכטער זאָל טיילן אַזוי פֿיל צדקה, ס'איז איר ניט געפֿעלן געווען. איז זי געקומען צום קיניג און האָט אים געזאָגט, אַז זי וויל ניט, אַז זײַן טאָכטער זאָל טיילן אַזוי פֿיל צדקה, ווײַל זי וועט זיי פֿאַר־אָרעמען. האָט דער קיניג געלאָזן רופֿן זײַן טאָכטער צו זיך און האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל ניט טיילן אַזוי פֿיל צדקה. האָט זי גענומען נאָך מערער טיילן צדקה. האָט דאָס די שטיפֿמוטער ווידער באַמערקט, איז זי ווידער געקומען צום קיניג און האָט אים געזאָגט, אַז אויב די טאָכטער זײַנע וועט ניט אויפֿהערן צו צעטיילן דעם פֿאַרמעגן, וועט זי אַוועק פֿון הויז, ווײַל זי קען דאָס ניט צוזען. האָט דער קיניג ווידער געלאָזן רופֿן די טאָכטער און האָט איר געזאָגט, אַז אויב זי וועט אים דעם מאָל ניט פֿאָלגן און וועט ניט אויפֿהערן צו טיילן צדקה, וועט זי מוזן אַוועק פֿון הויז. האָט זי אים ניט געפֿאָלגט, און האָט געטיילט נאָך מערער צדקה ווי פֿריִער.

אַז דער קיניג האָט געזען, אַז זי פֿאָלגט אים ניט, האָט ער גערופֿן זײַנע דינער און האָט זיי געהייסן נעמען די טאָכטער, מע זאָל איר פֿאַרבינדן די אויגן און מע זאָל איר אַוועקפֿירן אין אַ וואַלד, און דאָרטן זאָלן זיי בײַ איר אַרויסנעמען די אויגן און ברענגען אים פֿאַר אַ באַווײַז, אַז זיי האָבן איר געהרגעט. האָבן די דינער גענומען און פֿאַרפּאַקט אירע טײַערע זאַכן, אירע קליידער, פֿאַרבונדן איר די אויגן און האָבן איר אַוועקגעפֿירט אין וואַלד און דאָרטן האָבן זיי איר צוגעבונדן צו אַ בוים. אָבער זיי האָבן זיך באַטראַכט, אַז זיי קאָנען איר ניט הרגענען, ווײַל זי איז געווען זייער גוט צו זיי. האָבן זיי זיך באַקלערט, זיי וועלן איר בעסער דאָ איבערלאָזן, ווײַל די חיות וועלן איר סײַ ווי סײַ אויפֿעסן. האָבן זיי געהרגעט אַ הונט, אַרויסגענומען פֿון אים די אויגן און האָבן דאָס געבראַכט צום קיניג פֿאַר אַ באַווײַז, אַז זיי האָבן איר געהרגעט.

אַז די דינער זײַנען אַוועקגעגאַנגען, איז זי אַזוי געבליבן שטיין איבער נאַכט און האָט ביטער געוויינט. און ווען ס'האָט גענומען טאָגן, איז צוגעקומען צו איר אַן אַלטער מאַן און האָט איר געפֿרעגט: „וואָס וויינסטו, מײַן קינד?" האָט זי אים אַלץ דערציילט, די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי זי קומט אַהער. האָט ער געזאָגט צו איר: „קום, מײַן קינד, איך וועל דיר אַרויספֿירן פֿון וואַלד. און אַז איך וועל דיר אַרויספֿירן פֿון וואַלד, זאָלסטו אָפּבינדן דײַנע אויגן, וועסטו דערזען אַ וועג, זאָלסטו אַוועק מיט דעם וועג, וועסטו אָנקומען אין אַ שטעטל, זאָלסטו זיך פֿרעגן פֿאַרן הקדש, וועסטו האָבן ווו צו זײַן." איז אַזוי געווען. אַז זי איז אַרויס פֿון וואַלד, האָט זי אָפּגעבונדן די אויגן, האָט זי דעם אַלטן מאַן שוין ניט געזען, נאָר זי האָט דערזען אַ וועג פֿאַר זיך, איז זי אַזוי לאַנג געגאַנגען מיטן וועג, ביז וואַנען זי איז דערגאַנגען אין אַ שטעטל. און אַז זי איז געקומען אין דעם שטעטל, איז שוין געווען פֿרײַטיק פֿאַר נאַכט און זי איז שוין געווען זייער הונגעריק און דאָרשטיק, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ הויז אַפֿן גאַניק און האָט זייער ביטער געוויינט. דאָרטן אין הויז ווו זי האָט זיך

אַוועקגעזעצט, האָט געוווינט אַ רבֿ מיט אַ רביצין, וואָס האָבן גע־האַט אַן איין־אייניציקן זון. און ווען די רביצין איז געגאַנגען ליכט בענטשן, האָט זי דערהערט אַ געוויין פֿון אַ מענטשן, איז זי אַרויס אַפֿן גאַניק, האָט זי דערזען אַ מיידל זיצט און וויינט. האָט זי איר געפֿרעגט: „וואָס וויינסטו, מײַן קינד?“ האָט איר די מיידל געזאָגט, אַז זי איז אַ יתומה, זי האָט ניט קיין טאַטן און קיין מאַמען, האָט זי זיך געלאָזן אין דער וועלט אַרײַן, האָט איר אַפֿן וועג באַגעגנט אַן אַלטער מאַן און ער האָט איר געזאָגט, אַז אין דעם שטעטל דאָ איז דאָ אַ הקדש, וועט זי האָבן וווּ צו זײַן. האָט די רביצין געזאָגט צו איר: „וווּ וועסטו גיין פֿרײַטיק פֿאַר נאַכט צו ליכטבענטשן? קום בעסער אַרײַן צו מיר אין הויז, וועסטו דאָ זײַן איבער שבת, און זונטיק וועל איך דיך אַוועקפֿירן אין הקדש.“ איז אַזוי געווען. זי איז פֿאַרבליבן אין דעם רבֿס הויז איבער שבת, און אַז ס׳איז געקומען זונטיק, ווען זי האָט שוין געדאַרפֿט אַוועקגיין אין הקדש, האָט זי זיך אָנגעהויבן צו בעטן בײַ דער רביצין: „לאָזט מיר דאָ זײַן בײַ אײַך, כ׳וועל זײַן בײַ אײַך אַ דינסט, בלויז פֿאַר דעם עסן און טרינקען“. האָט איר די רביצין געענטפֿערט: „כ׳האָב ניט קיין אָרט פֿאַר דיר, כ׳האָב דיר ניט וווּ צו האַלטן“. אָבער די מיידל איז ניט אָפּגעטראָטן און האָט זיך אַלץ געבעטן: „לאָזט מיר דאָ זײַן בײַ אײַך, אַפֿילו אונטערן אויוון איז אויך גוט פֿאַר מיר, אַבי ניט צו גיין אין הקדש“. האָט זיך די רביצין באַרעכנט, אַז בלויז פֿאַרן עסן און טרינקען צו האָבן אַן אומזיסטע דינסט איז דאָך כדאַי, האָט זי איר געלאָזן זײַן בײַ זיך פֿאַר אַ דינסט.

דער רבֿ איז אין שטעטל זייער באַליבט געווען, און די רײַכע בעלי־הבתים, ווען זיי פֿלעגן מאַכן אַ חתונה בײַ אַ קינד, אָדער ווען זיי פֿלעגן מאַכן אַזוי עפּעס אַ שׂימחה, פֿלעגן זיי אים פֿאַרבעטן אַף דער שׂימחה, מיט דער רביצין און מיט זייער זון. נו, איז אין אַ צײַט אַרום געווען בײַ אַ גבֿירס אַ זון חתונה. האָט מען אויך פֿאַרבעטן דעם רבֿ מיט דער רביצין מיטן זון, זײַנען זיי

אַלע אַוועק צו דער חתונה, און די מיידל איז געבליבן אין הויז. האָט זי זיך באַקלערט, אַז זי וויל אויך גיין צו דער חתונה, ווײַל זי איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אַף אַ ייִדישער חתונה. איז זי אַרויס פֿון אונטערן אויוון און האָט אַרויסגענומען דעם פּעקל מיט זאַכן, וואָס דעם קיניגס דינער האָבן דעמאָלט פֿאַר איר מיטגענומען, ווען זי איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון קיניגס הויז. האָט זי פֿון פּעקל אַרויסגענומען אירע טײַערע קליידער, האָט זיך שיין אָנגעטאָן און איז אַוועק צו דער חתונה. און ווען זי איז געקומען אַהין, האָבן אַלע גענומען שטאַרק קוקן אַף איר און זיי האָבן ניט געוווּסט, פֿון וועמעס צד זי איז, צי פֿון חתנס, צי פֿון דער כּלהס צד, ווײַל זי איז געווען זייער אַ שיינע און עפּעס אַזוי רײַך אָנגעטאָן. האָט מען איר אײַנגעלאַדן צו טאַנצן, האָט זי מיט אַלעמען געטאַנצט. דערווײַלע האָט איר דערזען דעם רבּס זון, האָט ער איר אויך געבעטן, זי זאָל טאַנצן מיט אים. האָט זי מיט אים געטאַנצט, ביז זי האָט דערזען, אַז עס ווערט שוין שפּעט. האָט זי זיך פֿון אים אַרויסגעדרייט און איז אַנטלאָפֿן אַהיים. און אַז זי איז געקומען אַהיים, האָט זי אויסגעטאָן אירע שיינע קליידער און האָט זיך אָנגעטאָן אין אירע טראַנטעס און איז קאַריק אַרונטער אונטערן אויוון. נאָר דעם רבּס זון האָט שוין געהאַלטן אין איין טראַכטן פֿון איר און האָט ניט געוווּסט, ווער זי איז אַזאַ.

אין אַ שטיקל צײַט אַרום איז געווען אַ חתונה בײַ אַן אַנדער גבֿיר פֿון שטעטל. האָט מען ווײַטער פֿאַרבעטן דעם רבֿ מיט דער רביצין מיטן זון. זײַנען זיי אַלע אַוועק צו דער חתונה. האָט זיך די מיידל באַקלערט, אַז זי וויל אַף דער חתונה אויכעט גיין. האָט זי זיך איצטער אָנגעטאָן נאָך שענער ווי פֿריִער און איז אַוועק אַף דער חתונה. אָבער איצטער, אַז זי איז אַרײַנגעקומען, האָט איר דעם רבּס זון גלײַך דערזען, האָט ער איר ווידער געבעטן, זי זאָל טאַנצן מיט אים. האָט זי מיט אים געטאַנצט און געטאַנצט, ביז זי האָט דערזען, אַז עס ווערט שוין שפּעט. האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פֿון אים און איז אַף גיך אַנטלאָפֿן אַהיים. נאָר אַזוי ווי

זי האָט זיך גענומען אויסטאָן אירע שיינע קליידער, האָט זיך איר אין איינלעניש צעבראָכן אַן אוירינגל און אַ האַלבער איז געבליבן ליגן אין דער שיסל וואַסער, ווו זי האָט זיך אַרומגעוואַשן. זי האָט דאָס אָבער גאָרניט באַמערקט, האָט זיך אָנגעטאָן אירע טראַנטעס און איז קאַריק אַרונטער אונטערן אויוון. אָבער ווען דעם רבס זון איז געקומען אַהיים פון דער חתונה און האָט גענומען די שיסל זיך איינצוּוואַשן, האָט ער דערזען, ווי עס ליגט עפּעס אַ האַלבער אוירינגל. האָט ער ניט געוווּסט, פון וואַנען דאָס קומט אַהער. ס'איז אים אָבער שוין געווען אַ ביסל פאַרדעכטיק, און ער האָט זיך געטראַכט, אַז די שיינע מיידל, וואָס ער האָט געטאַנצט מיט איר אַף דער חתונה, מוז זיך דאָ ערגעץ ווו געפינען. זי איז אים שוין מער ניט אַרויס פון געדאַנק, ער איז שוין געווען פאַרליבט אין איר.

אין אַ צייט אַרום איז ווידער געווען עפּעס אַ שימחה ביי אַ בעל־הבית פון שטעטל, האָט מען זיי ווידער פאַרבעטן אַף דער שימחה. איז דער רבּ מיט דער רביצין געגאַנגען, אָבער דעם רבס זון האָט געזאָגט, אַז ער האָט איצטער עפּעס אַ קאָפּווייטיק, ער וועט קומען שפּעטער; און ער האָט זיך דערווייַלע פאַרשפּאַרט ביי זיך אין צימער. די דינסטמיידל האָט אָבער ניט געוווּסט, אַז ער איז פאַרבליבן אין דער היים. האָט זי זיך איבערגעטאָן אין נאָך שענערע קליידער און איז אַוועק אַף דער שימחה. אָבער אַזוי ווי דעם רבס זון האָט דערזען, אַז זי איז אַוועק, איז ער אויך אַוועק אַהין און האָט מיט איר ווידער גענומען טאַנצן. און אַזוי טאַנצנדיק מיט איר האָט ער באַמערקט, אַז זי טראָגט בלויז איין אוירינגל. האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז יענער האַלבער, וואָס ער האָט געפונען אין שיסל וואַסער, איז טאַקע אירער. האָט ער שוין ביי איר געפרעגט, ווער זי איז אַזאַ. האָט זי אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע, ווער זי איז און ווי אַזוי זי קומט אַהער. און זי האָט זיך פון אים אויסגעדרייט און איז אַף גיך אַנטלאָפן אַהיים. האָט זי זיך קאַריק אָנגעטאָן אירע טראַנטעס און איז קאַריק אַרונטער אונטערן אויוון.

קורץ דערפֿון, דער רבֿ מיט דער רביצין האָבן זיך דערוווּסט, אַז זייער זון וויל חתונה האָבן מיט דער דינסטמיידל, איז עס זיי גאָרניט אָנגעשטאַנען. „וואָס הייסט עפּעס, אַ רבֿס אַ זון זאָל גאָר חתונה האָבן מיט אַ דינסטמיידל? ניין, מיר וועלן דאָס ניט דערלאָזן!" האָבן זיי געזאָגט. דער זון איז אָבער דערפֿון קראַנק געוואָרן. האָבן זיי גערופֿן צו אים די גרעסטע דאָקטוירים, זיי האָבן אים אָבער ניט געקאָנט העלפֿן, ניט געוווּסט, וואָס אים איז, און ער איז געוואָרן נאָך ערגער קראַנק און ער האָט שוין געהאַלטן בײַם שטאַרבן. האָט מען גערופֿן אַ גרויסן פּראָפֿעסאָר צו אים. האָט דער פּראָפֿעסאָר געזאָגט, אַז דער קראַנקער האָט עפּעס אַ פֿאַרלאַנג, און אַז מע וועט אים דעם פֿאַרלאַנג ניט נאָכגעבן, מוז ער שטאַרבן. האָט דער רבֿ מיט דער רביצין זיך באַטראַכט, אַז איידער זייער זון זאָל שטאַרבן, זאָלן זיי אים בעסער חתונה מאַכן מיט דער דינסטמיידל.

איז אַזוי געווען. אַז זייער זון איז געזונט געוואָרן, האָבן זיי צונויפֿגערופֿן די בעלי־הבתּים פֿון שטאָט, און מען איז געגאַנגען שטעלן אַ חופּה. דערווײַלע איז די רביצין אַרײַן צו דער דינסטמיידל און האָט איר געזאָגט, אַז זי האָט פֿאַר איר אופֿגענייט אַ ווײַסע קליידל אָנצוטאָן צו דער חתונה. האָט זי איר געענטפֿערט, אַז זי האָט אַן אייגענע קליידל אָנצוטאָן. און זי איז אַרײַן און האָט אַרויסגענומען פֿון איר פּעקל איר מוטערס חופּה־קלייד, וואָס דעם קיניגס דינער האָבן איר אײַנגעפּאַקט, און מיט אַ קרוין אויך. האָט זי זיך אָנגעטאָן די קלייד, וואָס איז געווען אויסגענייט מיט טײַערע בורלאַנטן און מיט די בורלאַנטענע קרוין אַפֿן קאָפּ, און אַזוי איז זי אַרײַן צו דער חופּה. אַז די מענטשן האָבן איר דערזען אַזוי אָנגעטאָן, זײַנען זיי אַלע געבליבן פֿאַרשטוינט. נאָר אַז ס'איז שוין געווען נאָך דער חופּה, האָט זי זיי אַלעמען דערציילט, ווער זי איז אַזאַ, האָבן זיך אַלע געפֿרייט. און נאָך מער האָבן זיך געפֿרייט דער רבֿ מיט דער רביצין און זײַנען געווען זייער צופֿרידן, וואָס זייער זון האָט חתונה געהאַט מיט אַ קיניגס אַ טאָכטער.

אין אַ יאָר אַרום, נאָך דער חתונה, ווען זי האָט געדאַרפֿט האָבן אַ קינד, איז איר געקומען צו חלום דער זעלביקער אַלטער מאַן, וואָס האָט איר אַרויסגעפֿירט פֿון וואַלד, און האָט געזאָגט, אַז איר טאַטע, דער קיניג, איז פֿאַראָרעמט געוואָרן און איז געוואָרן אַ בעטלער. דאָ אַרום דעם געגנט בעטלט ער ערגעץ. זאָל זי אַלע אָרעמע לײַט פֿאַרבעטן צום ברית, און אַז זי וועט דערזען איר טאַטן, זאָל זי הייסן אים געבן אַלע עסנס, נאָר אָן זאַלץ. איז אַזוי געווען: זי האָט געהאַט אַ ייִנגל און האָט געמאַכט אַ ברית און זי האָט באַפֿעלן, אַז מע זאָל מאַכן אַ טיש פֿאַר אָרעמע לײַט און יעדער אָרעמאַן, וואָס וועט אָפּעסן, זאָל אַרײַנקומען צו איר און זאָגן: „מזל־טובֿ!" וועט זי אים געבן אַ זילבערנעם האַלבן רובל. האָבן זיך אַלע אָרעמע לײַט דערוווּסט דערפֿון און איינער דעם אַנדערן האָט איבערגעגעבן, אַז בײַ דעם רבֿס זון איז אַ ברית און מע וועט האָבן אַ גוטן מאָלצײַט און מע וועט נאָך קריגן אַ האַלבן זילבער־נעם רובל.

האָבן זיך אין טאָג פֿון ברית צוזאַמענגעקליבן אַ סך אָרעמע לײַט, און די קימפּעטאָרין האָט געזעסן דורכן פֿענצטער, ווי איר פֿאָטער גייט אַרײַן, אַלט און צעבראָכן. האָט זי אַרײַנגערופֿן אַ דינער און האָט אים געזאָגט, אַז דעם אַלטן מאַן זאָל מען אַוועקזעצן בײַ אַ באַזונדערן טיש, און אַלע עסנס, וואָס מען וועט אים געבן, זאָלן זײַן אָן זאַלץ, און אַפֿן טיש זאָל אויך קיין זאַלץ ניט שטיין. איז אַזוי געווען: מע האָט אים דערלאַנגט פֿיש, און ס'האָט זייער גוט געשמעקט, נאָר ער האָט דאָס ניט געקענט עסן, ווײַל ס'איז געווען אָן זאַלץ. האָט מען דערלאַנגט זופּ, האָט ער אויך ניט געקענט עסן, ווײַל ס'איז אויך געווען אָן זאַלץ. ער האָט געזען, ווי אַלע עסן, און איז אויסגעגאַנגען פֿון די כּוחות עפּעס צו עסן, נאָר ער האָט ניט געקענט, ווײַל ס'האָט געפֿעלט זאַלץ. קורץ, נאָכן עסן זײַנען אַלע געגאַנגען אָפּגעבן מזל־טובֿ דער קימפּעטאָרין און האָבן געקראָגן די שיינע נדבֿה, אַ האַלבן זילבערנעם רובל, און זײַנען אַוועק צופֿרידן. און ווען דער אַלטער איז אַרײַן אָפּגעבן מזל־טובֿ דער

קימפּעטאָרין, האָט זי אים געבעטן זיך זעצן און האָט אים גע־פרעגט, צי איז אים געווען געפעלן די עסן. האָט ער געענטפערט: „יע, מײַן קינד, ס׳איז געווען זייער גוטע עסן, אַלע האָבן גע־געסן, נאָר איך האָב ניט געקענט עסן“. האָט זי אים ווידער גע־פרעגט: „פאַר וואָס האָט איר ניט געקענט עסן?“ האָט ער איר געענטפערט: „ווײַלע די עסן איז געווען אָן זאַלץ און האָט ניט געהאַט קיין טעם“. – „אָט אַזוי, זאָגט זי, איז מיר אויך געווען, ס׳האָט נאָך געהאַט אַן ערגערן טעם, ווען דו האָסט מיר געהייסן אַוועקפירן אין וואַלד צו דערהרגענען און ברענגען מײַנע אויגן צו דיר.“ אַזוי ווי דער אַלטער האָט דאָס דערהערט, האָט ער גלײַך דערקענט, אַז דאָס איז זײַן פאַרטריבענע טאָכטער. איז ער איר געפאַלן צו די פיס און געבעטן, זי זאָל אים פאַרגעבן די גרויסע זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן איר. האָט זי אים אַלץ פאַרגעבן, און זיי האָבן אַלע געלעבט צופרידן און גליקלעך.

25. דער ליבעסטרונק

כ׳ווייס עפּעס נאָך אַ מעשׂהלע, ניט אַזאַ שיינע, נאָר אַזוי זיך, אַ לאַצעלע*. אַז איר ווילט, וועל איך אײַך דערציילן.

ס׳איז אַ מאָל געווען אַ מאַן מיט אַ ווײַב, זײַנען זיי געווען גרויסע אָרעמע לײַט און דערצו האָבן זיי געהאַט אַ גרויס געזינט, בלויז מיידלעך. נו, האָט זיך גראָד געטראָפן, אַז די ווײַב איז אין אַ נאָווינע טראָגעדיק געוואָרן. האָט זיך דער מאַן געטראַכט: „וואָס וועט זײַן, אַז זי וועט גראָד האָבן אַ יינגל? טאָ מיט וואָס וועל איך פּראַווען דעם ברית?" האָט ער זיך באַרעכנט, אַז איידער וואָס וועט, וועט ער זיך דערוויַיל לאָזן איבער דער וועלט קלײַבן נדבות, וועט ער האָבן מיט וואָס צו מאַכן דעם ברית. איז ער אַוועק איבער דער וועלט קלײַבן געלט, און מע האָט מער ניט געהערט פֿון אים.

דערווײַלע איז דאָ די ווײַב געלעגן געוואָרן און האָט גראָד געהאַט אַ יינגל צו מזל. איז איר אָבער געווען זייער קאַלט, און דאָ איז ניטאָ מיט וואָס אָנצוּוואַרעמען די שטוב. האָט זי זיך דערמאָנט, אַז אַפֿן בוידעם ליגט ערגעץ אַ ביסעלע קוילן אין אַ ווינקעלע. זאָגט זי צו די מיידלעך: „קינדערלעך, גייט אַרויף אַפֿן בוידעם, ליגט דאָרט אַ ביסעלע קוילן. נעמט, טראָגט דאָס אַרײַן אין הויז און וואַרעמט אָן די שטוב אַ ביסעלע, ס׳איז מיר זייער קאַלט!" זײַנען די מיידלעך אַרויף אַפֿן בוידעם נעמען די קוילן, האָבן זיי דערזען, ווי עס בליצעט עפּעס פֿון די קוילן.

---

* הלצהלע, שפּאַסיק מעשׂהלע.

לויפֿן זיי אַראָפּ און זאָגן: „מאַמע, אַווו די קוילן ליגן, בליסצעט עפּעס!“ זאָגט זי צו זיי: „גייט, קינדערלעך, ברענגט מיר אַראָפּ אַ פּאָר, ווען איך זען, וואָס דאָס איז.“ זײַנען זיי קאַריק אַרויף אַפֿן בוידעם און אַראָפּגעבראַכט אַ פּאָר שטיינדעלעך, בליסצענדיקע. און אַז די ייִדענע האָט אַ קוק געטאָן אַף די שטיינדעלעך, האָט זי געזען, ס׳איז עפּעס אַ גוטע זאַך. זאָגט זי צו דער עלטערער מיידל: „נעם, מײַן טאָכטער, אַ שטיינדעלע און טראָג צו צום גאָלדמאַכער און פֿרעג אים, וואָס דאָס איז ווערט“. האָט די מיידל גענומען אַ שטיינדעלע און אַוועקגעטראָגן צום גאָלדמאַכער ווײַזן אים. איז אַזוי ווי דער גאָלדמאַכער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אַף דעם, האָט ער באַלד געזען, אַז דאָס איז ניט קיין פּראָסטער שטיינדל, נאָר אַ דימענט. נעמט ער און גיט איר זייער אַ סך געלט דערפֿאַר. האָט די מיידל גענומען די געלט און געבראַכט אַהיים צו דער מאַמען. נו, איז די שטוב באַלד פֿול געוואָרן מיט אַלע גוטע זאַכן, האָט זי שוין געפּראַוועט אַ פֿײַנעם ברית, געקויפֿט אַ שיינע הויז און איז געוואָרן אַ גבֿירה.

געוואָרן אַ גבֿירה, האָט איר שוין ניט געפּאַסט צו וווינען אין דעם קליינעם שטעטל. האָט זי זיך אַריבערגעקליבן אין אַ גרעסערער שטאָט, געקויפֿט נאָך אַ שענערע הויז און האָט גענומען טיילן זייער אַ סך צדקה. דערהערט, אַז זי טיילט צדקה, האָבן זיך אַ קער געטאָן צו איר אָרעמע לײַט פֿון דער גאַנצענער וועלט, ווײַל אָרעמע לײַט, אַווו זיי דערהערן נאָר, אַז מע גיט גוטע נדבֿות, אַהין ציִען זיי. נו, האָט דאָס אויך צוגעצויגן איר אייגענעם מאַן, דעם אָרעמאַן, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזן איבער דער וועלט קלײַבן נדבֿות צו קענען פּראַוועז דעם ברית. און איצטער, אַז ער האָט דערהערט, אַז אין שטאָט איז פֿאַראַן אַ גבֿירה, וואָס טיילט שיינע נדבֿות, איז ער אויך געקומען צו איר בעטן אַ נדבֿה. האָט זי אים גלײַך דער־קענט, אָבער ער האָט איר שוין ניט געקאָנט דערקענען, ווײַל אַז זי איז געוואָרן רײַך, האָט זי אויסגעזען גאָר אַנדערש. נעמט זי און גיט אים אַ שיינע נדבֿה. שטייט ער און וווּנדערט זיך: אַזאַ גרויסע

נדבֿה האָט אים נאָך קיינער ניט געגעבן. רופֿט זי זיך אָפּ צו אים: „וווּנדערט זיך ניט, רב ייִד; נעמט די געלט און גייט קויפֿט זיך שיינע קליידער און קומט צו מיר אַף שבת." האָט ער אַזוי געטאָן: איז אַוועק און האָט זיך זייער שיין אויסגעקליידט און איז געקומען צו איר אַף שבת. האָט זי אים זייער פֿײַן אופֿגענומען, אַוועקגעזעצט בײַם טיש אויבן אָן און האָט אים געהייסן מאַכן קידוש. די קינדער אירע זיצן און וווּנדערן זיך: „וואָס האָט דאָ די מאַמע געטאָן? אַרײַנגענומען אין שטוב אַ פֿרעמדן ייִדן, אַן אָרעמאַן, און אַוועק־געזעצט אים אויבן אָן!" זיי האָבן אָבער געשוויגן און גאָרנישט ניט געזאָגט. דערנאָך, אַז דער ייִד האָט אָפּגעמאַכט קידוש, האָט זי אים דערלאַנגט צוויי גרויסע שטיקער פֿיש, גוט געפֿעפֿערט און גע־זאַלצן, דערנאָך אַנדערע גוטע מאכלים: יויך, פֿלייש, צימעס — און דער ייִד האָט דאָס אַלץ אַרונטערגערוקט און האָט זיך שטאַרק פּאָסמאַקעוועט.

נאָכן עסן האָט זי אים געוויזן, אַוווּ ער קאָן זיך צולייגן, און אַליין האָט זי זיך גאָר פֿײַן אויסגעבעט איר בעט און האָט זיך געלייגט שלאָפֿן. אָבער אין מיטן נאַכט האָט זיך אים שרעקלעך פֿאַרוואָלט אַ טרונק, איז ער אַראָפּ און גענומען זוכן וואַסער אין דער פֿינצטער. פֿרעגט זי אים: „רב ייִד, וואָס זוכט איר?" זאָגט ער: „כ'וויל אַ טרונק!" זאָגט זי: „קומט אַהער, וועל איך אײַך געבן אַ טרונק." איז ער צוגעגאַנגען, האָט זי אים אָנגעגאָסן אַ גלאָז ווײַן און האָט אים געגעבן טרינקען. טרינקט ער און פּאָסמאַקעוועט זיך. זאָגט ער: „ס'איז עפּעס זייער געשמאַק, וואָס איז דאָס?" זאָגט זי:

„דאָס איז ווײַן
און דו ביסט מײַן
און איך בין דײַן."

און אַף מאָרגן אין דער פֿרי האָט זי געזאָגט צו אירע קינדער: „דאָס איז אײַער טאַטע!"

26. דער כּישוף־מאַכער און זײַן תּלמיד

ס'איז אַ מאָל געווען אַ גוטער ייִד, האָט ער נישט געהאַט קיין קינדער. האָט איין מאָל דאָס ווײַב אָנגעהויבן זייער צו וויינען פֿאַר אים: „פֿאַר וואָס זאָלן מיר נישט האָבן קיין קינד, ס'זאָל כאָטש זײַן, ווער ס'זאָל זאָגן קדיש נאָך אונדז?" רופֿט זיך אָן דער גוטער ייִד: „ס'איז אויסגערופֿן געוואָרן אין הימל, אַז מיר טאָרן קיין קינדער נישט האָבן." נו, איז עס דאָך אָבער אַ ייִדענע, האָט זי ווידער אָנגעהויבן וויינען און בעטן, וויינען און בעטן, און האָט נישט אָפּגעלאָזט. האָט דער גוטער ייִד געזען, אַז ער קען זיך נישט אָפּטשעפּען, זאָגט ער: „גוט, מיר'ן האָבן אַ קינד, ס'וועט אָבער נישט זײַן קיין לײַט". און ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיק צײַט, איז זי פֿאַרגאַנגען אין טראָגן און האָט געהאַט אַ ייִנגל.

אַז דאָס ייִנגל איז עלטער געוואָרן און האָט אָנגעהויבן גיין אין חדר, פֿלעגט ער אַהיימגייענדיק פֿון חדר וואַרפֿן שטיינער אין די פֿענצטער אַרײַן און שלאָגן די אַנדערע ייִנגלעך פֿונעם חדר. פֿלעגן די ייִנגלעך אַהיימקומען צום רבין און זיך באַקלאָגן פֿאַר אים, אַז זײַן ייִנגל איז נישט קיין לײַט. האָט ער געזען, אַז ס'איז אַ שלעכטער עסק, האָט ער אים אָפּגענומען פֿונעם חדר און האָט אים אָנגעהויבן לערנען אין דער היים. פֿלעגט דאָס ייִנגל נישט וועלן לערנען, פֿלעגט שרײַען און שילטן און שלאָגן זיך און איבער־

קערן די שטוב. ער האָט אַלץ געשריגן: „איך וויל נישט לערנען, איך וויל זײַן אַ קוטשער״! * און אַז דער פֿאָטער האָט אים געזאָגט: „ס'איז נישט שיין, מײַן קינד, אַ רבינס אַ זון זאָל זײַן אַ קוטשער״, האָט ער זיך נאָך מער צעשריגן: „אַז דו ווילסט נישט, גיי איך מיר אַוועק פֿון הויז!״ האָט דער פֿאָטער געזען, אַז ער קען פֿון אים שוין מער נישט איבערטראָגן, האָט ער אָפּגעזאָגט דעם אַלטן קוטשער און האָט אַרויפֿגעזעצט זײַן יינגל אָף דער בריטשקע. ** איז דאָס יינגל געגאַנגען און האָט זיך אָנגעטון אַ רויטן גאַרטל, גענומען די בײַטש אין דער האַנט אַרײַן און איז מיטן רבין אַוועקגעפֿאָרן אין אַ קליין שטעטעלע. אַרײַנגעקומען אין דעם שטעטעלע, האָט מען זיך זייער דערפֿרייט מיטן רבין, מען האָט אים אַרײַנגענומען אין הויז אַרײַן און מע האָט אים געוואָלט געבן עסן. זאָגט דער רבי: „גיט מיר נישט קיין עסן, גיט פֿריִער מײַן זון״. הייבט מען אָן פֿרעגן: „ווער איז אײַער זון? ווו איז ער?״ ווײַזט ער זיי אָן אָף זײַן יינגל, וואָס זיצט אָף דער בריטשקע, און דערציילט זיי פֿון די געברענטע צרות, וואָס ער האָט פֿון אים. זאָגן די בעלי־הבתּים צו אים: „אָט דאָ אָ אין וואַלד איז דאָ אַן אַלטיטשקער, וואָס ער נעמט צו קינדער אָף אַ יאָר און מאַכט פֿון זיי אַ לײַט״. איז ער געגאַנגען און האָט אַוועקגעפֿירט ס'יינגל אין וואַלד אַרײַן. איז אַרויסגעקומען דער אַלטיטשקער און רופֿט זיך אָן צום רבין: „איך נעם צו דײַן קינד אָף אַ יאָר. נאָר איין זאַך קען איך דיר זאָגן: דערפֿאַר, וואָס ער וועט ווערן אַ לײַט, וועט דײַן ווײַב שטאַרבן און דו וועסט ווערן אַן אָרעמאַן.״ האָט דער רבי זיך געטראַכט: „זאָל זײַן אַזוי, אַבי ער זאָל ווערן אַ לײַט.״ האָט דער אַלטיטשקער אַראָפּגענומען דאָס יינגל פֿון דער בריטשקע און האָט אים אַרײַנגענומען צו זיך אין דער הייל אַרײַן, און דער רבי איז זיך אַהיימגעפֿאָרן. געקומען אַהיים, האָט ער דערציילט דעם ווײַב די גאַנצע געשיכטע.

---

* אָנטרײַבער פֿון פֿערד. ** אַ קליינער וואָגן.

קורץ, ס׳איז אַוועק דאָס יאָר, ס׳וויַיב איז געשטאָרבן, און ער איז געפֿאָרן אָפּנעמען ס׳ייִנגל. איז ער צוגעקומען צום וואַלד, איז אַרויסגעקומען דער אַלטיטשקער און האָט געזאָגט: „הער זשע אויס: אויב דו ווילסט האָבן דיַין זון, וועל איך אַרויסלאָזן דריַי פֿייגעלעך, און אַז דו וועסט טרעפֿן, וועלכס ס׳איז דיַין זון, גיב איך דיר אים אָפּ צוריק“. האָט ער געזאָגט: „גוט“. איז ער אַריַינגעגאַנגען און האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש, און זיצנדיק בײַם טיש איז ער אַנטשלאָפֿן געוואָרן. קומט אים צו חלום דער זון און רופֿט זיך אָן: „הער זשע אויס, פֿאָטער: אויב דו ווילסט מיך האָבן צוריק פֿאַר אַ זון, זאָלסטו אָנוויַיזן אָפּן פֿייגעלע מיטן רויטן בײַכל, דאָס בין איך, וועסטו מיך צוריק האָבן פֿאַר אַ זון. און טאָמער פֿאַרגעסטו דעם סימן, בין איך אַ פֿאַרפֿאַלענער.“ דערוויַיל איז דער אַלטיטשקער אַריַינגעקומען און האָט אים אויפֿגעוועקט און געזאָגט צו אים: „נו, דערקען דיַין זון!“ און ער האָט אַרויסגעלאָזט די דריַי פֿייגעלעך. רופֿט זיך אָן דער רבי: „אָט דאָס מיטן רויטן בײַכל איז מיַין זון!“ זאָגט דער אַלטער: „גוט, כ׳וועל דיר באַלד אַריַינפֿירן דיַין זון“. האָט ער אַריַינגעבראַכט ס׳ייִנגל און געזאָגט צו אים: „פֿאָר דיר אַהיים מיט דיַין טאַטן. נאָר איין זאַך בעט איך דיך, אַז די אַלע כּישופֿן, וואָס דו האָסט געזען בײַ מיר, זאָלסטו נישט נאָכמאַכן און קיינעם נישט וויַיזן, און טאָמער וועסטו זיי יאָ וויַיזן און איך וועל זיך דערוויסן דערפֿון, ביסטו אַ טויטער!“ האָבן זיי זיך אָפּגעזעגנט און זענען אַהיימגעפֿאָרן.

זיי זענען געקומען אַהיים, איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיק ציַיט, דער רבי איז פֿאַראָרעמט געוואָרן, די שטוב האָט מען בײַ זיי צוגענומען, פֿון וואַנען צו לעבן האָבן זיי נישט געהאַט. רופֿט זיך אָן דער זון צום פֿאָטער: „ווייסטו וואָס, טאַטע? איך וועל זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ פֿערד, און דו זאָלסט מיך אַרויספֿירן אָפּן יריד צום פֿאַרקויפֿן, און אַז דו וועסט מיך פֿאַרקויפֿן, זאָלסטו דאָס ציַימל, וואָס איך וועל טראָגן, צוריק אַראָפּנעמען פֿון מיר, און טאָמער פֿאַרגעסטו און וועסט מיך אַוועקגעבן מיטן ציַימל, וועל איך שוין

קיין מאָל צוריק נישט אַהיימקומען". איז אַזוי געווען: ער האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ שוואַרץ פֿערד, און דער פֿאָטער האָט אים אַרויפֿגעפֿירט אָפֿן יריד; איז צוגעקומען אַ פּריץ און האָט אים אויסגעדונגען פֿאַר 25 רובל. האָט דער פֿאָטער אַראָפּגענומען ס'ציימל, אַוועקגעגעבן ס'פֿערד און איז אַהיימגעגאַנגען. האָט דער פּריץ גענומען דאָס פֿערד און אַהיימגעפֿירט, האָט עס אַריינגעפֿירט אין שטאָל אַרײַן און עס פֿאַרשלאָסן. אָפֿן צווייטן טאָג קומט ער אַרויסנעמען ס'פֿערד – נישטאָ קיין פֿערד! האָט ער אָנגעהויבן אַרומצוזוכן דאָ, דאָרטן – פֿאַרפֿאַלן! ער האָט דאָס פֿערד נישט געקענט געפֿינען: פֿונעם פֿערד איז צוריק געוואָרן אַ מענטש, און דער זון איז צוריק אַהיימגעקומען צום פֿאָטער.

ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקל צײַט, זענען זיי נאָך מער פֿאַראָרעמט געוואָרן. רופֿט זיך אָן דער פֿאָטער: „ווייסטו וואָס, מײַן קינד? פֿאַרשטעל זיך נאָך אַ מאָל פֿאַר אַ פֿערד, און איך וועל דיך פֿירן פֿאַרקויפֿן". זאָגט דער זון: „איצטער האָב איך מורא צו גיין, כ'האָב מורא, אַז יענער אַלטיטשקער, דער כּישוף־מאַכער, זאָל נישט זײַן דאָרטן". רופֿט זיך אָן דער פֿאָטער: „זאָל ער זײַן און לאָז ער דיך קויפֿן, איך ווייס שוין וואָס איך האָב צו טון". איז ער געגאַנגען און האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ ווײַס פֿערד, און דער פֿאָטער האָט'ן אַרויפֿגעפֿירט אָפֿן יריד. איז אים אַנקעגן געקומען אַן אַלטער פּריץ און האָט באַלד געקויפֿט בײַ אים דאָס פֿערד און האָט'ן אַזוי פֿאַררעדט, אַז ער האָט אויסגעכאַפּט דאָס פֿערד מיטן ציימל, האָט זיך אַרויפֿגעזעצט און איז מיטן בליק אַוועקגעריטן אין וואַלד אַרײַן. געקומען אין וואַלד אַרײַן, איז דער אַלטער אַראָפּגעקראָכן פֿונעם פֿערד און האָט'ן צוגעבונדן צו אַ בוים און רופֿט זיך אָן צו אים: „דו געדענקסט, וואָס כ'האָב דיר אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט נאָכמאַכן מײַנע כּישופֿן?" און ער האָט גענומען אַ דריגל* אין די הענט אַרײַן און האָט אים אָנגעהויבן שלאָגן.

---

* אַ דרענגל.

האָט ער אים אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז וואַנען דאָס צײַמל איז אים אַראָפּגעפֿאַלן פֿונעם קאָפּ. האָט דער פֿערד דערפֿילט, ווי ער איז אָפּגעבונדן, האָט ער זיך אָף גיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ וואָלף און האָט גענומען לויפֿן. האָט זיך דער אַלטער אויך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ וואָלף, נאָר פֿאַר אַ „זי״, און האָט אָנגעהויבן שרײַען. איז זיך אָנגעלאָפֿן אַ סך וועלף, און די וועלף האָבן אים געוואָלט כאַפּן. איז ער צוגעלאָפֿן צו אַ טײַך, וואָס איז געווען נישט ווײַט, און האָט זיך פֿאַרוואָרפֿן פֿאַר אַ פֿיש און איז אַרײַן אין טײַך אַרײַן. אַז דער אַלטער האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך אויך פֿאַרוואָרפֿן פֿאַר אַ פֿיש און איז אים נאָכגעשפּרונגען אין טײַך אַרײַן און האָט זיך געלאָזט שווימען נאָך אים. ער שווימט, און דער אַלטער שווימט אים נאָך און קערט איבער דאָס וואַסער. האָט ער געזען, אַז ס׳איז שלעכט, איז ער צוגעשווומען צום ברעג, האָט ער דערזען ווי בײַם ברעג טײַך באָדט זיך אַ קייסערס אַ טאָכטער. האָט ער זיך פֿאַר־שטעלט פֿאַר אַ גאָלדן פֿינגערל און איז צוגעשווומען צו איר. אַז דעם קייסערס טאָכטער האָט דערזען אַזאַ שיין גאָלדן פֿינגערל, האָט זי דאָס אַ כאַפּ געטון און אָנגעטון אָפֿן פֿינגער און האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים. ווי דער אַלטער האָט דאָס באַמערקט, איז ער אַרויסגעשפּרונגען פֿונעם וואַסער און צוריק געוואָרן אַ מענטש. גע־וואָרן אַ מענטש, איז ער אַוועק צום קייסער און האָט אים געבעטן, ער זאָל נישט זײַן ברוגז: ער האָט זיך געבאָדן אין טײַך, האָט ער פֿאַרלוירן ס׳פֿינגערל, האָט ער געזען פֿון דער ווײַטנס, ווי זײַן טאָכטער האָט אויפֿגעהויבן ס׳פֿינגערל און האָט דאָס אָנגעטון אָפֿן פֿינגער. זאָגט דער קייסער: „זי וועט עס דיר אָפּגעבן״. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און האָט אויסגעוואַרט, ביז וואַנען זי וועט קומע״.
אַז זי איז אַרײַנגעקומען, רופֿט זיך אָן דער קייסער צו איר: „האָסט זיך געבאָדן בײַם טײַך, האָסטו געפֿונען אַ פֿינגערל, גיב עס אָפּ דעם אַלטן״. האָט זי גענומען אויסטון ס׳פֿינגערל, איז דאָס פֿינגערל אַראָפּגעפֿאַלן אָף דר׳ערד און האָט זיך פֿאַרוואָרפֿן פֿאַר אַ שלאַנג און האָט געלאָזט אַ גיפֿט אין דעם אַלטן. איז דער אַלטער באַלד

געשטאָרבן. און ער האָט זיך צוריק פֿאַרוואָרפֿן פֿאַר אַ מענטשן און ער האָט דערציילט דעם קייסער די גאַנצע געשיכטע.

אַ שיינער בחור איז ער געווען, האָט זיך דעם קייסערס טאָכטער פֿאַרליבט אין אים. האָט דער קייסער זיי חתונה געמאַכט און האָט איבערגעשריבן זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן אָף זײַן נאָמען. האָט ער באַלד אַריבערגענומען זײַן אָרעמן פֿאָטער צו זיך, און זיי לעבן זיך עד-היום זייער גוט.

27. דאָס העלדישע שנײַדערל

אין אַ קלײן שטעטל לעבן אָדעס איז געװען אַן אָרעם שנײַדערל, אַ קלײנס, אַ שװאַכס, אַ פֿאַרשמאַכטס און קױם װאָס ער האָט זיך געקאָנט דערנערן. האָט ער זיך אײן מאָל באַקלערט, אַזױ װי ס׳איז נישט װײַט פֿון אָדעס, װעט ער אַראָפּפֿאָרן אין דער גרױסער שטאָט, אפֿשר װעט ער דאָרט קריגן אַ שטעלע. געטראַכט און געטון. איז ער אַראָפּגעקומען אין דער גרױסער שטאָט אָדעס און האָט זיך אָנגעהױבן דרײען איבער די גאַסן זוכן אַרבעט. האָט ער דערזען פֿון דער װײַטנס אַ גרױסע װיװיסקע *, האָט ער איבערגעלײענט. איז געשטאַנען אױפֿגעשריבן: „מוזשעסקי פּאָרטנאָי". ** האָט ער זיך געטראַכט, ער װעט אַרײַנגײן און פֿרעגן, אפֿשר דאַרף מען האָבן אַן אַרבעטער. איז דאָס אָבער געװען אָפּן צענטן עטאַזש, און אַז ער האָט גענומען גײן אין דער פֿרי, איז ער אַרױפֿגעקומען פֿאַר נאַכט, אַזױ הױך איז עס געװען. און אַז ער איז אַרױפֿגעקומען און האָט נאָר געעפֿנט די טיר, איז ער גלײַך אַװעקגעפֿאַלן פֿון מידקײט פֿונעם גײן. האָט מען אים גלײַך אױפֿגעהױבן, דערמינטערט און מע האָט אים געפֿרעגט, װאָס ער װיל. האָט ער געזאָגט: „צו ערשט גיט מיר עפּעס אָפּעסן, װײַל איך בין פֿאַרחלשט". האָט מען אים געגעבן צו עסן, און עסנדיק איז ער געװען אין כּעס אָפּן בעל-הבית, פֿאַר װאָס ער װױנט אַזױ הױך. רופֿט זיך אָן דער בעל-

* אַ שילד. ** מענער-שנײַדער.

הבית: „וואָס גייט עס דיר אָן? זאָג בעסער, וואָס דו ווילסט!" זאָגט ער: „איך וויל אַרבעט". זאָגט דער בעל־הבית: „גוט, שלאָף דאָ איבער די נאַכט און אין דער פרי וועסטו זיך זעצן צו דער אַרבעט". האָט גענומען דאָס שנײַדערל און האָט זיך אויסגעטון און האָט זיך געלייגט שלאָפן. פינעף אַ זייגער פאַר טאָג פילט ער, ווי מען וועקט אים שוין צו דער אַרבעט. כאַפט ער זיך אויף, טוט אָן די הויזן מיט די שיך, וואַשט זיך אָפ און זעצט זיך אַוועק צו דער אַרבעט. גיט אים דער בעל־הבית אַ זשילעט צו נייען און זאָגט אים אָן, אַז די זשילעט דאַרף פאַרטיק ווערן וואָס גיכער, און איז אַוועקגעגאַנגען. האָט זיך דאָס שנײַדערל גענומען אַרבעטן אָף דער זשילעט, האָט ער אָפגעאַרבעט פון פינעף פאַר טאָג ביז צען אַ זייגער. האָט אים אָנגעהויבן קלעמען ס'האַרץ. טראַכט ער זיך: „איצט דאַרף מען עסן איבערבײַסן". אין שטוב איז אָבער קיינער נישט געווען, איז ער אַליין צוגעגאַנגען צום שאַפקעלע אַרויסנעמען עפעס צו עסן, האָט ער געפונען אַ שטיקל פיסנע * ברויט. נעמט ער ס'ברויט און לייגט אַוועק לעבן זיך. פיסנע ברויט האָט ער אָבער נישט געוואָלט עסן און אַראָפגיין זיך עפעס קויפן צום ברויט האָט ער זיך געפוילט: ס'איז צו הויך, און ער דאַרף נאָך פאַרטיק מאַכן די זשילעט, האָט ער נישט קיין צײַט. האָט ער זיך באַקלערט, ער וועט וואַרטן, און אַז ער וועט הערן עפעס שרײַען אָף דער גאַס, וועט ער אַרויפרופן און וועט זיך עפעס קויפן צום ברויט. און דערווײַל האָט ער דערהערט, ווי מע שרײַט אָף אַ הויעך קול: „פאָווידלע! פאָווידלע!" האָט ער אויפגעמאַכט ס'פענצטער און האָט אָנגעהויבן אַראָפצושרײַען אָף דער גאַס, מע זאָל אַרויפקומען מיט דער פאָווידלע. האָט זיך די ייִדענע מיט דער פאָווידלע אומגעקוקט, פון וואַנען מע רופט. האָט זי געזען, ס'איז אַזוי הויך, האָט זי זיך געטראַכט: „יאָ אַרויפגיין? נישט אַרויפגיין?" אָבער עפעס לייזן דאַרף זי דאָך, האָט זי גענומען אַרויפגיין. גייט זי, גייט און גייט, און

* הוילע ברויט, ברויט אָן עפעס.

ביז זי איז אַרויפֿגעקומען אויבן, איז שוין געוואָרן נאַכט. קומט זי אַרײַן, טראָגט צו די פּאָווידלע און שטעלט עס אַוועק לעבן אים. דאָס שנײַדערל איז שוין אָבער געווען אין כּעס און שטאַרק הונגעריק, האָט ער גענומען דערווײַל פֿאַרזוכן פֿון דער פּאָווידלע, זען צי ס'איז גוט צו קויפֿן, און האָט אַזוי לאַנג פֿאַרזוכט, ביז ער האָט אויפֿגעגעסן אַ האַלב פֿעסל. דערנאָך רופֿט ער זיך אָן צו דער ייִדענע: „וויפֿל לייזט איר אַ פֿונט?" זאָגט זי: „פֿינעף קאָפּיקעס". זאָגט ער: „טאָ גיט מיר אַ האַלב פֿערטל!" איז די ייִדענע געוואָרן אין כּעס און האָט אים נישט געוואָלט פֿאַרקויפֿן. דערנאָך קלערט זי זיך: „נישט לייזן איז אַן עבֿירה". נעמט זי און וועגט אים אָפּ אַ האַלב פֿערטל, כאַפּט דעם האַלבן גראָשן לייזונג און אַנטלויפֿט.

דאָס שנײַדערל האָט גענומען די פּאָווידלע, אָנגעשמירט אָפּן ברויט, אַוועקגעלייגט לעבן זיך און גערעדט צו זיך אַליין: „אַזוי ווי איך וועל נאָר ענדיקן די אַרבעט, וועל איך זיך שוין נעמען צום עסן". דערווײַל הערט ער זשומענדיק פֿליגן. קוקט ער זיך אום אָפּן ברויט, זעט ער, ווי ס'איז אָנגעקומען אַ סך פֿליגן אָף דער פּאָווידלע און טאַנצן אַרום. ווערט ער אין כּעס און רופֿט זיך אָן צו זיי: „אַ גוט מאָרגן אײַך, מײַנע ליבע געסט! האָב איך אײַך געבעטן, איר זאָלט קומען צו מיר? ווער האָט געשיקט נאָך אײַך? עסט נישט אויף מײַנע פּאָווידלע, איך בעט אײַך, און גייט אײַך אַוועק מיט גוטן!" נו, האָבן אים דען די פֿליגן עפּעס געהערט? פֿאַרשטייען זיי דען, וואָס מע רעדט צו זיי? האָבן זיי זיך ווײַטער געטון זייער אַרבעט. געזען, אַז זיי הערן אים נישט, איז שוין דאָס שנײַדערל געוואָרן גוט אין כּעס. כאַפּט ער די זשילעט און גיט אַ וואָרף אָף דר'ערד און הייבט זיך אויף און פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און הייבט אויף די האַנט און דערלאַנגט אַ זעץ אָף דער פּאָווידלע מיטן גאַנצן כּח. כאַפּט ער אַראָפּ די האַנט פֿון דער פּאָווידלע און ציילט איבער, זעט ער, ער האָט דערהרגעט זיבן פֿליגן מיט איין זעץ. פֿאַרוואונדערט זיך דאָס שנײַדערל און זאָגט: „מיט איין זעץ זיבן דערהרגעט! בין איך דאָך עפּעס גאָר אַ געזונטער! אַ גיבור!

קען איך דאָך גײן, װוּ איך װיל און פֿאַר קײנעם קײן מורא נישט האָבן. טאָ װאָס זשע שטײ איך דאָ?“ הײבט ער זיך אויף, טוט זיך אָן און גײט אַראָפּ אין גאַס. דערזעט ער אַ גרויסע קלײט. גײט ער אַרײַן אין דער קלײט, קויפֿט ער זיך אַ רויטן גאַרטל און לאָזט זיך אויסנײען אויפֿן גאַרטל מיט רוסישע בוכשטאַבן: „זאַ אַדין אודאַר סעם אוביטיך“ !* און ער לאָזט זיך גײן אויסן שטאָט אַרויס. אויפֿן װעג, גײענדיק, קויפֿט ער זיך נאָך אַ װײך קעזל, לײגט עס אַרײַן אין קעשענע, ער זאָל האָבן, װאָס צו עסן אָף שפּעטער, און ער גײט און טראַכט זיך: „װאָס פֿעלט מיר? געזונט בין איך, מורא פֿאַר קײנעם האָב איך נישט, איז מיר טאַקע גוט!“ גײט ער אַזוי איבער די פֿעלדער און טראַכט זיך, װי גוט אים איז. דערװײַל האָט אויפֿן פֿעלד אַ פֿײגעלע דערשמעקט דעם קעז, איז עס אַרײַנגעפֿלויגן צו אים אין קעשענע אַרײַן. האָט ער דערפֿילט, װי סע קיצלט אים, טראַכט ער: „װאָס האָב איך דאָ מורא פֿאַר קיצלען, אַז איך בין אַזאַ געזונטער!“ גײט ער אַזוי װײַטער. קומען אים אַנקעגן צװײ הויכע ריזן, געזונטע. האָט ער זיך דערשראָקן און געװאָלט אַנטלויפֿן, האָט אָבער די ייִדישע חכמה געשפּילט אין אים. בלײַבט ער שטײן אַנקעגן זײ מיט די הענט אין די קעשענעס און מיט די פֿיס צעשפּרײט. גיבן די צװײ ריזן אַ לײען איבער, װאָס סע שטײט אויפֿן גאַרטל: „זאַ אַדין אודאַר סעם אוביטיך“, האָבן זיך די ריזן דערשראָקן פֿאַר אים, זײ האָבן געמײנט, אַז מיט אײן זעץ האָט ער זיבן מענטשן דערהרגעט. דערנאָך זאָגט אײנער צום צװײטן: „לאָמיר זען, צי דאָס קלײן מענטשעלע איז טאַקע אַזאַ געזונטער“. רופֿט זיך אָן אײנער פֿון די ריזן צום שנײַדערל: „אויב דו ביסט אַזאַ געזונטער, װײַז מיר, צי דו קענסט אַזוינס אויפֿטון!“ און ער נעמט אַ שטײן פֿון צװײ טויזנט פּוד און צערײַבט אים אויף זאַמד. צעלאַכט זיך דאָס שנײַדערל אויף אַ הויעך קול: „אויך מיר אַ קונץ! כ׳װעל דיר װײַזן אַ בעסערן: כ׳װעל נעמען אַ קלײן שטײנדעלע

* מיט אײן קלאַפּ — זיבן דערהרגעטע.

אין האַנט און געבן אַזאַ קוועטש, אַז ס'וועט אַרויסגיין דערפֿון וואַסער !" זאָגט דער ריז : „גוט, לאָמיר זען !" בייגט זיך אָן דאָס שנײַדערל און הייבט אויף אַ קלײן שטיינדעלע און לייגט אַרײַן די האַנט אין קעשענע, נעמט אַרויס אַ שטיקל פֿונעם ווייכן קעז און גיט אַ קוועטש — ס'גייט וואַסער ! האָבן די ריזן געזען, אַז ער איז טאַקע אַ געזונטער, נאָר זיי האָבן געזאָגט : „לאָמיר אים נאָך אַ מאָל פּרוּוון". רופֿט זיך אָן דער צווייטער ריז צום שנײַדערל : „אויב דו ביסט אַזאַ געזונטער, ווײַז מיר, צי דו קענסט אַזוינס אויפֿטון". און ער נעמט אַ שטיין פֿון צוויי טויזנט פּוד און גיט אים אַ וואָרף ביז איבער די וואָלקנס, און אַז ער איז צוריק אַראָפּגעפֿאַלן, האָט ער אים אויפֿגעכאַפּט מיט איין האַנט. צעלאַכט זיך דאָס שנײַדערל : „אויך מיר אַ קונץ ! כ'וועל דיר ווײַזן אַ בעסערן : כ'וועל נעמען אַ קלײן שטיינדעלע און כ'וועל געבן אַזאַ וואָרף אין דער הייך, אַז ס'וועט מער נישט צוריקקומען." זאָגט דער ריז : „גוט, לאָמיר זען !" בייגט זיך אָן דאָס שנײַדערל און הייבט אויף אַ קלײן שטיינדעלע און לייגט אַרײַן די האַנט אין קעשענע, נעמט אַרויס ס'פֿייגעלע, אַז די ריזן זאָלן עס נישט זען, און גיט עס אַ וואָרף אין דער הייך, — איז עס אַוועק און פֿאַרשוווּנדן. די ריזן האָבן געקוקט אין דער הייך, געקוקט און געוואַרט, דאָס שטיינדל זאָל צוריק אַראָפּפֿאַלן, זיי האָבן זיך אָבער נישט געקענט דערוואַרטן, ס'איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. האָבן זיי געזען, אַז ער איז טאַקע אַ געזונטער, אָבער אַנטלויפֿן פֿאַר אים האָבן זיי מורא געהאַט, האָבן זיי זיך באַטראַכט, זיי וועלן אים געבן שווערע אַרבעט, ביז וואַנען ער וועט אַוועקפֿאַלן. זאָגן זיי צו אים : „אויב דו ביסט טאַקע אַזאַ געזונטער, טאָ קום מיט אונדז, דאָרט נישט ווײַט ליגט אַ גרויסער בוים. און אַז דו וועסט מיט אונדז דעם בוים אַריבערטראָגן פֿון איין אָרט צום אַנדערן, וועלן מיר וויסן, אַז דו ביסט אַ גיבור און מיר וועלן דיך מאַכן פֿאַר אַן עלטסטן". האָט ער געזען, אַז ער איז דאָ אַרײַנגעפֿאַלן. וואָס זאָל ער טון ? אַרויס=

דרייען זיך פֿון זיי קען ער נישט, האָט ער געזאָגט: „גוט, כ׳גיי מיט אײַך!"

קומען זיי צו צום בוים, האָט ער זיך דערשראָקן: ער האָט נאָך אַזאַ גרויסן בוים אויף זײַן לעבן נישט געזען. פֿרעגן אים די ריזן: „ווו ווילסטו אָננעמען דעם בוים? בײַם וואָרצל, צי בײַ די צווײַגן?" זאָגט ער: „בײַ די צווײַגן, ווײַל ס׳איז שווערער צו טראָגן". נעמען די צוויי ריזן און כאַפּן אָן דעם בוים בײַם וואָרצל, לייגן אים אַרויף אויף די פּלייצעס און לאָזן זיך גיין פֿאָרויס. און דאָס שנײַדערל גייט הינטער זיי, כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ צווײַג און שרײַט צו זיי: „נו, וואָס שלעפּט איר זיך? וואָס גייט איר נישט גיכער?" די ריזן האָבן זיך נישט געקענט אומקוקן, האָבן זיי געמיינט, אַז ער אַליין טראָגט דעם שווערן בוים בײַ די צווייגן און זיי האַלטן בלויז אונטער בײַם וואָרצל. און אַזוי האָבן זיי אים איבערגעשלעפּט מיטן בוים ביז צום אָרט, און אַז זיי האָבן גענומען אַראָפּוואַרפֿן דעם בוים פֿון די פּלייצעס, איז דאָס שנײַדערל אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם צווײַג, צוגעלאָפֿן צו זיי און האָט געזאָגט: „ס׳איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט!" האָבן די ריזן געזען, אַז ער איז טאַקע אַן אמתר גיבור, האָבן זיי אים אַוועקגעפֿירט אין זייער היים. איז ער אַרײַנגעקומען אין זייער היים, האָט ער דערזען אַ גאַנצע מחנה פֿון ריזן, האָט ער זיך אַ ביסל דערשראָקן. איז מען באַלד צוגע-גאַנגען צום עלטסטן ריז, מ׳אָט אים אויסגעטון די קרוין און מ׳אָט זי אָנגעטון דעם שנײַדערל, איז ער געוואָרן דער עלטסטער פֿון זיי אַלע. זיי ווידער, די צוויי ריזן, האָבן אָבער מורא געהאַט פֿאַר אים: אַז מיט איין זעץ דערהרגעט ער זיבן, איז טאָמער מאַכט זיך אַ קריג, וועט ער נאָר לייגן איין פֿינגער אויף זיי, וועט ער זיי זאַדישען.* האָבן זיי באַקלערט אַ זאַך, ווי אַזוי אים בײַצוקומען. האָבן זיי אים געלייגט שלאָפֿן אין דעם עלטסטנס בעט, איז עס אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס קליין שנײַדערל האָט מורא

* דערשטיקן.

געקריגן, ער זאָל דאָרט נישט פֿאַרלוירן גיין. האָט ער זיך נישט געלייגט אין דער מיט בעט, נאָר אין אַ שפּאַרונע* פֿונעם בעט און האָט זיך איבערגעדעקט מיט אַ ברעג קאָלדרע. די ריזן האָבן אָבער געמיינט, אַז ער ליגט אין דער מיט בעט. האָבן זיי אָפּגעוואַרט, ביז ער וועט אַנטשלאָפֿן ווערן. און אַז זיי האָבן דערהערט, אַז ער כראָפּעט שוין, האָבן זיי גענומען אַ שטיין פֿון צוויי טויזנט פּוד און האָבן געגעבן אַ וואָרף אָפּן מיט בעט, האָט זיך דאָס בעט איבערגעבראָכן אָף צווייען. האָבן זיי געמיינט, ער איז שוין דערהרגעט, אָבער אַז זיי האָבן ווידער דערהערט, ווי ער כראָפּעט אַזוי געשמאַק ווי פֿריִער, האָבן זיי זיך דערשראָקן און זענען אַנטלאָפֿן. דעם שנײַדערל האָט אָבער גאָרנישט געשאַט, ווײַל ער איז געלעגן אין אַ שפּאַרונע. און אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און האָט געזען, אַז די ריזן זענען נישטאָ און ס׳בעט איז צעבראָכן אָף פּיצלעך, האָט ער פֿאַרשטאַנען, עפּעס מוז דאָ זײַן דער מער. האָט ער זיך צוריק געלאָזט גיין אָף די פֿעלדער, ביז ער איז אָנגעקומען אין אַ גרויסער שטאָט.

אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער זיך געלאָזט גיין איבער די גאַסן. און ווער ס׳האָט אים דערזען און האָט איבער־געלייענט אָף זײַן גאַרטל: „זאַ אַדין אודאַר סעם אוביטיך“, האָט זיך דערשראָקן פֿאַר אים און האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זײַט. דער־ווײַל איז ער דורכגעגאַנגען דורך דעם קייסערס פּאַלעץ, איז גע־שטאַנען אַ סאָלדאַט אין דרויסן און האָט דערזען דעם גיבור. איז ער אַרײַנגעלאָפֿן צום קייסער און האָט דערציילט, אַז אין שטאָט געפֿינט זיך אַזאַ גיבור. האָט דער קייסער געדרוקט אין די גאַזעטן, אַז ווער סע וויל זיך פֿאַרשרײַבן צו דינען בײַ אים, וועט ער קריגן באַצאָלט. אַז דאָס שנײַדערל האָט דערזען אַזאַ זאַך, האָט ער זיך געטראַכט: „געלט האָב איך נישט און וווּ צו שלאָפֿן האָב איך אויך נישט, נאָר געזונט בין איך, טאָ וואָס האָב איך דאָ אָנצוווערן?

---

* אַ שפּעלטל.

כ׳וועל גיין דינען!" קומט ער אַרײַן צום קייסער. אַז דער קייסער האָט אים דערזען, האָט ער אים געהייסן זיצן און האָט אים פֿאַרשריבן און האָט אים דערנאָך אַרײַנגעשיקט צווישן זײַנע סאָלדאַטן. אָבער אַז די סאָלדאַטן האָבן איבערגעלייענט אָף זײַן גאַרטל: „זאַ אַדין אודאַר סעם אוביטיך!", האָבן זיי זיך דערשראָקן און האָבן זיך אָנגעהויבן צו צלמען. זענען זיי אַרײַנגעלאָפֿן צום קייסער און האָבן אים געזאָגט, אַז מע וועט נישט אַוועקנעמען דעם גיבור פֿון זיי, וועלן זיי זיך אַלע צעלויפֿן. זאָגט דער קייסער: „גוט, כ׳וועל אים ערגעץ פֿאַרשיקן, ער זאָל שוין קיין מאָל מער נישט צוריקקומען". האָט דער קייסער באַפֿוילן צו אים, ער זאָל אַרײַנקומען. איז דאָס שנײַדערל אַרײַנגעקומען. רופֿט זיך אָן דער קייסער צו אים: „אָט דאָ נישט ווײַט אין וואַלד געפֿינען זיך צוויי ריזן, וואָס מאַכן אָן אַ סך שאָדן. אויב דו וועסט זיי בײַקומען, וועל איך דיר געבן מײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב." זאָגט דאָס שנײַדערל: „גוט, כ׳נעם זיך אונטער!" איז ער אַוועק און האָט זיך אָנגעטון אַ שטריק אָף זיך און גענומען גיין אין וואַלד אַרײַן. גייענדיק אין וואַלד, זעט ער, ווי צוויי ריזן ליגן בײַ אַ בוים און שלאָפֿן. האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען די ריזן, וואָס טוען אָן אַ סך שאָדן דעם קייסער. איז ער געגאַנגען און האָט זיך אָנגעלייגט פֿולע קעשענעס מיט שטיינדלעך און איז אַרויפֿגעקראָכן אָפֿן בוים. דערנאָך האָט ער גענומען אַ שטיינדל און געגעבן אַ וואָרף אָף איינעם פֿון די ריזן גלײַך אין קאָפּ אַרײַן. האָט זיך דער ריז אויפֿגעכאַפּט און האָט געמיינט, אַז דער אַנדערער האָט עס אים געטון, האָט ער אים געגעבן אַ פּאַטש און האָט זיך צוריקגעלייגט שלאָפֿן. דערנאָך האָט ער גענומען נאָך אַ שטיינדל און האָט׳ן אַ וואָרף געטון דעם אַנדערן ריז גלײַך אין קאָפּ אַרײַן. האָט זיך דער ריז אויפֿגעכאַפּט מיט אַ כּעס און האָט געמיינט, אַז דער אַנדערער האָט עס אים געטון, האָט ער אים געגעבן אַ פּאַטש און האָט זיך צוריקגעלייגט שלאָפֿן. די ריזן זענען געווען זייער מיד און פֿאַרשלאָפֿן, האָבן זיי זיך נישט געוואָלט אויסטענהן. דאָס

שנײַדערל האָט אָבער געזען, אַז ס׳איז גוט אַזוי, האָט ער אָנגעהויבן צו האָגלען אָף זיי מיט אַלע שטיינדלעך אָף אַ מאָל. האָבן זיך די ריזן אויפגעכאַפּט מיט אַ רציחה און זיך גענומען שילטן און שרײַען. יעדער איינער האָט געמיינט, אַז דער אַנדערער האָט אָף אים געוואָרפן די שטיינער. האָבן זיי זיך גענומען שלאָגן, האָבן זיי זיך אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז וואַנען זיי זענען ביידע אַוועקגעפאַלן טויט. ווי דאָס שנײַדערל האָט דאָס דערזען, איז ער אַראָפּגעקראָכן פונעם בוים און האָט זיי צונויפגעבונדן מיטן שטריק און האָט זיי אַרײַנגעשלעפּט צום קייסער. אַז דער קייסער האָט דאָס דערזען, איז ער דערשראָקן געוואָרן און האָט זיך פאַרווונדערט: „אַז וויפל סאָלדאַטן איך פלעג שיקן, זיי זאָלן הרגענען די ריזן, פלעגט מען די סאָלדאַטן גאָר צוריקברענגען טויט, און ער איינער אַליין האָט זיי בײַגעקומען!“

אָף דעם אַנדערן טאָג האָט דער קייסער נאָך אַ מאָל באַפוילן צום שנײַדערל, ער זאָל אַרײַנקומען, איז ער אַרײַנגעקומען. רופט זיך אָן דער קייסער צו אים: „אָט דאָ נישט ווײַט אין וואַלד איז דאָ אַ ווילדער אָקס, טוט ער מיר אָן אַ סך שאָדן. אויב דו וועסט אים בײַקומען, שרײַב איך דיר איבער אַ האַלבע מלוכה און וועסט זײַן מײַן איידעם.“ האָט זיך דאָס שנײַדערל אויפגעהויבן און איז אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד אַרײַן. געקומען אין וואַלד, האָט אים דער ווילדער אָקס באַלד דערזען, האָט ער [אים] גענומען נאָכלויפן. האָט זיך דאָס שנײַדערל אַרויפגעכאַפּט אָף אַ בוים, און דער אָקס לויפנדיק נאָך אים מיט אַ ווילדקייט צום בוים, איז אַרײַן מיט די הערנער גלײַך אין בוים אַרײַן און איז געבליבן שטעקן. האָט דאָס שנײַדערל אַראָפּגעלאָזט דעם שטריק און האָט אים פאַרצויגן דעם האַלדז און האָט אים דערוואָרגן און האָט אים אַזוי אַרײַנגעשלעפּט צום קייסער. אַז דער קייסער האָט דאָס דערזען, טראַכט ער: „נו, פאַרפאַלן! ער האָט אים צוגעזאָגט, מוז ער עס אים געבן!“ איז ער געגאַנגען און האָט אים חתונה געמאַכט מיט זײַן טאָכטער און האָט אים איבערגעשריבן אַ האַלבע

מלוכה. ס׳איז געקומען אָף דער נאַכט צום שלאָפֿן, האָט זיך דאָס פּאָרל געלייגט אין זייער צימער. אין מיטן נאַכט הערט דעם קייסערס טאָכטער, ווי דאָס שנײדערל רעדט פֿון שלאָף אָף יידיש צו די פֿליגן: „אַ גוט מאָרגן אײַך, מײַנע ליבע געסט! גייט אײַך אַוועק מיט גוטן! מוטשעט מיך גישט, ווײַל איך דאַרף ענדיקן דעם זשילעט, עסט נישט אויף מײַנע פּאָווידלע!״ האָט זי זיך זייער דערשראָקן, איז זי אַרײַן צום פֿאָטער מיט אַ געוויין: „איך וועל מיט אים נישט וווינען, ער רעדט פֿון שלאָף און איז אַ ייִד!״ זאָגט דער קייסער צו איר: „די אַנדערע נאַכט, אַז דו וועסט אים הערן רעדנדיק פֿון שלאָף, זאָלסטו מיר קומען זאָגן, וועל איך אַרײַנשיקן 25 סאָלדאַטן, זיי זאָלן אים שיסן.״ איז דער קייסער אַרײַנגעגאַנגען אין קאַזאַרמע און האָט אויס־געקליבן 25 סאָלדאַטן און האָט זיי אָנגעזאָגט, וואָס זיי דאַרפֿן טון. אָבער צווישן די אַלע סאָלדאַטן, וואָס דער קייסער האָט אויסגעקליבן, איז געווען איינער אַ ייִד. האָט דער ייִד געטראַכט, אַז ער וועט אים דערציילן, ווײַל אַ ייִד פֿאַר אַ ייִד דאַרף זיך דאָך אָננעמען. זעט ער דעם שנײדערל שטיין אָף דער טיר, גייט ער צו צו אים און דערציילט אים, וואָס דער קייסער האָט אָנגעזאָגט. זאָגט ער צו אים: „גוט, כ׳וועל שוין זען מיך פֿאַרהיטן״.

ס׳איז געקומען אָף דער נאַכט, מע לייגט זיך שלאָפֿן, האָט זיך דאָס שנײדערל איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און האָט אָנגעהויבן רעדן אַזוי ווי נעכטן, אָבער ער איז שוין נישט געשלאָפֿן. הערט ער, ווי סע מאַכט זיך אויף די טיר און סע שטעלן זיך אויס 25 סאָלדאַטן אים אָף צו שיסן. גיט ער זיך אַ דעק אָפּ און אַ שטעל אויף און אַ געשריי אָף אַ הויעך קול: „ווו זענט איר, איר פֿינעף־און־צוואַנציק שלימזלדיקע סאָלדאַטן! פֿאַר אײַך זאָל איך מורא האָבן? אַז אַזוינע צוויי ריזן האָב איך בײַגעקומען! או אַ ווילדן אָקס האָב איך בײַגעקומען! און פֿאַר אײַך זאָל איך מורא האָבן! וויפֿל זענט איר דאָ?!״ און אַזוי מיט אַ געשריי אָף אַ הויעך

קול. אַז די סאָלדאַטן האָבן דערהערט פֿון אים אַזוינע ווערטער, האָבן זיי אַוועקגעוואָרפֿן די ביקסן, אים איבערגעלאָזט און זענען אַנטלאָפֿן. האָט ער זיך צוריק אַוועקגעלייגט שלאָפֿן, און אַז ער איז אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי, איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין קאַזאַרמע, האָט אַרויסגענומען דעם ייִדישן סאָלדאַט און האָט אָף אים איבערגעשריבן אַ פֿערטל פֿון זײַן האַלב פֿאָרמעגן. און דער קייסער איז פֿאַר שרעק געשטאָרבן, איז געבליבן אַלץ פֿאַר אים. האָט דעם קייסערס טאָכטער געזען, אַז זי מוז זיך בייגן פֿאַר אים, איז זי מיט אים געוואָרן שלום, און זיי לעבן זיך גוט. און דער ייִדישער סאָלדאַט, וואָס ער האָט אים געראַטעוועט, איז לעבן אים אויך אויפֿגעריכט געוואָרן.

28. דאָס קלוגע מיידל

אַ מאָל איז געווען אַ פּריץ, האָט ער געהאַט דרײַ רענדאַרן בײַ זיך אָף זײַנע גיטער. איינער האָט געהאַלטן דעם וואַלד, דער צווייטער די מיל און דער דריטער האָט געהאַלטן די קרעטשמע. און דער איז געווען דער אָרעמסטער.

איין מאָל שיקט דער פּריץ רופן די אַלע דרײַ אַרענדאַרן און זאָגט, ער וועט זיי פרעגן דרײַ פראַגעס: „וואָס איז דאָס געשווינדסטע אָף דער וועלט? וואָס איז דאָס פעטסטע אָף דער וועלט? און וואָס איז דאָס ליבסטע אָף דער וועלט?" און ווער פון זיי ס'וועט אים געבן אַ ריכטיקן ענטפער אָף די אַלע פראַגעס, קריגט די אַרענדע אומזיסט אָף צען יאָר, און ווער ס'וועט נישט ענטפערן ריכטיק, דעם וועט ער אין גאַנצן אַרויסשיקן פון זײַנע גיטער.

די ערשטע צוויי, דער וואַלד־אַרענדאַטער און דער מיל־אַרענדאַטער האָבן נישט לאַנג געטראַכט און פאַרענפערט די פראַגעס אַזוי: „דאָס געשווינדסטע אָף דער וועלט איז דעם פּריצס פערד; דאָס פעטסטע אָף דער וועלט איז דעם פּריצס חזיר, און דאָס ליבסטע אָף דער וועלט איז דעם פּריצס ווײַב." און זיי זענען שוין געבליבן צופרידן, זיי האָבן שוין דעם ריכטיקן ענטפער. דער אָרעמער קרעטשמער אָבער איז געקומען אַהיים שטאַרק פאַרזאָרגט, ער האָט בלויז דרײַ טעג צײַט אָף צו ענטפערן דעם פּריץ און וואָס וועט ער אים זאָגן?

דער קרעטשמער האָט געהאַט אַ טאָכטער, זייער אַ שיינע און זייער אַ גוראָטענע, פרעגט זי אים: „טאַטע, וואָס ביסטו אַזוי

פֿאַרזאָרגט?‟ דערציילט ער איר, וואָס דער פּריץ האָט אים געפֿרעגט, און זאָגט: „ווי זאָל איך נישט זאָרגן, אַז איך ווייס אים נישט וואָס צו ענטפֿערן‟. זאָגט זי צו אים: „ס׳איז גאָר נישטאָ וואָס צו זאָרגן, דער ענטפֿער איז פּראָסט: דאָס געשווינדסטע אָף דער וועלט איז דער געדאַנק; דאָס פֿעטסטע אָף דער וועלט איז די ערד; און דאָס ליבסטע אָף דער וועלט איז דער שלאָף.‟

אָפֿן דריטן טאָג זענען אַלע דרײַ אַרענדאַרן געקומען צום פּריץ. האָט ער די ערשטע צוויי באַלד אַרויסגעשיקט פֿון זײַנע גיטער פֿאַר זייערע נישט ריכטיקע ענטפֿערס, אָבער צום קרעטשמער האָט ער געזאָגט: „דײַנע ענטפֿערס זענען מיר זייער געפֿעלן, אָבער איך ווייס, אַז ס׳איז נישט דײַן קאָפּ דערבײַ. זאָג מיר דעם אמת, ווער ס׳האָט זיי דיר געזאָגט.‟ האָט זיך דער קרעטשמער געמוזט מודה זײַן, אַז דאָס האָט אים געזאָגט זײַן טאָכטער. זאָגט אים דער פּריץ: „אויב דו האָסט יאָ אַזאַ קלוגע טאָכטער, וויל איך זי זען. זאָל זי קומען צו מיר אין דרײַ טעג אַרום, נאָר זי זאָל קומען נישט גייענדיק און נישט פֿאָרנדיק, נישט אָנגעטון און נישט נאַקעט, און זי זאָל מיר ברענגען יאָ אַ מתנה און נישט קיין מתנה.‟ קומט ער אַהיים, דער קרעטשמער, נאָך מערער פֿאַרזאָרגט ווי פֿריִער. פֿרעגט אים די טאָכטער: „וואָס איז שוין ווידער, טאַטע? וואָס ביסטו שוין ווידער פֿאַרזאָרגט?‟ דערציילט ער איר, וואָס דער פּריץ פֿאַרלאַנגט פֿון איר. זאָגט זי: „נו, וואָס זשע איז דאָ אַזוי צו זאָרגן? דו גיי נאָר און קויף מיר אַ נעץ, וואָס מע כאַפּט פֿיש, אַ ציג, אַ פּאָר טויבן און אַ פּאָר פֿונט פֿלייש‟. נו, האָט ער איר אַלץ אײַנגעקויפֿט. און אָפֿן דריטן טאָג האָט זי זיך אויסגעטון נאַקעט און האָט זיך אײַנגעוויקלט אין דער נעץ, איז זי געווען נישט אָנגעטון און נישט נאַקעט. דערנאָך האָט זי זיך געזעצט רײַטנדיק אָף דער ציג, האָבן זיך אירע פֿיס נאָכגעשלעפּט אָף דער ערד, איז דאָס געווען נישט פֿאָרנדיק און נישט גייענדיק. דערנאָך האָט זי גענומען אין איין האַנט די טויבן, אין דער צווייטער ס׳פֿלייש און האָט זיך אַזוי אַרײַנגעשלעפּט צום פּריץ גלײַך אין הויף אַרײַן.

דער פּריץ איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער און האָט זי דערזען אַזוי אַרײַנקומענדיק, האָט ער אָנגערייצט אָף איר די הינט. האָט זי אַ וואָרף געטון ס׳פֿלייש די הינט און איז אַרײַן אין הויז אַרײַן און האָט געזאָגט דעם פּריץ: „כ׳האָב דיר געבראַכט יאָ אַ מתּנה און נישט אַ מתּנה“, און האָט אָפּגעלאָזט די טויבן. ס׳פֿענצטער איז געשטאַנען אָפֿן, זענען זיי אַרויסגעפֿלויגן. האָט איר דער פּריץ געזאָגט: „אַז דו ביסט יאָ אַזאַ קלוגע, וויל איך מיט דיר חתונה האָבן, אָבער מיט איין תּנאַי, אַז ווען עמיצער וועט קומען זיך לאָדן פֿאַר מיר, זאָלסטו זיך נישט מישן.“ האָט זי אים צוגעזאָגט און זיי האָבן חתונה געהאַט.

אין אַ צײַט אַרום איז זי געשטאַנען בײַם פֿענצטער, זעט זי, סע גייט פֿאַרבײַ אַ פּויער און וויינט. פֿרעגט זי אים. „וואָס וויינסטו?“ דערציילט ער איר, אַז ער מיט אַ שכן זײַנעם האָבן אַ בשותּפֿותדיקן שטאַל. ער האָט אַ שקאַפּע און דער שכן האָט אַ וואָגן. האָט די שקאַפּע געהאַט אַ לאָשיקל* אונטער דעם שכנס וואָגן. האָט דער שכן געזאָגט, אַז דאָס לאָשיקל געהערט צו אים. זענען זיי געגאַנגען צום פּריץ זיך לאָדן, האָט דער פּריץ געפּסקנט, אַז דאָס לאָשיקל געהערט צום שכן. פֿאַרדריסט עס אים, גייט ער און וויינט. זאָגט זי צו אים. „כ׳וועל דיר געבן אַן עצה. דו נעם אַ ווענטקע, וואָס מע כאַפּט פֿיש, און שטעל זיך אַוועק פֿאַרן פּריצס פֿענצטער, דאָרט איז אויסגעשאָטן זאַמד, און מאַך דיך, אַז דו כאַפּסט פֿיש אין זאַמד. וועט זיך דאָך דער פּריץ פֿרעגן: „קען מען אין זאַמד כאַפּן פֿיש?“ זאָלסטו אים ענטפֿערן: „אַז אַ וואָגן קען האָבן אַ לאָשיקל, קען מען אין זאַמד כאַפּן פֿיש.“ האָט דער פּויער אַזוי געטון, און ווען דער פּריץ האָט דערהערט זײַן ענטפֿער, האָט ער באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז איר קאָפּ דערבײַ, דעם ווײַבס. האָט ער צו איר געזאָגט: „אַזוי ווי דו האָסט נישט מקיים געווען אונדזער אָפּמאַך, טאָ נעם דיר דאָס שענסטע און דאָס ליבסטע, וואָס דו געפֿינסט

---

* אַ פֿערדעלע.

אין הויז, און גיי צו דײַן טאַטן!״ זאָגט זי; „גוט! אָבער איידער איך גיי אַוועק, וויל איך, אַז מיר זאָלן נאָך איין אָנבײַסן עסן צוזאַמען.״ האָט ער מסכּים געווען. בײַם עסן איז געווען ווײַן, וואָס זי האָט געזען, אַז ער זאָל וואָס מערער טרינקען. און ווען ער איז שוין שטאַרק שיכּור געוואָרן, איז ער אײַנגעשלאָפֿן. האָט זי גע־הייסן די באַדינער אײַנשפּאַנען דעם עקיפּאַזש און האָט אים אַרויפֿ־געלייגט און אַוועקגעפֿירט צו איר טאַטן.

ווען דער פּריץ האָט זיך אויסגעניכטערט און אויפֿגעכאַפּט און האָט זיך דערזען בײַ איר טאַטן אין הויז, האָט ער זי גע־פֿרעגט: „ווי קום איך אַהער?״ זאָגט זי: „האָסט מיר געזאָגט, איך זאָל נעמען דאָס שענסטע און דאָס ליבסטע, וואָס איך וועל גע־פֿינען אין דײַן הויז, און גיין צו מײַן טאַטן, האָב איך קיין שענערס און קיין ליבערס פֿון דיר נישט געפֿונען.״ זאָגט ער: „אויב יאָ אַזוי, טאָ לאָמיר זיך צוריק איבערבעטן און פֿאָרן אַהיים!״

און אַזוי האָבן זיי זיך שוין געעלטערט אין עושר און אין כּבוד.

29. די דרײַ הויקערלעך

ס׳איז אַ מאָל געווען אַ ייִד אַ הויקער. ער האָט אָבער געקאָנט גוט לערנען און דערצו איז ער נאָך געווען זייער רײַך. נאָר אַז ער איז געגאַנגען חתונה האָבן, האָט ער אויסגענומען מיט זײַן כּלה, אַז נאָך דער חתונה זאָל זי זיך מיט קיינעם נישט חבֿרן און זאָל נישט האָבן צו טון מיט פֿרעמדע מאַנסלײַט. האָט זי אים אַזוי צוגעזאָגט. האָט ער מיט איר חתונה געהאַט. נאָך דער חתונה פֿלעגט דער הויקער כּסדר זיצן אין בית־מדרש און לערנען. ער פֿלעגט נאָר אַהיימקומען אָף אַ פּאָר שעה אָפּעסן מיטאָג און צולייגן זיך אַ ביסל שלאָפֿן, און דערנאָך—ווידער אין בית־מדרש אַרײַן. אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען אַלע מאָל.

איז דעם ווײַבל נעבעך געווען אומעטיק צו זיצן אַליין אין שטוב, פֿלעגט זי נאָר אַרויסקוקן דורכן פֿענצטער און זינגען. איין מאָל, ווי זי קוקט אַזוי דורכן פֿענצטער, זעט זי, ווי עס קומען אָפֿן הויף דרײַ קליינע מענטשעלעך, הויקערלעך, און הייבן אָן צו מאַכן קונצן. זענען איר די קליינע קונצן־מאַכער אַזוי געפֿעלן געוואָרן, אַז זי האָט זיי אַרײַפֿגערופֿן צו זיך אין שטוב אַרײַן. ווען זיי זענען אַרויפֿגעקומען, האָט זי זיי געגעבן צו עסן און צו טרינקען און נאָך אַ פּאָר גראָשן דערצו. דערנאָך זאָגט זי צו זיי: „אַצינד מאַכטס קונצן!“ האָבן זיך די הויקערלעך געגעבן אַ שטעל אַוועק און האָבן געמאַכט דרײַ קאָזשלקעס, איינס נאָך דאָס אַנדערע, און דערנאָך האָבן זיי זיך געשטעלט אָפֿן קאָפּ מיט די פֿיס אַרויף, און דערנאָך האָבן זיי זיך געשטעלט אָף די אַקסלען איינס אָף ס׳אַנדערע

און אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער הייך, און נאָך אַזוינע פֿאַרשיידענע קונצן האָבן זיי געמאַכט. פּלוצים האָט דאָס ווײַבל דערהערט, עמעץ גייט אָף די שטיגן, האָט זי זיך דערשראָקן, ווײַל זי האָט געוווּסט, אַז דאָס איז איר מאַן, דער הויקער. האָט זי אָף דער גיך געכאַפּט די דרײַ הויקערלעך און האָט זיי פֿאַרשלאָסן אין שאַנק.

אַז דער מאַן איז אַרײַנגעקומען, האָט ער גאָרנישט באַמערקט, וואָס דאָ איז מיט אַ מינוט פֿריִער פֿאָרגעקומען. האָט ער זיך געוואַשן די הענט און זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש עסן מיטאָג. דערנאָך, אַז ער האָט אָפּגעגעסן און אָפּגעבענטשט, האָט ער זיך צוגעלייגט אַ ביסל שלאָפֿן אָף דער קאַנאַפּע און איז אַזוי אָפּגעשלאָפֿן אַ פּאָר שעה. דאָס ווײַבל איז אָבער דערווײַל אַרומגעלאָפֿן ווי משוגע, זי האָט פֿון זיך געריסן שטיקער און האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון, ווי אַזוי ווערט מען פּטור פֿון די הויקערלעך, וואָס ליגן פֿאַרשלאָסן אין שאַנק. „זאָל איך זיי אַרויסלאָזן? האָט זי זיך געטראַכט, איז אַ סכּנה: מײַן מאַן קען זיך נאָך אויפֿכאַפּן, און אַז ער וועט דערזען פֿרעמדע הויקערלעך בײַ זיך אין שטוב, וועט ער מיך גלײַך אַרויסטרײַבן. זאָל איך זיי ווידער האַלטן אין שאַנק, איז אַ רחמנות, זיי דאַרפֿן דאָך נעבעך גיין פֿאַרדינען אָף ברויט.“ און ווי זי טראַכט אַזוי, האָט זיך דער מאַן אויפֿגעהויבן און איז צוריק אַוועק אין בית־מדרש אַרײַן.

באַלד ווי דער הויקער איז אַוועק, איז דאָס ווײַבל צוגעלאָפֿן צום שאַנק, געגעבן אַ שליס אויף דאָס טירל און — אוי וויי! די דרײַ הויקערלעך זענען דערשטיקט אָף טויט! האָט זי זיך זייער דערשראָקן און האָט אָנגעהויבן צו שרײַען: „אוי וויי! וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען דאָ אָן צו טון? ווי ווערט מען פּטור פֿון די דרײַ מתים?“ זי איז אָבער געווען אַ קלוג ווײַבל, איז איר באַלד געקומען אין קאָפּ אַרײַן אַ קלוגער פּלאַן: זי האָט אַרויסגענומען אַ הויקערל פֿון שאַנק און האָט אים אַוועקגעזעצט בײַם טיש. דערנאָך האָט זי פֿון אַנטקעגן איבער אַרײַנגערופֿן דעם רוסישן

זעלנער, דעם דענעשטשיק, * וואָס האָט געדינט בײַם פּאָלקאָווניק, און אַז דער זעלנער איז אַרײַנגעקומען, זאָגט זי צו אים אַזוי: „דער הויקער, וואָס זיצט דאָ, איז אַרויפֿגעקומען צו מיר עסן פֿיש, האָט ער זיך דערשטיקט מיט אַביינדל בײַם עסן און איז געשטאָרבן. ווייסטו וואָס? כ׳וועל דיר געבן פֿופֿציק רובל און וואַרף אים אין ווײַסל אַרײַן.״ דער זעלנער האָט זיך דערפֿרייט מיט דעם שיינעם פֿאַרדינסטל, זאָגט ער: „כאַראַשאָ, ** איך נעם מיך אונטער! און ער כאַפּט דאָס הויקערל אָפּן אַקסל, טראָגט אים אַוועק צו דער ווײַסל און — באַץ, אין וואַסער אַרײַן!

דערווײַל האָט דאָס קלוגע ווײַבל אַרויסגענומען פֿון שאַנק דאָס צווייטע הויקערל און האָט אים אַוועקגעזעצט בײַם טיש, ווי צו ערשט. און אַז דער זעלנער איז צוריקגעקומען נאָך די פֿופֿציק רובל, זאָגט זי צו אים: „פֿאַר וואָס זאָל איך דיר געבן געלט, אַז דער הויקער איז נאָך דאָ?״ דער זעלנער קוקט זיך אַרום פֿאַרוווּנדערט: „וואָס, דאָס האָרבאַטשל *** איז צוריקגעקומען?״ און ער מאַכט אים אַ רוסישן מי־שבּרך, כאַפּט דאָס הויקערל אָפּן אַקסל, טראָגט אים אַוועק צו דער ווײַסל און — באַץ, אין וואַסער אַרײַן! דערווײַל האָט דאָס ווײַבל אַרויסגענומען פֿון שאַנק דאָס דריטע הויקערל און האָט אים אַוועקגעזעצט בײַם טיש ווי צו ערשט. און אַז דער זעלנער איז ווידער צוריקגעקומען נאָך די פֿופֿציק רובל, זאָגט זי צו אים: „פֿאַר וואָס זאָל איך דיר געבן געלט, אַז דער הויקער איז נאָך דאָ?״ דער זעלנער האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט פֿאַרוווּנדערט: „וואָס, דאָס האָרבאַטשל איז שוין ווידער צוריקגעקומען?״ און ער מאַכט דעם הויקערל אַ פּאָר גוטע רוסישע יופּקעס, לייגט אים אַרײַן אין אַ זאַק, טראָגט אים אַוועק צו דער ווײַסל און — באַץ, אין וואַסער אַרײַן! „איצט וועט ער שוין נישט צוריקקומען״, טראַכט זיך דער זעלנער, און ער גייט צום ווײַבל אָפּנעמען די פֿופֿציק רובל, וואָס ער האָט אַזוי שווער פֿאַרדינט.

---

* אַ זעלנער אַ באַדינער. ** גוט. *** דאָס הויקערל.

נאָר אַרויפֿגייענדיק אָף די שטיגן, טרעפֿט ער אָן אַ הויקער, בלײַבט ער שטיין פֿאַרוווּנדערט: „וואָס, ביסט שוין ווידער דאָ?" — „און ווער ביסטו דאָ?" פֿרעגט אים דער הויקער. אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט, און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו שלאָגן. דער זעלנער איז אָבער געווען שטאַרקער, האָט ער דערהרגעט דעם הויקער און האָט אים אַרײַנגעלייגט אין אַ זאַק, אַוועקגעטראָגן צו דער ווײַסל און האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין וואַסער אַרײַן.

„אַצינד וועט ער שוין זיכער נישט צוריקקומען"!, זאָגט דער זעלנער צום ווײַבל, ווען ער איז געקומען אָפּנעמען די פּופּציק רובל. „מיט וואָס ביסטו אַזוי זיכער?" פֿרעגט אים דאָס ווײַבל. פֿאַרציילט איר דער זעלנער, ווי אַזוי ער האָט אָף די שטיגן נאָך אַ מאָל אָנגעטראָפֿן דעם הויקער, האָט ער אים אַזוי צעהרגעט, אַז ער וועט שוין נאָך אַ מאָל נישט לעבעדיק ווערן, און ער האָט אים דערנאָך אַרײַנגעוואָרפֿן אין ווײַסל אַרײַן. אָבער ווי דאָס ווײַבל האָט דאָס דערהערט, האָט זי געמאַכט אַ גרויס געוואַלד: „מערדער! רוצח! האָסט דאָך דערהרגעט מײַן מאַן! געוואַלד! מענטשן! ער האָט דערהרגעט מײַן מאַן!"

ווי דער זעלנער האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן, האָט ער געכאַפּט די פּיס אָף די פּלייצעס און געמאַכט פּליטה — אָן די פּופּציק רובל.

30. די צען וויַבער

אַ מאָל האָבן זיך וויַבער צוזאַמענגענומען און האָבן באַשלאָסן, אַז זיי ווילן אויך האָבן אַ מנין און דאַווענען בציבור אַזוי ווי די מענער. האָבן זיי אַוועקגעשיקט אַ דעפּוטאַציע צום רבונו־של־עולם און געטענהט: „מאַנעסאַך, * פֿאַר וואָס זענען מיר ערגער ווי די מענער? פֿאַר וואָס זאָלן מיר נישט קענען דאַווענען בציבור?“ האָט דער רבונו־של־עולם זיי געענטפֿערט: „אויב איר וועט קענען אָפּציילן ביז צען, מעגט איר זיך מאַכן אַ מנין“.

איז די רביצין געלאָפֿן און האָט צוזאַמענגערופֿן צען פֿון די חשובֿסטע ייִדענעס פֿון דער שטאָט און האָט זיי אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, וואָס דער אייבערשטער האָט געזאָגט. האָט זי פֿאַררופֿן די צען ייִדענעס אין שול אַריַין, און אַז זיי זענען אַריַין אינעווייניק, האָט זי זיי אָנגעהויבן צו ציילן. האָט זי זיך אויך אַריַינגעציילט אין חשבון, איז שוין געווען עלעף. איז זי געגאַנגען און האָט איין ייִדענע אַרויסגעוואָרפֿן און האָט נאָך אַ מאָל זיי איבערגעציילט. דערוויַיל האָט זי זיך אַליין פֿאַרגעסן צו ציילן, איז שוין נאָר געווען ניַין. האָט זי צוריק אַריַינגערופֿן די ייִדענע, וואָס זי האָט אַרויסגעוואָרפֿן, און האָט נאָך אַ מאָל איבערגעציילט און האָט זיך ווידער אַריַינגעציילט, איז שוין ווידער געווען עלעף. האָט די רביצין געזען, אַז זי איז זיך אַלע מאָל טועה אין ציילן, האָט זי באַשלאָסן, אַז ס׳איז בעסער, מע זאָל אויסקנעטן לײמלעך און יעדער ייִדענע זאָל

* ממה־נפשך.

אַרײַנשטופּן דעם גראָבן פֿינגער אין דעם לײמל און מאַכן אַ לאָך. און דערנאָך װעט מען איבערצײלן די לעכער, װעט מען װיסן: װיפֿל לעכער, אַזױ פֿיל ייִדענעס זענען דאָ. איז אָבער צװישן זײ געװען אײן ייִדענע, װאָס האָט געשמעקט טאַביק, זי איז געװען אַ טאַביק־שמעקערין. האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי גײט טון אַ שמעק טאַביק, איז זי אַרײַן טיט בײדע פֿינגער אין לײמל און האָט געמאַכט צװײ לעכער. און אַז די רביצין איז געגאַנגען איבערצײלן די לעכער, האָט זי דערזען, אַז ס'איז װידער דאָ עלעף. האָט זי באַשלאָסן, אַזױ װי פֿינגער קען מען אַרײַנשטופּן צװײ און אַלע מאָל קען מען זיך טועה זײַן, איז זי געפֿאַלן אָף אַ נײַעם פּלאַן, מע זאָל פּרוּװן מיט די צונגען. װאָרעם אַזױ װי צונגען האָט יעדער אײנער נאָר אײנע, זאָל מען נאָך אַ מאָל איבערקנעטן די לײמלעך און יעדער ייִדענע זאָל מאַכן אַ לאָך מיט דער צונג אינעם לײמל. איז אָבער צװישן זײ געװען אײן ייִדענע, װאָס האָט געהאַט אַ לאַנגע נאָז, און אַז זי האָט זיך אָנגעבױגן אַרײַנצושטופּן די צונג אין לײמל צו מאַכן אַ לאָך, איז זי אַרײַן מיט דער נאָז און האָט געמאַכט צװײ לעכער: אײנע מיט דער צונג און אײנע מיט דער נאָז. און אַז די רביצין האָט גענומען איבערצײלן די לעכער, איז איר פֿינצטער געװאָרן אין די אױגן: װידער די זעלבע מעשׂה! זי האָט נישט געקאָנט נישט אַרױס און נישט אַרײַן און האָט נישט געװוּסט, װי אַזױ צו מאַכן אַ מנין. איז זי אַריבערגעלאָפֿן הענדום־פּענדום צום רבֿ פֿרעגן, װאָס זי זאָל טון. האָט ער געזאָגט: „װאָס זאָל איך טון, אַז ייִדענעס האָבן לאַנגע נעז און שטופּן זײ דאָרט, װוּ מע דאַרף נישט?“

און דער מוסר־השׂכּל דערפֿון איז: װײַבער, שטופּט נישט אײַערע נעז אין קײן מאַנסבילשע געשעפֿטן!

31. אַ מעשׂה פֿון אַ קלוגן גנבֿ

ס׳אַ מאָל געווען אַ גוטער ייִד, האָט ער נישט געהאַט קיין קינדער. איז איין מאָל אַזוי זיצנדיק, רופֿט זיך אָן ס׳ווײַב צו אים: „פֿאַר וואָס זאָלן מיר נישט האָבן קיין קינדער?“ זאָגט ער: „ס׳איז אויסגערופֿן געוואָרן אין הימל, אַז מיר זאָל׳מיר קיין קינדער נישט האָבן.“ ער איז געווען זייער אַ גרויסער למדן. רופֿט ער זיך אָן צום ווײַב: „ווייסטו וואָס? כ׳וועל אַרײַנקוקן אין אַ ספֿר און כ׳וועל זען, אַז מיר מעגן האָבן קינדער, וועל איך בעטן דעם אייבערשטן, אַז ער זאָל אונדז מוחל זײַן און אונדז באַשערן אַ קינד.“ בײַ נאַכט איז געגאַנגען דער רבי, האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש מיט אַ ספֿר און האָט אָנגעהויבן בעטן. איז אַראָפּגעקומען אַ מלאך פֿונעם הימל און געזאָגט צו אים: „גאָט האָט מיך אַראָפּגעשיקט כ׳זאָל דיך פֿרעגן, וואָס דו ווילסט: ווילסטו האָבן אַ מיידל, וועט זי זײַן אַ זונה, ווילסטו האָבן אַ ייִנגל, וועט ער זײַן אַ גנבֿ.“ האָט דער רבי געזאָגט: „איך וויל אַ ייִנגל“. האָט אים דער מלאך צוגעווינטשעוועט און האָט אים געזאָגט: „אַז דײַן ווײַב וועט איבערקומען און וועט האָבן אַ ייִנגל, און אַז ער וועט עלטער ווערן און צו וואָס ער וועט זיך נעמען, זאָל ער מצליח זײַן!“

איז אַוועקגעגאַן אַ שטיק צײַט, איז זי פֿאַרגאַנגען אין טראָגן און האָט געהאַט אַ ייִנגל, און ס׳איז געוואָרן פֿריילעך. דאָס ייִנגל איז אונטערגעוואַקסן און האָט אָנגעהויבן גיין אין שלעכטע וועגן אַרײַן. האָט דער רבי געזען, אַז ס׳איז אמת, וואָס דער מלאך האָט אים געזאָגט, האָט ער אָנגעהויבן וויינען פֿאַר אים, ער זאָל זײַן

אַ לײַט, ס׳איז נישט שײַן פֿאַר אַ רבינס אַ זון. האָט אים דאָס ייִנגל נישט געוואָלט הערן און רופֿט זיך אָן צו אים: „ווײסטו וואָס, טאַטע? גיב מיר געלט, און איך׳ל קויפֿן אַ פֿערד און איך׳ל מיר אַוועקפֿאָרן". איז געגאַנגען דער רבי און האָט געגעבן געלט און ער האָט זיך געקויפֿט אַ פֿערד און איז זיך אַוועקגעפֿאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. איז ער אַרײַנגעקומען אין שטאָט אַרײַן, געלט האָט ער געהאַט, איז ער פֿאַרפֿאָרן אין אַ גרויסן גאָסטיניִעץ* און האָט אָפּגעגעסן, זיך אָפּגעוואַשן און איז געגאַנגען שפּאַצירן. ווי אַזוי ער גייט אַזוי, זעט ער שטײן אַ גאַזשעטשיק.** גייט ער צו צו אים און רופֿט אים אַוועק אָן אַ זײַט און זאָגט: „נאַ דיר אַ האַלבן רובל און זאָג מיר, ווער ס׳איז דער עלטסטער גנבֿ דאָ". האָט ער אים געזאָגט. האָט ער גענומען אַ איזוואָשטשיק און איז צוגעפֿאָרן צו דעם גנבֿ און האָט זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אים. זאָגט דער גנבֿ: „אַז דו ביסט אַזאַ מין חבֿרה־מאַן, האָבן מיר פֿאַר דיר אַן אַרבעט: די נאַכט דאַרף מען באַגנבֿענען אַ גרויסן גבֿיר, ווײַסן מיר נישט, ווי אַזוי צו באַגנבֿענען, ווײַל ס׳געלט ליגט בײַ אים צו קאָפּנס". זאָגט ער: „גוט! איר וועט שטײן אין דרויסן, און איך׳ל אַרײַנגיין און כ׳וועל אײַך אַרויסברענגען ס׳געלט". בײַ נאַכט האָבן זײ זיך אָנגעטון, ס׳איז געווען זײער קאַלט אין דרויסן, און האָבן זיך געלאָזט גיין צו דער אַרבעט. זענען זײ צוגעקומען צום הויז, האָט ער זײ געהייסן אויסוואַרטן און ער האָט זיך אויפֿגעמאַכט ס׳פֿענצטער און איז אַרײַנגעקראָכן און איז צוגעגאַנגען צום בעט, האָט אַפּיר־גענומען ס׳געלט און האָט זיך געטראַכט: „וואָס דאַרף איך גיין צוריק דורכן פֿענצטער, אַז איך קען גיין דורך דער טיר", און האָט זיך געלאָזט גיין דורך דער טיר. אַזוי ווי ער לאָזט זיך אַרויסגיין, זעט ער, אָף דער וואַנט הענגט אַ פּיזשאַקל.*** איז עס אים זײער געפֿעלן געוואָרן, טראַכט ער, ער וועט עס מיטנעמען. האָט ער עס גענומען און איז אַרויסגעקומען אין דרויסן און האָט דעם עלטסטן

---

* האָטעל. ** צײַטונג־פֿאַרקויפֿער. *** מאַרינאַרקע, רעקל.

פון די גנבים איבערגעגעבן ס׳געלט. פרעגן זיי אים: „וואָס טראָגסטו דאָ אין די הענט?" זאָגט ער: „אַ פּיזשאַקל". האָבן זיי אים אָנגעקוקט, האָבן זיי געזען, ווי ס׳איז אַ שיין פּיזשאַקל און ס׳איז אָנגעגנייט גאָלדענע קנעפּ דעראָף, האָבן זיי עס געוואָלט צונעמען. רופט ער זיך אָן: „ווייסט איר וואָס? כ׳וועל אַריינגיין פרעגן דעם בעל-הבית פונעם פּיזשאַקל, צו ווען עס געהערט". רופט זיך אָן דער עלטסטער גנב: „ס׳איז גענוג, אַז דו האָסט געגנבעט, גייסטו נאָך פרעגן, צו וועמען עס געהערט?" רופט ער זיך אָן צו זיי: „האָט נישט מורא, איר הערט זיך נאָר אונטער, וואָס איך רעד מיטן בעל-הבית, וועט איר וויסן, ביי וועמען ס׳באַדאַרף בלייבן ס׳פּיזשאַקל". זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט בייַם פענצטער, און ער איז אַריינגעגאַנגען און איז צוגעגאַנגען צום בעט און האָט אויפגעוועקט דעם בעל-הבית און רופט זיך אָן צו אים: „איך וויל דיך עפּעס פרעגן, נאָר הער זיך איַין, וואָס איך דערצייל דיר, זאָלסט מיר וויסן וואָס צו ענטפערן. הער זשע! ס׳איז געגאַנגען צוויי טאָוואַרישטשעס* און האָבן געפונען אַ פּיזשאַקל מיט גאָלדענע קנעפּ, האָט איינער עס דערזען און איינער האָט עס גענומען. צו וועמען געהערט עס?" רופט זיך אָן דער בעל-הבית: „צו דעם וואָס האָט עס גענומען". האָט ער אים געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט!" און איז אַרויסגעגאַנגען צו די גנבים. האָט ער זיי געפרעגט, צי זיי האָבן געהערט. האָבן זיי געענטפערט: „יאָ, מיר האָבן געהערט". האָט זיך דער עלטסטער גנב אָנגערופן: „וואָס ווילסטו פאַר דער אַרבעט?" רופט ער זיך אָן: „גיט מיר אָף הוצאות, און איכ׳ל מיר אַוועקפאָרן". האָבן זיי זיך צעלאַכט און זיי האָבן אים געגעבן אָף הוצאות, און ער איז זיך אַוועקגעפאָרן.

איז ער אַריינגעקומען אין אַן אַנדער שטאָט אַריַין און האָט זיך אָנגעפרעגט, ווו ס׳איז דאָ אַ גרויסע באַנדע גנבים, האָט מען אים אָנגעוויזן. איז ער צוגעפאָרן צו זיי און האָט זיך פאָרגעשטעלט

* חברים.

פֿאַר זיי און האָט געפֿרעגט, צי זיי האָבן עפּעס אַרבעט פֿאַר אים. האָבן זיי געענטפֿערט: „יאָ, מיר האָבן אַרבעט, מיר דאַרפֿן באַגנבֿענען דעם קייסערס צאַרסקע דוואָרעץ.* האָבן מיר נישט מורא פֿאַרן צאַרסקע דוואָרעץ, נאָר מיר האָבן מורא פֿאַר די חיות און די הינט און די סאָלדאַטן וואָס שטייען אַרום דעם צאַרסקע דוואָרעץ." האָט ער זיי געענטפֿערט: „איר דאַרפֿט נישט מורא האָבן, לאָזט עס איבער צו מיר. איר שטעלט זיך אַוועק אַנקעגן צאַרסקע דוואָרעץ און קוקט זיך צו, ווי אַזוי איך אַרבעט."

בײַ נאַכט איז ער אַוועקגעגאַנגען צו אַ בעקער און האָט גע־נומען אַ זאַק הייסע ברויט און איז צוגעפֿאָרן צום מאָנאָפּאָל און האָט גענומען אַ פֿלאַש ספּירט און האָט עס אַלץ אַוועקגעלייגט אױף אַ וואָגן. אין דרויסן איז געווען שטאַרק קאַלט, אַזש ס'האָט גע־ברענט. האָט ער אָנגענומען ס'פֿערד בײַ דער צוים און איז צו־געקומען אַנקעגן צאַרסקע דוואָרעץ און האָט אָנגעהויבן קלאַפּן איין האַנט אָן דער צווייטער זיך צו דערוואַרעמען. זענען די סאָלדאַטן צוגעקומען צו אים, און מע האָט אים געפֿרעגט: „וואָס האָסטו דאָ אין וואָגן?" זאָגט ער: „כ'האָב בראַנפֿן". האָט ער זיי געגעבן צו טרינקען און האָט זיי פֿאַרשיכּורט, און זיי האָבן זיך אַוועקגעלייגט שלאָפֿן. אַז ער האָט געזען, ווי זיי שלאָפֿן שוין, האָט ער גענומען הייסע שטיקער ברויט און האָט באַגאָסן מיט ספּירט און געוואָרפֿן פֿאַר די חיות און די הינט. און אַז ער האָט געזען, ווי אַלץ איז שוין שטיל, איז ער אַרויפֿגעקראָכן אָפֿן דאַך און אַרײַן דורכן קוימען און האָט אַרויסגענומען פֿונעם צאַרסקע דוואָרעץ אַלעס וואָס איז דאָרט געווען און האָט עס געבראַכט צו די גנבֿים. אַז זיי האָבן דאָס דערזען, זענען זיי שטאַרק דערשראָקן געוואָרן און רופֿן זיך אָן צו אים: „גוטער ברודער, אַז דו ביסט יאָ אַזאַ מין חבֿרה־מאַן, קענסטו מיט אונדז נישט זײַן!" זאָגט ער צו זיי: „איך וויל בײַ אײַך גאָרנישט, נאָר טאָמער וועט איר האָבן עפּעס אַזאַ מין אַרבעט און איר וועט

---

* קייזערלעכער פּאַלאַץ.

נישט קענען, טאָ רופֿט מיך." און ער איז זיך אַוועקגעגאַנגען פֿון זיי.

אָפֿן צווייטן טאָג שטייט אויף דער קייסער און לאָזט זיך גיין צום צאַרסקע דוואָרעץ. זעט ער, ווי אַלץ איז שטיל און קיינער פֿון די סאָלדאַטן רירט זיך נישט. איז ער שטאַרק איבערגעראַשט געוואָרן און איז אַרײַן אין צאַרסקע דוואָרעץ. האָט ער געזען, ווי גאָרנישט איז צעבראָכן, יעדער זאַך איז פֿאַרמאַכט, נאָר ס'גאַנצע גאָלד מיטן זילבער פֿעלט אים. איז געוואָרן אַ רעש: „דעם קייסערס צאַרסקע דוואָרעץ האָט מען באַגנבֿעט!" און דער קייסער האָט זיך געטראַכט, ער מוז כאַפּן דעם גנבֿ. האָט ער גענומען אַ פּעסל מיט בערליאַנטן און האָט עס אַרײַנגעשטעלט אין צאַרסקע דוואָרעץ און האָט אַרויסגעקלעפּט אַ צעטל, אַז ווער ס'וועט אים דאָס אַרויסגנבֿענען און וועט נישט אָנטון קיין שום אַנדער שאָדן אין צאַרסקע דוואָרעץ, דעם וועט ער נישט טשעפּען און ער וועט וויסן, אַז ער איז אַ קלוגער גנבֿ. דער חבֿרה־מאַן האָט עס דערהערט, האָט ער זיך געטראַכט, ער'ט גיין, און האָט זיך געלאָזט צו גיין צום צאַרסקע דוואָרעץ, איז אומעטום געווען פֿאַרמאַכט. האָט ער זיך באַטראַכט און איז אַרויפֿגעקראָכן אָפֿן בוידעם, איז צוגעגאַנגען צו דער מיט און האָט אויפֿגעדרייט די שרויף פֿונעם לאָמפּ וואָס איז געווען צוגעשרויפֿט צו דער סטעליע, האָט צוגעבונדן דעם לאָמפּ מיט אַ שטריק און האָט'ן אַראָפּגעלאָזט אינעווייניק אַף דר'ערד, דערנאָך האָט ער אַרײַנגעשטעקט אַ גרויסן זאַנטיק* דורכן סטעליע, האָט אים אויפֿגעמאַכט און האָט פּאַמעלעך אַרויסגענומען די ציגל און אַרײַנגעלייגט אין זאַנטיק. אַז ער האָט שוין געמאַכט אַ גרויסן לאָך, איז ער אַרײַנגעקראָכן אינעווייניק, האָט אַרויסגענומען ס'פּעסל מיט די בערליאַנטן און האָט צוריק פֿאַרבויעט מיט די ציגל און פֿאַרשמירט, מע זאָל נישט דערקענען: דערנאָך האָט ער אַרויפֿגעצויגן דעם לאָמפּ צוריק צו דער סטעליע, האָט אים פֿאַרשרויפֿט און איז זיך אַהיימגעגאַנגען.

* שירעם.

דער קייסער קומט אַרײַן אָפֿן צווייטן טאָג, זעט ער, ווי ס'איז גוט באַאַרבעט געוואָרן: ס'פּעסל בערליאַנטן איז נישטאָ, אָבער קיין שום אַנדער שאָדן איז נישט אָנגעטון געוואָרן. טראַכט ער זיך, ער מוז נאָך באַקלערן: אפשר וועט ער כאַפּן דעם גנבֿ. האָט ער געמאַכט אַ גרויסן באַל, האָט אויפֿגעשפּרייט צווײ גרויסע קילעמעס* אָף דער ערד און אָנגעשיט מיט גאָלדענע רענדלעך. דער חבֿרה־מאַן האָט פֿון דערפֿון געוווּסט, האָט ער זיך אָנגעשמירט די פּאָדעשוועס פֿון זײַנע שיך מיט סמאָלע און האָט זיך געלאָזט אַרײַנגיין צום קייסער, און מיטן גאַנג האָט זיך אָנגעקלעפּט אַ סך רענדלעך אָן זײַנע שיך, און אַזוי האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און האָט גוט פֿאַרבראַכט. און אַז ס'איז געוואָרן שפּעט, האָט דער קייסער געגעבן אַ באַפֿעל, אַז אַלע זאָלן דאָ בלײַבן שלאָפֿן. איז אים געוואָרן קיל אין פּופּיק, נאָר וואָס זאָל ער טון? ער מוז אויך בלײַבן. בײַ נאַכט, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפֿן, איז דער קייסער אַרײַנגעקומען און האָט געפֿונען אָף זײַנע שיך רענדלעך, האָט ער אַראָפּגענומען די רענדלעך און האָט אָפּגעשניטן די נאָסקע פֿון זײַן רעכטן שוך און איז זיך אַוועקגעגאַנגען. דער חבֿרה־מאַן האָט דאָס אָבער אײַנגעזען, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און גענומען אַ מעסערל און האָט בײַ אַלע געסט אָפּגעשניטן די רעכטע נאָסקעס פֿון די שיך. אין דער פֿרי שטייט מען אויף, מע עסט אָפּ און מע לאָזט זיך אַהיימגיין. האָט זיך דער קייסער אַוועק־געשטעלט בײַ דער טיר, ער זאָל זען, בײַ וועמען ס'איז אָפּגעשניטן אַ נאָסקע, וועט ער וויסן, אַז דאָס איז דער גנבֿ. ער גיט אָבער אַ קוק, זעט ער, ווי בײַ יעדן איינעם איז אָפּגעשניטן די רעכטע נאָסקעס. ווייסט ער נישט, צו וועמען ער זאָל זיך טשעפּען.

ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַכט טאָג, מאַכט ער נאָך אַ מאָל אַ באַל און קלעפּט אַרויס אַ צעטל, אַז ווער ס'וועט זיך לאָזן אַרײַנגיין צו זײַן טאָכטער און וועט נישט מורא האָבן, דעם גיט ער וואָס

---

* אַזעלכע טעפּעכער.

ער וויל נאָר. דער חבֿרה־מאַן האָט דערהערט, האָט ער זיך באַ־טראַכט, ער וועט גיין. דערווײַל האָט דער קייסער גענומען און האָט אויסגעגראָבן אַ טיפֿן גרוב און האָט אים באַדעקט, אַז מע זאָל נישט דערקענען. און דער טאָכטער האָט ער געגעבן אַ פֿלעשעלע מיט פֿאַרב און האָט איר אָנגעזאָגט, אַזוי ווי דער גנבֿ וועט נאָר אַרײַנקומען, זאָל זי אים באַשפּריצן דאָס פּנים מיטן פֿאַרב, וועט מען אים דערקענען. דער חבֿרה־מאַן האָט אָבער דערפֿון נישט געוווּסט, איז ער געקומען צום באַל מיט אַלע געסט, מ׳איז געזעסן און מ׳אָט גוט פֿאַרבראַכט. דערווײַל האָט ער דערזען פֿון דער ווײַטנס, אַז ס׳איז דאָ אַ גרוב און ס׳איז באַשפּרייט מיט עפּעס, אַז מע זאָל נישט דערקענען. האָט ער גענומען אַ טישל און האָט עס אויפֿגעהויבן מיט איין האַנט און האָט זיך אָנגערופֿן: „ווער וועט זיך מיט מיר אין וואָס מע וויל, אַז כ׳וועל אַ וואָרף טון ס׳טישל ביז יענער וואַנט?“ קיינער האָט זיך נישט געוואָלט וועטן, האָט ער אַליין געגעבן אַ וואָרף ס׳טישל, איז עס געפֿאַלן אָף יענעם אָרט. האָט זיך עס פֿאַרטשעפּעט בײַ דער טיר און איז געבליבן הענגען. בײַ נאַכט, ווען מ׳איז שוין געשלאָפֿן, האָט ער אַרויפֿגעשפּרונגען אָפֿן טישל, האָט זיך אויפֿגעמאַכט די טיר און האָט זיך געלאָזט צו גיין צום קייסערס טאָכטער. האָט זי געגעבן אַ כאַפּ ס׳פֿלעשעלע מיטן פֿאַרב און האָט׳ן באַשפּריצט ס׳פּנים. אַז ער האָט דאָס דערזען, האָט ער אַרויסגעריסן בײַ איר ס׳פֿלעשעלע און האָט יעדן איינעם פֿון די געסט באַשפּריצט די פּנימער און האָט זיך געלייגט שלאָפֿן, אין דער פֿרי שטייט אויף דער קייסער און גייט אַרײַן צו די געסט. זעט ער, ווי אַלע זענען באַשפּריצט מיטן פֿאַרב, ווייסט ער נישט, צו וועמען ער זאָל זיך טשעפּען. לאָזט ער זיי ווײַטער אָפּ אַהיים.

ס׳איז אַוועקגעגאַן אַ שטיקל צײַט, האָט דער קייסער געזען, אַז כאַפּן דעם גנבֿ קען ער נישט, טראַכט ער זיך, ער וועט אים פֿאַרבעטן צו זיך. האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ באַפֿעל און האָט זיך אונטערגעשריבן, אַז ער וויל זען דעם חבֿרה־מאַן און וויל אַליין מיט אים רעדן, ער וויל אים נישט טון קיין שלעכטס, נאָר גוטס.

איז דער חבֿרה־מאַן געגאַנגען און האָט זיך שיין פֿאַרפוצט און איז צוגעפֿאָרן צום קייסער. קומט ער אַרײַן און רופֿט זיך אָן צום קייסער: „אַדוני קיניג, אָט דאָס בין איך דער חבֿרה־מאַן, וואָס דו האָסט מיך געשיקט רופֿן". זאָגט דער קייסער: „אַז עס איז יאָ אַזוי, וואַרט צו אַ פּאָר מינוט". האָט זיך דער חבֿרה־מאַן דערשראָקן, געבליבן זיצן אַ טויטער. דער קייסער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט זיך אָ׳געזאַמט אַ האַלבע שעה און איז צוריק אַרײַנגעקומען מיט צוויי גרויסע אַדוואָקאַטן און מיט דער טאָכטער. האָט דער קייסער איבערגעשריבן זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן אָף דעם חבֿרה־מאַן, אָף דעם גוטן ייִדס זון, און האָט אים חתונה געמאַכט מיט זײַן טאָכטער.

דערנאָך, אַז דער קייסער איז געשטאָרבן, איז ער פֿאַרבליבן אָף זײַן פּלאַץ און ער האָט מצליח געווען, ווי דער מלאך האָט אים צוגעווינטשעוועט, און ס׳איז אים גאַנץ גוט.

32. אַ מעשׂה פֿון אַ פּריץ מיט אַ גלח

ס׳איז געווען אַ פּריץ, האָט ער געהאַט אַ סך גיטער, פֿעלדער, וועלדער, דערפֿער און, ווי דער שטייגער איז, איז אין יעדן דאָרף געווען אַ קרעטשמע און אין יעדער קרעטשמע – אַ ייִד. אָבער אין דעם דאָרף וואָס דער פּריץ האָט געוווינט זענען געווען צוויי ייִדן, איינער אַ קרעטשמער און דער צווייטער אַ מעקלער. דער ייִד דער מעקלער פֿלעגט זיך אַרומדרייען בײַם פּריץ אין הויף און אים אויסמעקלערן אַלצדינג וואָס ער האָט געדאַרפֿט. האָט דער פּריץ באַדאַרפֿט עפּעס קויפֿן אָדער פֿאַרקויפֿן, האָט ער זיך אָן דעם ייִדן נישט גערירט פֿון אָרט: ער איז געווען זײַן גאַנצער בעל־יועץ.

אין דעם זעלביקן דאָרף האָט אויך געוווינט אַ גלח און, ווי דער שטייגער איז, האָט דער גלח נישט זייער שטאַרק ליב געהאַט דעם ייִדן, ער האָט געברענט פֿון שׂינאה אָף דעם מעקלער וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט בײַם פּריץ אין הויף. אַז דער פּריץ האָט זיך דאָס דערוווּסט, האָט ער דערפֿאַר אויפֿגעהערט גיין אין קלויסטער אַרײַן, אַפֿילו צום איספּאָוועד * אָף פּסח איז ער נישט געקומען. איז דאָס דעם גלח געוואָרן קשה, אָבער פֿרעגן בײַם פּריץ האָט ער מורא געהאַט. נאָר איין מאָל, ווען דער אַרכיריי ** איז געקומען צו פֿאָרן זען, וואָס בײַ אים אין קלויסטער טוט זיך, האָט אים דער גלח געזאָגט, אַז קיין טענות צו גויִים האָט ער נישט, מען גייט אין קלויסטער און מע ווערט פֿרימער און פֿרימער. די צרה איז

* זיך מתוודה זײַן אין די זינד. ** אַ העכערער גײַסטלעכער.

נאָר מיטן פּריץ, ער איז דער איינציקער וואָס קומט נישט אַ גאַנץ יאָר אין קלויסטער, ער איז אַפילו אָף פּאַסכאַ נישט געקומען זיך מתוודה זײַן. דער אַרכירייי האָט זיך פֿאַרקלערט און געזאָגט: „כ׳וועל פֿרעגן דעם פּריץ, פֿאַר וואָס ער קומט נישט אין קלויסטער אַרײַן״. און איז אַוועק צום פּריץ. געקומען צום פּריץ, האָט ער זיך זייער דערפֿרייט מיט אים און האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין דעם שענסטן זאַל, אַוועקגעזעצט אָפֿן טײַערן פֿאָטערשטול וואָס ער האָט געהאַט בירושה פֿון זײַנע עלטער־עלטער־זיידעס און, ווי געוויינטלעך, האָט דער פּריץ צו ערשט געוואָלט הערן, וואָס הערט זיך אין די גרויסע שטעט, וואָס הערט זיך עפּעס אין פּאָליטיקע. און דער אַרכירייי האָט שוין אַזוי גערדרייט און גערדרייט, ביז ער איז אַרויפֿגעקומען אָפֿן גלויבן. ער האָט אים דערציילט, ווי פֿון קליינע דערפֿער ווערן גרויסע, מע בויעט קלויסטערס און די מענטשן ווערן אַלץ פֿרימער און פֿרימער, און מיט אַ מאָל גיט ער אים אַ פֿרעג: „ווי האַלט עפּעס מיט דיר? פֿאַרשטאַרקט זיך עפּעס דײַן קריסטלעך גלויבן? גייסטו אין קלויסטער?״. דער פּריץ האָט אָף אַ מינוט זיך פֿאַר־קלערט און געענטפֿערט: „דאָס גלויבן ווי דאָס גלויבן, נאָר אין קלויסטער גיי איך נישט״. פֿרעגט אים דער אַרכירייי: „פֿאַר וואָס? קען איך וויסן פֿאַר וואָס?״. „ווײַל דער גלח איז אַ נאַר, האָט דער פּריץ געענטפֿערט, און איכ׳ל דיר באַווײַזן, אַז אַפילו דער אָרעמער מאָשקע וואָס דרייט זיך אַרום בײַ מיר אין הויף, כאָטש ער איז נישט אַזאַ געלערנטער ווי דער גלח, איז אַ סך קליגער פֿון אים״. איז דער אַרכירייי געוואָרן איבעראַשט און האָט געזאָגט: „ווי אַזוי קענסטו מיר דאָס באַווײַזן?״. האָט דער פּריץ געענטפֿערט: „כ׳וועל עס דיר באַווײַזן. לאָמיר שטעלן דעם גלח דרײַ פֿראַגעס; אויב ער וועט זיי פֿאַרענטפֿערן, גיב איך אַ נדר, אַז איכ׳ל מאַכן אַ נײַעם דאַך אָף דער אַלטער קאַפּליצקע,* און אַלע טאָג וועל איך גיין אין קלויסטער און כ׳וועל ווערן גוט און פֿרום. נאָר אויב דער גלח

---

* קליין קלויסטערל.

וועט די פראַגעס נישט פאַרענטפערן, זאָלסטו אים פון דאַנען צו־נעמען." האָט דער אַרכירייַ געזאָגט: „גוט! לאָמיר אויסקלערן די פראַגעס". און זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט קלערן. דער ערשטער האָט אויסגעקלערט דער פריץ און ער האָט געזאָגט: „אַזוי ווי איך וויל אים אויספרווון, וויל איך אים די פראַגעס שטעלן". און מע האָט גלייַך געשיקט נאָכן גלח.

ווען דער גלח איז געקומען, איז שוין געווען שטאַרק פינצטער, זענען זיי אַלע דרייַ אַרויס אין דרויסן אָפן פאַראַדנעם קרילעץ, * און דער אַרכירייַ האָט דערציילט דעם גלח, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך און צי ער נעמט זיך אונטער צו ענטפערן אָף די דרייַ פראַגעס וואָס דער פריץ וועט אים שטעלן. האָט דער גלח געזאָגט: „יאָ", און דער פריץ האָט גענומען פרעגן: „די ערשטע פראַגע איז: וויפל שטערן איז דאָ אין הימל? די צווייטע: ווו איז די מיט פון דער וועלט? און די דריטע פראַגע איז: וואָס טראַכט זיך דער פריץ אין האַרצן?" דער גלח האָט אויסגעהערט די דרייַ פראַגעס, האָט זיך פאַרקלערט און געזאָגט: „גוט. גיב מיר דרייַ טעג צייַט, וועל איך דיר געבן אַן ענטפער אָף דייַנע פראַגעס." האָט דער פריץ מסכים געווען. האָט זיך דער גלח מיט אַלעמען געזעגנט און איז אַוועק אַהיים. געקומען אַהיים צו זייַנע בני־בית, האָט ער זיי דער־ציילט פונעם גאַנצן אומגליק און זיי געבעטן, זיי זאָלן אים העלפן אויסקלערן די ענטפערס, אויב נישט איז ער אַ פאַרפאַלענער. האָבן זיי אַ גאַנצע נאַכט געקלערט און געקלערט און גאָרנישט אויס־געקלערט. דער פריץ מיטן אַרכירייַ ווידער זענען געווען צופרידן פונעם גאַנצן עסק און לכּבֿוד דעם האָט מען געמאַכט אַ שטאַרקן לחיים, אָפּגעגעסן אַ געשמאַקע וועטשערע און אַוועק שלאָפן.

אָפן צווייטן טאָג האָט דער גלח נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין קלערן, אין איין אַרומגיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ פון וואַנט צו וואַנט אין דער לענג און אין דער ברייט פון זייַן חדר. געקלערט

---

* אַרייַנגאַנג.

און געקלערט און דערוויַיל גאַרנישט אויסגעקלערט. דער ייִד ווידער, דער מעקלער, האָט זיך דערוווּסט פֿון דעם אַלעמען וואָס ס'האָט זיך פֿאַרלאָפֿן בײַם פּריץ מ'טן גלח. און ער האָט געוווּסט, אַז סוף־כּל־סוף וועט דער גלח מוזן קומען צו אים נאָך אַן עצה. און אַזוי ווי דער גלח איז געווען אַ שונא־ישׂראל, האָט דער ייִד אים געוואָלט אָפּטון אַ שפּיצל. האָט ער גענומען אַ גרויסן קאָשיק און אַרײַנגעלייגט הונדערט אייער און האָט עס אַרײַנגעשטעלט אין אַ קליין קעמערל. ער האָט זיך דערמיט צוגעגרייט, אַז צום דריטן טאָג, פֿאַר נאַכט, ווען דער גלח וועט מוזן צו אים קומען פֿרעגן אַן ענטפֿער אָף די דרײַ פֿראַגעס, זאָל ער אים טרעפֿן זיצן אָף די אייער. און אַזוי איז טאַקע געווען: אָפֿן דריטן טאָג פֿאַר נאַכט זעט זײַן ווײַב, ווי דער גלח גנבֿעט זיך מיט אַ הינטערוועג דורכן גאָרטן צו אים אין שטוב אַרײַן. האָט ער אָף שנעל זיך אויסגעטון, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, און זיך אַרײַנגעזעצט אינעם קאָשיק אָף די אייער. דערוויַיל האָט דער גלח אָנגעקלאַפּט אין דער הינטערטיר, אַ דערשראָקענער, און געפֿרעגט בײַ דער ייִדענע, ווו איר מאַן איז. האָט זי אים צוגעפֿירט צום טיר פֿון קעמערל, אויפֿגעעפֿנט און געזאָגט: „אָט איז ער". איז דער גלח געבליבן שטיין אַ פֿאַרגאַפֿטער און געזאָגט: „גאָט איז מיט דיר, משה, וואָס טוסטו?" — „וואָס הייסט, וואָס איך טו? דאָס איז דאָך מײַן פּרנסה: איך וואַרעם אויס די אייער". דער גלח האָט נישט פֿאַרשטאַנען, און דער ייִד האָט אים גענומען דערקלערן: „מה־דאָך אַ קוואָטשקע איז ביכולת אויסצוּוואַרעמען אַ פֿופֿצן־זעכצן הינדעלעך, מכּל־שכּן אַ מענטש וואָס ווייסט, ווי אַזוי אָפּצוהיטן די אייער, אַז זיי זאָלן נישט פֿאַרקילט ווערן, קען ער דאָך אַוודאי אויסוואַרעמען הונדערט אין אַ משך פֿון צוויי וואָכן. פֿאַרקויף איך די הונדערט הינדעלעך אָפֿן יריד און נעם אָפּ פֿאַר זיי הונדערט פֿערטעלעך." דער גלח האָט דאָס אויסגעהערט און געזאָגט: „הער אויס, משה, כ'בין געקומען צו דיר איצט מיט אַ זאַך וואָס דו מוזסט מיר אויסהעלפֿן, איך בין דיר גרייט צו געבן הונדערט רובל דערפֿאַר, אָבער ס'זאָל

בלײַבן אַ סוד". —„הונדערט רובל פֿאַר אַ סוד? מיט פֿאַרגעניגן! זאָג, טאַטעלע, וואָס?" און דער גלח האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשׂה. אויסגעהערט די מעשׂה, האָט זיך דער ייִד פֿאַרקלערט און געזאָגט: „הער אויס, טאַטעלע. ענטפֿערס אָף די דרײַ פֿראַגעס האָב איך. כ'האָב אָבער מורא, אַז ווען איך וועל זיי דיר זאָגן און דו וועסט זיי דאָרט ענטפֿערן און חס־ושלום מע וועט דיר געבן אַ פֿרעג, פֿאַר וואָס עפּעס אַזעלכע ענטפֿערס, וועסטו דאָך שוין נישט וויסן, וואָס צו ענטפֿערן און מע וועט גלײַך דערקענען, אַז דאָס האָט מען דיך אויסגעלערנט, דעריבער איז מײַן עצה, אַז איך זאָל גיין אָף דײַן אָרט. דו זאָלסט מיר געבן דײַנע גלחישע קליידער, איכ'ל מיר צוקעמען מײַן באָרד, און אַזוי ווי די ענטפֿערס מוזן אַלע אויסגעגעבן ווערן אין דרויסן און בײַ נאַכט, ווײַל איך מוז דאָך ציילן די שטערן, וואָלט איך וועלן אָבער איין זאַך: אַזוי ווי איך האָב נאָך איין טאָג צו זיצן אָף די אייער, ביז ס'וועט זיך אויספּיקן די הינדעלעך, און פֿאַרלאָזן דעם קאָשיק אָף איין מינוט קען איך נישט, ווײַל ס'וועט זײַן אַ צער־בעלי־חיים, זאָלסטו זיך אַרײַנזעצן אין קאָשיק פּאָקאָל* וואַנען כ'וועל צוריקקומען." דער גלח האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, האָט ער זיך אויסגעטון. דער ייִד האָט אַרויסגעשטעלט איין פֿוס און דער גלח האָט אַרײַנגעשטעלט דעם צווייטן, און אַזוי איז דער גלח געבליבן זיצן אָף די אייער. דער ייִד ווידער האָט זיך אָנגעטון אין די גלחישע קליידער, גענומען דעם גרויסן גלחישן שטעקן אין דער האַנט און איז אַוועק צום פּריץ.

דער פּריץ מיטן אַרכירייִ זענען שוין געזעסן אָפֿן קרילעץ און געוואַרט אָף די ענטפֿערס. אין דער פֿינצטער האָבן זיי געזען, ווי דער גלח קומט, האָבן זיי זיך אויפֿגעשטעלט און זיך געלאָזט גיין פֿון די טרעפּ אַראָפּ קעגן גלח. האָט ער זיי באַגעגנט מיט אַ ברייטן „גוטן אָוונט!" און געזאָגט, אַז ער האָט שוין אַלע דרײַ ענטפֿערס. און דער פּריץ האָט אים געפֿרעגט: „זאָגט, פּאָטערל,

* ביז.

וויפֿל שטערן איז דאָ אין הימל?". האָט דער גלח אַ קוק געטון אָפֿן הימל און געזאָגט: „פֿינף מיליאָן פֿיר הונדערט אַכט און זיבעציק טויזנט פֿיר הונדערט נײַן און דרײַסיק"! — „פֿון וואַנען ווייסטו"?, האָט דער פּריץ געפֿרעגט. „ווילסט נישט גלייבן? ציי״ל איבער!", האָט אים דער גלח געענטפֿערט. „טאָ זאָג זשע מיר, איך בעט דיך, ווו איז די מיט פֿון דער וועלט?", האָט אים דער פּריץ ווידער געפֿרעגט. דער גלח האָט אַ שפּאַן געטון דרײַ שפּאַן צו מיזרח, דרײַ שפּאַן צו מערבֿ, דרײַ צו צפֿון און דרײַ צו דרום, און דערנאָך האָט ער גענומען זײַן גרויסן גלחישן שטעקן, אַ דריי געטון אַ רעדל אָף דער ערד, אַרײַנגעשטעקט דעם שטעקן, אין מיט און געזאָגט: „אָט דאָ איז די מיט פֿון דער וועלט!". דער פּריץ האָט דערפֿילט, אַז ער איז אַ פֿאַרלוירענער. ער האָט אָבער גערעכנט, אַז די דריטע פֿראַגע וועט ער נישט טרעפֿן, האָט ער זיך אָנגענומען מיט כּוח און אַ זאָג געטון: „נו, זאָג מיר, וואָס טראַכט איך איצט אין האַרצן?". האָט דער גלח קיין סך נישט גע־קלערט און אַ זאָג געטון: „דו טראַכטסט געוויס, אַז איך בין דער גלח, צום סוף בין איך גאָר דער ייִד מאָשקע!". דער פּריץ מיטן אַרכיריי זענען געבליבן שטיין פֿאַרגאַפֿט און האָבן נישט געוווּסט, וואָס צו זאָגן, און ווען זיי זענען צו זיך געקומען, האָט אים דער פּריץ אַ פֿרעג געטון: „און ווו איז דער גלח?". זאָגט דער ייִד: „קומט, וועל איך אײַך ווײַזן". זענען זיי אַלע אַוועק צום ייִדן אין שטוב אַרײַן, זיך אונטערגעגנבֿעט צו דער טיר פֿון קעמערל און זיי האָבן געגעבן אַ פּראַל אויף דאָס טירל. און ווען דער גלח האָט זיי אַלעמען דערזען, האָט ער פֿאַר שרעק זיך געגעבן אַ זעץ אַרײַן אין די אייער, אַז זיי זענען אַלע צעבראָכן געוואָרן, און ער איז אויס־געשמירט געוואָרן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. מע האָט באַדאַרפֿט האָבן צוויי קוליעס שטרוי, מע זאָל דעם גלח אַרומרײַבן, אָבער מע האָט אים אַלץ נישט געקענט אַרומרײַבן.

דערפֿאַר איז ביז הײַנטיקן טאָג געבליבן אַ מינהג, אַז ווען מע באַגעגנט אַ גלח, וואַרפֿט מען אים נאָך עטלעכע שטרוי.

33. אַ מעשׂה פֿון אַ ייִדישן סאָלדאַט

ס'איז אַ מאָל געווען אַ קייסער, האָט בײַ אים געדינט אַ ייִדישער סאָלדאַט. ער איז געווען אַ דענשטשיק בײַ אים, און דער קייסער האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון אים. פֿלעגט עס די גויִשע סאָלדאַטן פֿאַרדריסן, פֿאַר וואָס אַ ייִד זאָל זײַן בײַם קייסער אַ דענשטשיק. פֿלעגן זיי נישט אויספֿאָלגן די באַפֿעלן פֿון זייערע אָפֿיצערן, נישט וועלן גיין אָף מאַנעוורעס און נאָך אַזוינע זאַכן. האָבן די אָפֿיצערן באַפֿוילן צום קייסער, אַז די סאָלדאַטן בונטעווען זיך פֿאַר דעם און פֿאַר דעם, וואָס דער ייִדישער סאָלדאַט איז בײַ דיר אַ דענשטשיק. אַז דער קייסער האָט דאָס דערהערט, האָט ער באַפֿוילן, אַז ער וועט אויספּרוּוון, ווער ס'איז אים גיכער געטרײַ, אַ ייִד צי אַ גוי, און ער האָט זיך געהייסן אַרײַנשיקן צען גויִשע סאָלדאַטן און האָט זיך אויך געהייסן אַרײַנרופֿן דעם ייִדישן סאָלדאַט. זענען זיי אַלע אַרײַנגעקומען און האָבן זיך אויסגעשטעלט פֿאַרן קייזער. האָט זיך דער קייסער אָנגערופֿן צו זיי, צו די צען גויִשע סאָלדאַטן: „נאַט אײַך צען טויזנט רובל און פֿאָרט אַוועק און קויפֿט מיר אײַן אַלץ וואָס מען דאַרף האָבן אָף אַ באַל". האָבן זיי גענומען די צען טויזנט רובל און זענען אַוועקגעפֿאָרן און האָבן זיך אָפּגעזאַמט אַ צוויי וואָכן און זענען צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. האָט דער קייסער פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ איז שוין עפּעס. פֿרעגט ער זיי: „וואָס האָט איר געבראַכט?". האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו צלמען און פֿאַלן אָף די קניִעס און בעטן, ער זאָל זיי גאָרנישט טון, ווײַל זיי האָבן גענומען דאָס געלט און האָבן עס פֿאַרשפּילט אין קאָרטן,

פֿאַרשיכּורט, פֿאַרגולאַיעט. רופֿט זיך אָן דער קייסער צו זיי: „גוט, איר זענט פֿרײַ. נאָר יעצט וועל איך שיקן דעם ייִדישן סאָלדאַט, מײַן דענשטשיק, און איך וועל זען, וואָס ער וועט ברענגען פֿאַר מיר.“ און ער האָט זיך זיי געהייסן אויפֿשטעלן און האָט אַרײַנגערופֿן דעם ייִדישן סאָלדאַט, און ווי ער איז אַרײַנגעקומען, רופֿט זיך אָן דער קייסער צו אים: „אָט האָסטו צען טויזנט רובל, פֿאָר אַוועק און קויף מיר אײַן אַלץ וואָס מען דאַרף האָבן אויף אַ באַל“. האָט דער סאָלדאַט גענומען די צען טויזנט רובל און האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז זיך אַוועקגעפֿאָרן איינער אַליין. איז ער פֿאַרפֿאָרן אין אַ שטאָט און האָט דאָרט אײַנגעקויפֿט אָקסן און האָט אָנגעזאָגט, אַז אין דעם און אין דעם טאָג זאָל מען אָפּשיקן די אָקסן צום קייסער אין שטאָט אַרײַן, און ער האָט באַצאָלט און איז אַוועקגעפֿאָרן אין אַן אַנדער שטאָט אַרײַן. אַרײַנגעקומען אין דער אַנדערער שטאָט, האָט ער דאָרט אָנגעהויבן אײַנקויפֿן זאַלץ, צוקער, מעל און נאָך אַנדערע זאַכן און האָט באַצאָלט פֿאַר דעם און געהייסן אָפּשיקן צום קייסער. דערנאָך איז ער אָפּגעפֿאָרן אין אַ דאָרף אַרײַן, האָט ער דאָרט אָנגעהויבן אײַנקויפֿן קאַרטאָפֿליעס, ציבעלעס, מערן, פּאַפּשויעס * און נאָך אַנדערע זאַכן, און האָט באַצאָלט און האָט זיך געלאָזט אַהיימפֿאָרן. פֿאָרנדיק אָפֿן וועג מיט די אַלע זאַכן, דערמאָנט ער זיך, אַז מען דאַרף האָבן פֿיש. פֿאָרט ער אַרײַן אין אַן אַנדער דאָרף און פֿאָרט צו צו אַ פּאַסקאַר ** און זאָגט אים, אַז ער דאַרף האָבן אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל פֿיש. האָט דער פּאַסקאַר צוגעשיקט צוויי גויִים צום טײַך, און זיי האָבן אַרײַנגעלאָזט אַ נעץ און האָבן אָנגעהויבן שלעפּן. שלעפּנדיק האָבן זיי דערפֿילט, ווי ס׳איז זייער שווער, האָבן זיי זיך אָנגערופֿן: „דאָ דאַרף זײַן אַ סך פֿיש“. און אַזוי ווי זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט די נעץ, האָבן זיי דערזען, ווי סע ליגט איין גרויסער פֿיש. האָט זיך דער ייִדישער סאָלדאַט אָנגערופֿן צו זיי: „צעשנײַדט דעם פֿיש אויף שטיקער און

---

* קוקורוזעס. ** פֿישער.

פּאַקט אים אין קאַסטנס!". האָט דאָס דער פיש דערהערט. רופט ער זיך אָן צו זיי: „צעשנײַדט מיך נ'שט, ווײַל איר וועט מיך צעשנײַדן, וועט איר קיין פיש נישט האָבן. נאָר איר ווילט, לאָזט מיך אַרײַן צוריק אין וואַסער, וועט איר האָבן אַזוינע פיש, וואָס איר האָט נאָך אָף אײַער לעבן נישט געהאַט אַזוינע." רופט זיך אָן דער ייִדישער סאָלדאַט צום פיש: „וואָס טו איך, אַז איך לאָז דיך אַרײַן אין וואַסער און דו נאַרסט מיך אָפּ?". ענטפערט אים דער פיש: „כ'וועל דיר זאָגן די סימנים פון דיר, ווערסטו מיר גלייבן. אַ סימן, זאָגט ער, ביסט בײַם קייסער אַ דענשטשיק און דו ביסט אַ ייִד און דו האָסט אַ ווײַב און זי האָט קיין קינדער נישט, און דער קייסער האָט אויך נישט קיין קינדער. נעם דיר אַראָפּ פון מיר צוויי גאָלדענע ליסקעס* און פאָר אַהיים און מאַך דײַן ווײַב אַ זיסע גלאָז טיי און לייג אַרײַן אַ ליסקע, זי זאָל עס אויסטרינקען, און גיב דעם קייסערס ווײַב אויך איינע. יעצט האָסטו פון מיר גוטע סימנים." האָט דער סאָלדאַט געזען, ווי ער האָט אים אַלץ צוגעטראָפן, האָט ער אים אַרײַנגעלאָזט צוריק אין וואַסער אַרײַן, און אין פינעף מינוט אַרום האָט אָנגעהויבן אַרויסצוקומען אַזוינע פיש, וואָס ער האָט אָף זײַן לעבן נישט געזען אַזוינע. האָט ער אָנגעהויבן פּאַקן אין קאַסטנס און דאָס אָפּשיקן צום וואָקזאַל, און ער איז אַוועקגעפאָרן אַהיים. צוקומענדיק צו זײַן הויז, איז געשטאַנען זײַן דינסט אין דרויסן. רופט ער זי צו און רופט זיך אָן צו איר: „נאַ דיר די צוויי ליסקעס, און אַז דו וועסט מאַכן פאַר מײַן ווײַבל טיי, לייג אַרײַן איין ליסקע אין אַ גלאָז טיי און גיב איר, זי זאָל אויסטרינקען", און ער איז זיך אַוועקגעפאָרן צום קייסער.

אַז ער איז אַרײַנגעקומען צום קייסער אין הויז אַרײַן, האָט ער אים אָפּגעגעבן חשבון פון אַלעס און האָט אים געזאָגט, וואָס ער האָט אײַנגעקויפט, און האָט אים נאָך צוריקגעבראַכט רעשטע

* שופּן.

פונעם געלט. איז דעם קייסער געפעלן געוואָרן די גאַנצע מעשה, האָט ער אַרײַנגערופן די צען סאָלדאַטן און האָט זיי אַלץ געוויזן. „איר זעט, האָט ער געזאָגט, וואָס איר האָט מיר געבראַכט און וואָס ער האָט מיר געבראַכט! וועמען, זאָגט ער, זאָל איך גיכער ליב האָבן?" האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און זענען אַרויס־געגאַנגען. און דעם ייִדישן סאָלדאַט האָט דער קייסער געמאַכט פאַר אַן אָפיצער, און אַזוי איז דאָס פאַרבליבן.

אָבער אין דער צײַט וואָס ער איז געווען בײַם קייסער האָט די דינסט געמאַכט אַ גלאָז טיי און האָט אַרײַנגעלייגט אַ ליסקע און געגעבן דער בעל־הביתטע, זי זאָל אויסטרינקען. און פאַר זיך האָט זי אויך געמאַכט אַ גלאָז טיי, האָט זיך אַרײַנגעלייגט די אַנדערע ליסקע און האָט אויסגעטרונקען. זי האָט געוואָלט זען, צו וואָס דאָס איז. ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקל צײַט, איז דעם סאָלדאַטס ווײַב פאַרגאַנגען אין טראָגן, און די דינסט איז אויך פאַרגאַנגען אין טראָגן. זענען זיי ביידע געלעגן געוואָרן אין איין טאָג, און זיי האָבן געהאַט צוויי ייִנגלעך, ביידע מיט גאָלדענע קעפּלעך האָר און זייער שיינע. ס'איז אַוועקגעגאַנגען נאָך עטלעכע יאָר, זענען די קינדער אונטערגעוואַקסן, האָט זיך אָנגערופן דער סאָלדאַט צו זײַן דינסט: „וואָס דאַרפסטו האָבן אַ קינד, אַז דו האָסט נישט קיין מאַן און דו ביסט אַ דינסט. גיב מיר אַוועק ס'קינד, און איך וועל דיר געבן אַלץ וואָס דו ווילסט." האָט זיך די דינסט באַרעכנט: וואָס דאַרף זי האָבן אַ קינד? זי וועט עס אים אַוועקגעבן. האָט ער איבערגעשריבן דאָס קינד צו זיך, און ביידע קינדער האָבן זיך געפּילט פרײַנטשאַפט, זיי האָבן זיך געשפּילט צוזאַמען און זענען נישט אַוועקגעגאַנגען איינס פון צווייטן. און איין מאָל אין אַ שיינעם טאָג, ווען די ביידע ברידערלעך האָבן זיך געשפּילט אין דרויסן, איז דורכגעגאַנגען דער קייסער מיטן ווײַב, האָבן זיי געזען, ווי צוויי שיינע קינדער שפּילן זיך בײַ דער שטוב. האָבן זיי זיך געלאָזט צו גיין צו די קינדער. האָבן זיי זיך דערשראָקן און זענען אַרײַן אין שטוב אַרײַן, און דער קייסער מיט דער

קייסערינגע זענען זיי נאָכגעגאַנגען אין שטוב אַריַין. זענען זיי אַריַינגעקומען אין שטוב, האָט דער קייסער געזען, ווי דער סאָלדאַט זיצט בײַם טיש מיט זײַן פֿרוי און מ׳עסט און מע פֿאַרברענגט. נאָר אַז דער סאָלדאַט האָט דערזען דעם קייסער, האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אויף און האָט זיך אָנגערופֿן צום קייסער: „אַדוני קיניג, וואָס ׳סטו געדאַרפֿט קומען צו מיר, האָסט נישט געקענט שיקן נאָך מיר?" האָט דער קייסער געענטפֿערט: „שרעק דיך נישט, כ׳בין נישט געקומען צו דיר. כ׳בין געקומען זען, וועמעס קינדער דאָס איז." זאָגט דער סאָלדאַט: „ס׳איז מײַנע קינדער". האָט זיך דער קייסער אַוועקגעזעצט בײַם טיש און האָט זיך אָנגערופֿן צום סאָלדאַט: „גיב מיר אַוועק די קינדער, און איך וועל דיר געבן אַלעס וואָס דו וועסט וועלן". רופֿט זיך אָן דער סאָלדאַט צום קייסער: „ווי אַזוי קען איך דיר אַוועקגעבן ביידע קינדער? אַז דו ווילסט, וועל איך דיר געבן איין קינד". זאָגט דער קייסער: „גוט, גיב מיר איין קינד". איז ער געגאַנגען און האָט אים אַוועקגעגעבן ס׳קינד פֿון דער דינסט. דער קייסער האָט צוגענומען ס׳יִינגעלע און איז זיך אַהיימגעפֿאָרן. דעם קייסערס קינד איז אַלע מאָל געווען פֿאַרשפּאַרט אין הויז, און דעם ייִדישן סאָלדאַטס ייִנגעלע פֿלעגט זיך שפּילן פֿרײַ אין דרויסן.

איין מאָל רופֿט זיך אָן דעם סאָלדאַטס ייִנגעלע צום פֿאָטער: „טאַטע, כ׳וויל זיך אַ ביסל דורכפֿאָרן איבער דער שטאָט". איז ער געגאַנגען און האָט אײַנגעשפּאַנט אַ בריטשקע, און ס׳ייִנגעלע האָט זיך אַרויפֿגעזעצט און איז אַרומגעפֿאָרן איבער די גאַסן. און פֿאָרנדיק האָט ער דערזען דעם קייסערס ייִנגעלע. בלײַבט ער שטיין און גייט צו צו אים, און זיי דערפֿרייען זיך ביידע און זיי הייבן זיך אָן צו דערציילן, ווי אַזוי זיי בענקען איינער נאָך דעם צווייטן. רופֿט זיך אָפּ דאָס ייִדישע ייִנגעלע צום קייסערס ייִנגעלע: „ווייסטו וואָס? גנבֿע אַרויס צוויי פֿערדעלעך מיט צוויי הינטעלעך מיט צוויי שווערדן, און מיר׳ן ביידע אַוועקפֿאָרן פֿון אונדזערע עלטערן". האָבן זיי אַזוי געטון און זענען אַוועקגעפֿאָרן.

אַרויספֿאָרנדיק פֿון דער שטאָט זענען זיי צוגעקומען צו אַ סלופּ. האָבן זיי געזען, ווי סע שטייט אָנגעשריבן: „ווער ס'וועט פֿאָרן אין לינקן וועג, איז נישט גוט, און ווער ס'וועט פֿאָרן אין רעכטן וועג, דעם וועט זײַן גוט". האָבן זיי זיך אָפּגערעדט, אַז זיי זאָלן זיך ביידע צעשיידן אױף אַ יאָר, און זיי האָבן געוואָרפֿן גורל. איז געפֿאַלן צווישן זיי, אַז דאָס ייִדישע ייִנגעלע זאָל פֿאָרן אין רעכטן וועג און דעם קייסערס ייִנגעלע זאָל פֿאָרן אין לינקן וועג. האָט איינער פֿון זיי אַרויסגענומען אַ מעסער און האָט אַרײַנגעשטאָכן אין סלופּ און האָט געזאָגט: „אין אַ יאָר אַרום, אַז ווער ס'וועט קומען פֿריִער צום סלופּ און וועט אַרויסנעמען ס'מעסער און וועט זען, אַז ס'וועט זײַן פֿאַרזשאַווערט, זאָל ער וויסן, אַז איינער פֿון זיי איז טויט". האָבן זיי אַזוי געטון און זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט און זענען זיך צעפֿאָרן. איז דעם קייסערס ייִנגעלע געפֿאָרן אין לינקן וועג, איז אים אַנטקעגנגעלאָפֿן צוויי בערן. האָט ער אויס־געשטעלט די ביקס אױף צו שיסן זיי. זאָגן די בערן: „שיס אונדז נישט, מיר זענען דיר געקומען העלפֿן". רופֿט זיך אָן דאָס ייִנגעלע: „לאָז איינער זײַן בײַ מיר און איינער זאָל גיין צו מײַן ברודערל אױפֿן רעכטן וועג". און אַזוי ווי ער לאָזט זיך פֿאָרן ווײַטער, באַגעגנט ער צוויי לייבן. שטעלט ער אָן די ביקס אױף צו שיסן זיי. זאָגן די לייבן: „שיס אונדז נישט, מיר זענען דיר געקומען העלפֿן". רופֿט זיך אָן ס'ייִנגעלע: „גוט, זאָל איינער לויפֿן צו מײַן ברודערל אױפֿן רעכטן וועג און איינער צו מיר". איז אַזוי געווען, און ער איז געפֿאָרן ווײַטער. איז ער אַרײַנגעקומען אין אַ שטאָט, זעט ער, ווי ס'איז פֿינצטער און מע גייט ארום און מע וויינט. האָט ער אָנגעהויבן פֿרעגן, וואָס איז דאָ געשען. האָט מען אים דערציילט, אַז דאָ אין שטאָט איז דאָ אַ כּישוף־מאַכער, וואָס ער האַלט שוין די שטאָט פֿערציק יאָר פֿינצטער און וויל נישט מאַכן ליכטיק. האָט ער געזאָגט, ער וועט פֿאָרן צו אים און ער וועט זען, ס'זאָל ווערן ליכטיק אין שטאָט. האָט מען אים אָנגעוויזן, וווּ דער כּישוף־מאַכער וווינט, איז ער צוגעפֿאָרן צו אים

און איז אַרײַנגעפֿאָרן אין שטיבל אַרײַן מיט פֿערד און מיט חיות. זעט ער, ווי סע זיצט אַן אַלטער מאַן מיט אַ גרויסער באָרד און לייענט אַ ספֿר. פֿרעגט ער אים: „וואָס ווילסטו, מײַן קינד?" זאָגט דאָס ייִנגל: „איך וויל, זאָלסט מאַכן ליכטיק אין שטאָט". רופֿט זיך אָן דער אַלטער: „גוט, כ׳וועל מאַכן ליכטיק אין שטאָט, נאָר אַז דו וועסט מיר נאָכגעבן מײַן פֿאַרלאַנג". האָט ער אים געענטפֿערט: „כ׳וועל דיר נאָכגעבן, וואָס דו ווילסט". רופֿט זיך אָן דער אַלטער צו אים: „בינד דיר אויף די הויזן און הייב אויף ס׳העמד און רײַס דיר אויס אַ האָר פֿונעם פּופּיק, וועט ווע[illegible]ן ליכטיק אין שטאָט." האָט דאָס ייִנגל אַזוי געט[illegible]ן, איז אַזוי ווי ער האָט אויסגעריסן די האָר, איז געוואָרן שטיינער פֿון אים מיט די חיות. און דער אַלטער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט לערנען.

דערווײַל איז דאָס ייִדישע ייִנגעלע אַרײַנגעקומען אין אַן אַנדער שטאָט, זעט ער, ווי מע גייט אַרום פֿאַרזאָרגט. האָט ער אָנגעהויבן פֿרעגן: „וואָס איז דאָ אין שטאָט אַזאַ מרה־שחורה?" האָט מען אים דערציילט, אַז דאָ אין שטאָט איז דאָ אַ ריז מיט צוויי קעפּ, און אַלע יאָר מוז ער צונעמען אַ מענטשן, און דאָס יאָר איז עס געפֿאַלן אָפֿן קייסערס טאָכטער. האָט ער זיך אָנגערופֿן: „איך וועל זי ראַטעווען". איז ער אַוועקגעגאַנגען צום קייסער און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה, אַז ער וויל ראַטעווען זײַן טאָכטער. זאָגט דער קייסער: „גוט. פֿאָר אַוועק אָף דעם באַרג און שטעל דיך אַוועק און וואַרט, און אַז דער ריז וועט קומען, זאָלסטו אים דערהרגענען און ברענגען אַ סימן פֿון אים, אַז דו האָסט אים דערהרגעט, און דעמאָלט וועל איך דיר געבן מײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב און וועל דיר איבערשרײַבן ס׳גאַנצע פֿאַרמעגן מײַנס." איז ער אַוועקגעפֿאָרן און האָט זיך אַוועק־געשטעלט אָפֿן באַרג, און דער ריז האָט אָנגעהויבן צוצוקומען, איז אים דאָס ייִנגל געלאָפֿן אַנטקעגן און האָט אים אָפּגעהאַקט אַלע צוועלעף קעפּ. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען אַ מעסערל און האָט׳ן אָפּגעשניטן אַלע צוועלעף צינגער, האָט זיי אײַנגעוויקלט

אין אַ פֿאַטשיילע און האָט זיי געבראַכט צום קייסער פֿאַר אַ סימן. אַז דער קייסער האָט דאָס דערזען, איז עס אים שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, האָט ער אַרײַנגערופֿן די טאָכטער און האָט איר געוויזן דעם סימן, אַז זי זאָל מער נישט מורא האָבן. און ער האָט זיי ביידן חתונה געמאַכט און האָט איבערגעשריבן ס׳גאַנצע פֿאַרמעגן אָף זיי, און זיי האָבן זיך געוווינט בײַ אים.

און אַז ס׳איז אויסגעגאַנגען דאָס יאָר און ביידע ברידער האָבן זיך געדאַרפֿט צונויפֿקומען, האָט ער זיך אַרויסגעגנבֿעט פֿון דער שטוב און איז זיך אַוועקגעפֿאָרן זוכן זײַן ברודער. איז ער צוגעקומען צום סלופּ און אַרויסגענומען ס׳מעסער, האָט ער געזען, ווי דאָס מעסער איז פֿאַרזשאַווערט. האָט ער זיך געלאָזט פֿאָרן אים זוכן. האָט ער זיך אָנגעהויבן נאָכצופֿרעגן, וואָס איז דאָ אין שטאָט. האָט מען אים דערציילט, אַז דאָ איז דאָ אַ פּישוף־מאַכער, וואָס ער האַלט פֿינצטער די שטאָט און וויל נישט מאַכן ליכטיק. איז ער אַרײַנגעפֿאָרן צו אים און רופֿט זיך אָן צו אים: „מאַך ליכטיק אין שטאָט, אַז נישט וועל איך האַלטן מיט דיר מלחמה!“ האָט דער אַלטער געזען, ווי ער שטעלט זיך קעגן אים, האָט ער אים געזאָגט: „כ׳וועל מאַכן ליכטיק אין שטאָט, נאָר דו פֿאָר אַהיים אָן שום וויסן זיך מאַכן“. איז באַלד געוואָרן ליכטיק אין שטאָט, און ער איז זיך אַהיימגעפֿאָרן צום ווײַבל און ער האָט פֿאַרנומען דעם קייסערס פּלאַץ און איז געוואָרן קייסער. ער האָט זיך דאָרט באַווינט און לעבט זיך זייער גוט ביז אָף הײַנטיקן טאָג.

34. פֿאַר וואָס דער קאָפּ ווערט פֿריִער גראָ פֿאַר דער באָרד

אַ קייסער איז אַ מאָל אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער שטאָט, האָט ער באַגעגנט אַן אָרעמען ייִדישן ערדאַרבעטער וואָס איז געשטאַנען און האָט געאַרבעט אויפֿן פֿעלד. זײַן קאָפּ איז שוין געווען גראָ און זײַן באָרד שוואַרץ. האָט זיך דער קייסער פֿאַרוווּנדערט, האָט ער צוגערופֿן דעם ייִדן און האָט אים געפֿרעגט: „ווי קומט עס, וואָס דײַן קאָפּ איז גראָ און דײַן באָרד שוואַרץ?" האָט אים דער ייִד געענטפֿערט: „דאָס איז דערפֿאַר, וואָס דער קאָפּ איז עלטער פֿאַר דער באָרד, איז דער קאָפּ פֿריִער גראָ געוואָרן". איז דעם קייסער זייער געפֿעלן געוואָרן דער ענטפֿער, און ער האָט פֿאַרזאָגט דעם ייִדן, אַז ער זאָל קיינעם נישט פֿאַרציילן דעם ענטפֿער. ער קען עס נאָר דעמאָלסט אויסזאָגן, ווען ער וועט שוין האָבן געזען דעם קייסער הונדערט מאָל, דעמאָלסט וועט ער ערשט מעגן אויסזאָגן דעם ענטפֿער. האָט ער אים צוגעזאָגט, און דער קייסער איז זיך אַוועקגעפֿאָרן.

און ווען דער קייסער איז אַהיימגעקומען, האָט ער צוזאַמענגערופֿן זײַנע מיניסטאָרן און האָט בײַ זיי געפֿרעגט די פֿראַגע, פֿאַר וואָס דער קאָפּ ווערט פֿריִער גראָ פֿאַר דער באָרד. און זיי האָבן אים קיינס נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפֿערן. האָט ער זיי געגעבן אַ חודש צײַט צו איבערדענקען, און זיי מוזן אים ברענגען אַן ענטפֿער. זענען זיי אַוועקגעגאַנגען. ס'איז שוין באַלד די צײַט געווען פֿאַריבער, און זיי האָבן קיין ענטפֿער נישט

געקענט געפֿינען. האָט איינער פֿון זיי זיך דערמאָנט, אַז דער קייסער איז יענעם טאָג אַרויסגעפֿאָרן אין דעם און אין דעם אָרט, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט עס פֿון דאָרט געבראַכט. האָט ער זיך אַרויסגעלאָזן צו דעם אָרט, אפֿשר וועט ער דאָרט אויס־געפֿינען. און אַזוי ווי ער איז געפֿאָרן אָפֿן וועג, האָט ער געטראָפֿן דעם זעלביקן ייִדן, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז פֿון אים קומט עס. איז ער צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים געפֿרעגט, פֿאַר וואָס זײַן קאָפּ איז גראָ און זײַן באָרד איז שוואַרץ. האָט אים דער ייִד געענטפֿערט, אַז ער קען אים נישט אויסזאָגן. זאָגט דער מיניסטער צו אים: „כ׳וועל דיר גוט באַצאָלן, אַז דו וועסט מיר אויסזאָגן". זאָגט דער ייִד: „גוט, כ׳וועל דיר אויסזאָגן, ווען דו וועסט מיר ברענגען אַ הונדערט זילבערנע רובל". האָט ער אים באַלד געבראַכט הונדערט איינציקע רובל, און ער האָט אים אויסגעזאָגט. איז דער מיניסטער אַהיימגעפֿאָרן און האָט געבראַכט דעם קייסער דעם ענטפֿער. דער קייסער האָט אָבער געוווּסט, אַז ער איז אַוועקגעפֿאָרן, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט עס געבראַכט פֿון דעם ייִדן. האָט ער גלײַך געשיקט נאָך דעם ייִדן און האָט בײַ אים געפֿרעגט, צי ער ווייסט, וואָס אים קומט דערפֿאַר, וואָס ער האָט אויסגעזאָגט, ווען ער האָט אים נישט געהייסן אויסזאָגן. האָט אים דער ייִד געענטפֿערט: „דו געדענקסט, ווען דו האָסט מיר געזאָגט, אַז איך מעג אויסזאָגן, ווען איך וועל דיך האָבן געזען הונדערט מאָל?" און ער האָט אַרויסגענומען די הונדערט זילבערנע רובל און האָט געוויזן דעם קייסער זײַן אייגן בילד אָף יעדן רובל און האָט געזאָגט: „כ׳האָב אים פֿריִער נישט אויסגעזאָגט, ביז ער האָט מיר נישט געבראַכט די הונדערט רובל און ביז כ׳האָב געזען דײַן בילד הונדערט מאָל. האָב איך אים שוין געמעגט אויסזאָגן דעם ענטפֿער?" האָט דער קייסער געזען, אַז ער האָט פֿאַר זיך זייער אַ קלוגן מאַן, איז אַנשטאָט צו באַשטראָפֿן, האָט ער אים געבעטן, ער זאָל זײַן בײַ אים, ער זאָל האָבן, מיט וועמען זיך צו באַראָטן. איז דער ייִד שוין פֿאַרבליבן

בײַם קייסער און ער פֿלעגט זײַן בײַ אים זײַן ערשטער עצה־געבער, און דער קייסער פֿלעגט זיך אָן אים נישט געבן קיין קער. ווי ער איז געזעסן, האָט דער ייִד געמוזט זיצן לעבן אים.

האָט דאָס די אַלע מיניסטאָרן זייער פֿאַרדראָסן, האָבן זיי געזוכט דעם ייִדן אומצוברענגען. זיי האָבן אָבער מורא געהאַט דאָס צו טון, ווײַל דער קייסער וועט פֿאַרשטיין, אַז זיי האָבן דאָס געטון און ער וועט זיי נישט שווײַגן. האָבן זיי געזוכט אַ געלעגנהייט, ווי אַזוי אים אומצוברענגען, מע זאָל זיי גאָרנישט קענען טון. איז איין מאָל האָבן זיי זיך אָפּגערעדט, ווען דער קייסער וועט צוזאַמענרופֿן אַלע זײַנע מיניסטאָרן, זיי זאָלן אים דערציילן מעשׂיות, וועלן זיי דעמאָלט האָבן אַ געלעגנהייט צו טרעפֿן דעם ייִדן. ווען זיי פֿלעגן אָנהייבן צו דערציילן זייערע מעשׂיות, פֿלעג אָנפֿאַנגען דער ערשטער וואָס איז געזעסן לעבן קייסער, ער פֿלעג האַלטן אַ שטעקעלע אין דער האַנט, און ווען ער פֿלעג ענדיקן דערציילן די מעשׂה, פֿלעג ער געבן אַ קלאַפּ מיטן שטעקעלע דעם צווייטן וואָס איז געזעסן לעבן אים. דער צווייטער פֿלעג איבערנעמען דאָס שטעקעלע און ווידער דערציילן אַ מעשׂה, און ווען ער פֿלעג ענדיקן, פֿלעג ער געבן אַ קלאַפּ מיטן שטעקעלע דעם דריטן, און יענער פֿלעג ווידער אָנהייבן דערציילן אַ מעשׂה. אַזוי איז דער קלאַפּ מיטן שטעקעלע אַרומגעגאַנגען אַרום און אַרום, ביז ס'איז אָנגעקומען צום לעצטן וואָס איז געזעסן לעבן קייסער פֿון דער אַנדערער זײַט, און דאַמאָלס האָט זיך געענדיקט דאָס דערציילן.

נו, האָבן די מיניסטאָרן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז זיי זאָלן דאָס מאָל אָנפֿאַנגען נישט פֿונעם ערשטן וואָס איז געזעסן לעבן קייסער, נאָר פֿונעם מיטן, און עס זאָל גיין צו דער זײַט, ווו דער ייִד זיצט, וועט דאָך דער ייִד נישט זײַן דער לעצטער, וועט ער דאַרפֿן געבן אַ קלאַפּ מיטן שטעקעלע דעם קייסער, וואָס ער זיצט לעבן אים. אָבער אַז מע גיט אַ קלאַפּ מיט אַ שטעקעלע דעם קייסער, קומט דאָך דערפֿאַר מיתה, וועלן זיי אַזוי אַרום פֿון דעם ייִדן פּטור ווערן. האָבן זיי אַזוי געטון. אָבער ווען ס'איז געקומען צום ייִדן, אַז ער זאָל דערציילן

אַ מעשׂה, האָט ער פֿאַרשטאַנען, וואָס זיי מיינען דערמיט, האָט ער גאָרנישט געזאָגט, נאָר ער האָט צוגענומען דאָס שטעקעלע און האָט געבעטן דעם קייסער, אַז איידער ער וועט אָנהייבן דערציילן זײַן מעשׂה, וויל ער בײַ אים עפּעס פֿרעגן. האָט אים דער קייסער געהייסן פֿרעגן. זאָגט דער ייִד: „וואָס האָב איך געדאַרפֿט טון, ווען איך בין איין מאָל געגאַנגען אָפֿן וועג און האָב דערזען פֿון דער ווײַטנס אַ גרויס פֿײַער און מענטשן ווערן דאָרט פֿאַרברענט?“ „האָסט זיי געדאַרפֿט ראַטעווען“, ענטפֿערט דער קייסער. „יאָ, כ'האָב זיי געדאַרפֿט ראַטעווען, זאָגט ווײַטער דער ייִד, אָבער ווען איך בין צוגעקומען נאָענט צו דעם פֿלאַץ, האָב איך דערזען אַ גרויס, טיף וואַסער פֿאַר זיך. האָב איך נישט געקענט צוקומען צו יענעם פֿלאַץ, כ'זאָל פֿריִער נישט אַריבערגיין דאָס וואַסער, אָבער דאָס וואַסער אַריבערצוגיין איז פֿאַר מיר אוממעגלעך געווען, ווײַל שווימען האָב איך נישט געקענט, און ווען איך זאָל געווען אַרײַנגיין אין וואַסער, וואָלט איך גלײַך דערטרונקען געוואָרן. בין איך געבליבן שטיין און האָב נישט געוווסט וואָס צו טון. כ'האָב געוואָלט אײַנשטעלן מײַן לעבן זיי צו ראַטעווען, אָבער אַז איך וואָלט אַרײַן אין וואַסער און דערטרונקען געוואָרן, וואָלט איך דאָך זיי סײַ ווי נישט געקענט ראַטעווען פֿון פֿאַרברענט ווערן, טאָ וואָס האָב איך דאַמאָלס געדאַרפֿט טון?“

געוויינטלעך האָט אים דער קייסער געענטפֿערט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט געהאַט צו גיין אין וואַסער אַרײַן און דערטרונקען ווערן, ווען ער וואָלט סײַ ווי יענע מענטשן נישט געקענט ראַטעווען פֿון פֿײַער. אַז דער ייִד האָט דאָס דערהערט, האָט ער גענומען דאָס שטעקעלע און האָט עס צוריקגעגעבן צו די אַנדערע מיניסטאָרן און האָט געזאָגט: „אַז איך זאָל גיין מיטן שטעקעלע דאָ ׳רימער, דורכן קייסער, איז פֿאַר מיר דערטרונקען צו ווערן, און אײַך וועט דערפֿון קיין גוטס נישט אַרויסקומען“. האָבן זיי געזען, אַז זיי קענען דעם ייִדן גאָרנישט טון, ווײַל ער פֿאַרשטייט מער פֿאַר זיי אַלע. האָבן זיי זיך מישבֿ געווען און האָבן זיך מיט אים איבערגעבעטן און זענען אים געוואָרן די בעסטע גוטע פֿרײַנד. און שוין!

35. דער אוצר אין שטעקן

ס׳איז אַ מאָל געווען אַ רײַכער אָרענדאַר. האָט ער געהאַט זייער אַ שיין ווײַבל. האָט ער מורא געהאַט זי אַרויסצולאָזן אַליין פֿון שטוב, קיין בייז אויג זאָל איר ניט שאַטן. אַז זי האָט באַדאַרפֿט ערגעץ גיין, איז ער מיט איר מיטגעגאַנגען אָדער ער האָט מיטגעשיקט זײַן משרת, ער זאָל זי באַלייטן. איין מאָל אָבער האָט זי באַדאַרפֿט גיין אין מיקווה אַרײַן, האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט פֿון שטוב, קיינער זאָל נישט זען, און איז אַליין אַוועק אין שטאָט אַרײַן. אָפֿן וועג איז זי פֿאַרבײַגעגאַנגען אַן אַלטן שלאָס, וווּ עס האָט געוווינט אַ רײַכער פּאָפּ.* איז ווי נאָר ער האָט זי דערזען דורכן פֿענצטער, האָט ער זיך באַלד פֿאַר־ליבט אין איר, אַזוי שיין איז זי געווען. און ער האָט באַלד אַרויסגעשיקט זײַנע באַדינערס, זיי זאָלן איר כאַפּן און ברענגען אין שלאָס אַרײַן.

זענען די באַדינערס אַרויס און האָבן זי באַלד געכאַפּט און מיט געוואַלד אַרײַנגעשלעפּט אין שלאָס אַרײַן. איז דער פּאָפּ צו איר צוגעגאַנגען און האָט אָנגעהויבן צו איר צו ריידן זיסע רייד. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער איז שרעקלעך פֿאַר־ליבט אין איר, אַז ער קען אָן איר נישט לעבן, און נאָך אַזעלכע זאַכן. האָט דאָס ווײַבל געזען, אַז עס האַלט שמאָל,

* אַ גלח בײַ פּראַוואָסלאַוונע.

איז זי געפֿאַלן אָף אַ המצאה. זאָגט זי צום פּאָפּ: „דו קענסט מיט מיר טון אַלץ וואָס דו ווילסט, נאָר מיט איין באַדינג, זאָלסט מיר פֿריִער געבן עפּעס צו עסן. איך בין אַרויסגעגאַנגען פֿון דער היים גאַנץ פֿרי, בין איך אויסגעמאַטערט און הונגעריק. ברענג מיר עפּעס צו עסן!" ווי דער פּאָפּ האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך גאָר דערפֿרייט, איז ער באַלד אַוועק אין שטאָט אײַנקויפֿן פֿון די בעסטע מאכלים פֿאַרן שיינעם ווײַבל. אַז ער איז אַוועק, האָט דאָס ווײַבל זיך גענומען אַרומקוקן, ווו זי געפֿינט זיך. האָט זי דערווײַל דערזען דעם פּאָפּס יום־טובֿדיקע קליידער, איז איר גלײַך געקומען אָפֿן געדאַנק, אַז זי דאַרף זיך פֿאַרשטעלן פֿאַרן פּאָפּ, און אַזוי וועט זי קענען אַרויס פֿון שלאָס. אָבער ווען די באַדינערס האָבן דערזען דעם פּאָפּ אין זײַנע יום־טובֿדיקע קליידער מיטן שטעקן אין האַנט, האָבן זיי געמיינט, אַז ס'איז אַ חגא, האָבן זיי אָנגעהויבן צו קלינגען אין אַלע גלאָקן פֿון קלויסטער. דאָס ווײַבל איז אָבער געלאָפֿן, ווו די אויגן האָבן געטראָגן. זי איז אַרײַן אין אַ טיפֿן וואַלד און האָט דאָרט פֿאַרבלאָנדזשעט. דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט האָט זי אַזוי געבלאָנדזשעט, ביז זי איז געקומען אַהיים.

ווען זי איז אַהיימגעקומען, פֿרעגט איר דער מאַן: „ווו ביסטו געווען אַזוי לאַנג? און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטעקן מיט קליידער?" האָט זי אים דערציילט, וואָס ס'האָט מיט איר געטראָפֿן: ווי אַזוי מע האָט איר אַרײַנגעכאַפּט צום פּאָפּ אין שלאָס, ווי אַזוי זי האָט אים מיט אַ תּירוץ אַוועקגעשיקט אין שטאָט אַרײַן, ווי זי האָט זיך פֿאַרשטעלט אין זײַנע קליידער און אַנטלאָפֿן פֿון שלאָס, און דערנאָך ווי אַזוי זי האָט געבלאָנדזשעט אין וואַלד. אָבער דער מאַן האָט איר קיין זאַך נישט געוואָלט גלייבן, ער האָט שוין אַפֿילו נישט געוואָלט וווינען מיט איר אונטער איין דאַך. איז געבליבן, אַז זיי זאָלן זיך גטן. זענען זיי געפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן צום רבֿ נאָך אַ גט. אונטער וועגנס האָט זיי אָנגעכאַפּט אַ שלאָקס־רעגן, עס האָט גע־

גאָסן ווי פֿון ציבערס,* האָבן זיי זיך געמוזט אַרונטערשטעלן אונטער אַ דעכעלע. שטייענדיק אַזוי פֿאַרזאָרגט און ברוגז, נישט ער רעדט צו איר, נישט זי רעדט צו אים, איז דערווײַל אונטער־געקומען אַ בעטלער און האָט זיך אויך געשטעלט אונטערן דעכעלע. אין אַ מינוט אַרום זאָגט דער בעטלער צו איר: „נישט געבוג, וואָס איך האָב גאָרנישט געהאַט פֿון דיר, כ'האָב זיך צו דיר נישט צוגערירט אַפֿילו מיט אַ מינדסטן פֿינגער, ביסטו געגאַנגען און האָסט צוגעגנבֿעט מײַן שטעקן, וואָס אין אים איז מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן געווען באַהאַלטן, אַ גאַנצער אוצר, און איצט בין איך געוואָרן אַ בעטלער". — „נישט צוגערירט אַפֿילו מיט אַ מינדסטן פֿינגער!" האָט דער אַרענדאַר שטיל פֿאַר זיך איבערגעחזרט, און ער האָט גלײַך פֿאַרקערעוועט דעם דישל און איז צוריק אַהיימגעפֿאָרן מיט זײַן ווײַבל. אין דער היים האָט ער פֿונאַנדערגענומען דעם פּאָפּס שטעקן, האָט ער טאַקע געפֿונען אין דעם אַ גאַנצן אוצר און ער האָט שוין אַוודאי געזען, אַז ער האָט זײַן ווײַבל אומזיסט חושד געווען. האָבן זיי זיך גלײַך איבערגעבעטן און זיי לעבן נאָך גליקלעך ביז אָף הײַנטיקן טאָג.

* צעבער — גרויסע הילצערנע כּלי.

36. ווי אַזוי פֿינף טויבע האָבן זיך צוזאַמענגערעדט

ס'איז געווען אַ קליין שטעטעלע פֿעלעשט, זענען דאָרט געווען פֿינעף טויבע: איינער אַ פּאָסעסאָר, איינער אַ פּאַסטעך, איינער אַ ליוועראַנט, איינער אַ רבֿ און דעם רבֿס אַ פּלימעניצע — פֿינעף טויבע.

איין מאָל אין אַ פֿרימאָרגן שטייט אויף דער פּאָסעסאָר, זעט ער, אין דרויסן איז שיין, די זון שײַנט, ס'איז ליכטיק, ווערט אים פֿריילעך אָפּן האַרצן קוקנדיק אָף דער תּבֿואה וואָס איז אַזוי שיין אויפֿגעוואַקסן. גייט ער אַרײַן צוריק אין הויז און זאָגט צום ווײַב: „דאָס יאָר וועלן מיר האָבן אַ שיינע גערעטעניש". און אַזוי ווי ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער, איז געוואָרן כמאַרנע, און אַ גרויסער שטורעמווינט האָט אָנגעהויבן שטאַרק שאָקלען די תּבֿואה פֿונעם פֿעלד הין און צוריק. ווערט ער טרויעריק און הייבט אָן טראַכטן פֿון זײַן ביטער מזל דאָס יאָר. איז ער אַרויסגעגאַנגען אין פֿעלד און האָט זיך אַוועקגעשטעלט טראַכטן, בעטן גאָט, ער זאָל אים העלפֿן, ס'זאָל איבערגיין די כמאַרע און ס'זאָל אים נישט צעשטערן זײַן פֿאַרמעגן פֿון דער תּבֿואה. און אַזוי ווי ער שטייט אַזוי און טראַכט, דערזעט ער איינעם לויפֿן פֿון דער ווײַטנס, און ער לויפֿט צו גלײַך צו אים מיט פֿאַרוויינטע אויגן און דערשראָקן און ער הייבט אים אָן פֿרעגן, צי ער האָט נישט געזען זײַנע שאָף וואָס זענען אים אָקערשט פֿאַרלוירן געגאַנגען. האָט דער פּאָסעסאָר געמיינט, אַז דער פּאַסטעך פֿרעגט אים, וואָס ער שטייט דאָ, זאָגט

ער: „כ'וואַרט, אַז די כמאַרע זאָל איבערגיין, וועל איך אַראָפּנעמען די תּבֿואה פֿון פֿעלד", און ער ווייזט אָן מיט די הענט אין דער לופֿטן. האָט זיך דעם פּאַסטעך אויסגעוויזן, אַז ער זאָגט: „די שאָף זענען אַנקלאָפּן אַהין". זאָגט ער צו אים: „גוט, אַז כ'וועל געפֿינען די שאָף, וועל איך דיר דערפֿאַר געבן אַ קליין לעמעלע אַ מתּנה". האָט ער געלאָזט שטיין דעם פּאָסעסאָר און איז אַוועקגעלאָפֿן זוכן די שאָף. האָט ער געזוכט און געזוכט, ביז ער האָט געפֿונען די שאָף. דערווײַל האָט ער זיך אָפּן וועג דערמאָנט, אַז ער האָט דעם פּאָסעסאָר צוגעזאָגט אַ קליין לעמעלע אַ מתּנה, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צו אים. און אַזוי ווי ער האָט זיך געלאָזט צוריקגיין, זענען די שאָף דערווײַל אַרײַן אין די תּבֿואה פֿונעם פּאָסעסאָר, און מע האָט אים צעטרעטן די גאַנצע תּבֿואה. אַז דער פּאָסעסאָר האָט דאָס דערזען, האָט ער אָנגעמאַכט אַ גוואַלד און האָט געשריגן: „וואָס האָסטו געטון פֿון מײַן תּבֿואה מיט דײַנע לעמער! איך וויל, אַז די כמאַרע זאָל איבערגיין, איך זאָל פֿאַרהיטן מײַן תּבֿואה, לויפֿסטו אַרײַן מיט די שאָף און האָסט אַלץ צעטרעטן!" האָט דער פּאַסטעך געמיינט, אַז ער בייזערט זיך, פֿאַר וואָס ער וויל אים געבן אַ קליין לעמעלע, נישט קיין גרויסע, זאָגט ער צו אים: „סטײַטש, האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דו ווילסט אַ קליין לעמעלע, און יעצט ווילסטו גאָר אַ גרויסע שאָף!" האָבן זיי אַזוי לאַנג גערעדט און זיך געקריגט, ביז זיי האָבן זיך צעשלאָגן. און אַז זיי האָבן זיך צעשלאָגן, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין צום רבֿ, ער זאָל פּסקענען, ווער ס'איז גערעכט.

און אַזוי ווי זיי גייען אָפּן וועג און קריגן זיך, האָבן זיי דערזען פֿאָרן דעם ליוועראַנט. כאַפּן זיי אים אָן בײַ די פֿערד, האַלטן אים צו, און דער פּאַסטעך דערציילט אים זײַן געשיכטע פֿון די שאָף, און דער פּאָסעסאָר שרײַט זײַנע טענות. האָט דער ליוועראַנט געמיינט, אַז זיי שרײַען, אַז די פֿערד זענען געגנבֿעטע. הייבט ער אָן שרײַען און ווײַזן פּאַפּירן, אַז די פֿערד זענען נישט קיין געגנבֿעטע. האָבן זיי שוין אַלע דרײַ געשריגן,

ביז זיי האָבן זיך צעשלאָגן, און אַז זיי האָבן זיך צעשלאָגן, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין צום רבֿ, ער זאָל פּסקענען, ווער ס׳איז גערעכט. לויפֿן זיי אַרײַן אַלע דרײַ צום רבֿ מיט געשרייען. זיצט ער בײַם טיש און לערנט. טויב איז ער, דער רבֿ, הערן האָט ער נישט געהערט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיי זענען געקומען רעדן אַ שידוך זײַן פּלימעניצע. זאָגט ער צו זיי: „כ׳וועל אַרײַנרופֿן מײַן פּלימעניצע און כ׳וועל איר פֿרעגן. אַז זי וועט וועלן, וועל איך איר חתונה מאַכן.“ האָט ער אַרײַנגערופֿן די פּלימעניצע און האָט איר געפֿרעגט, צי זי וויל טון אַ שידוך. האָט זי נישט געהערט, וואָס דער רבֿ האָט געזאָגט, זי האָט געמיינט, אַז ער וויל איר אַ ביסל אויסמוסרן. זאָגט זי: „פֿעטער, איך בין נישט שולדיק. די שאַרלאַטאַנעס האָבן זיך צעשלאָגן, האָבן זיי געכאַפּט דעם קאָטער און האָבן אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין קרעניצע.“ און זי האָט זיך צעוויינט און איז אַרײַנגעלאָפֿן אין קיך. האָט דער רבֿ געמיינט, אַז זי וויל נישט דעם שידוך. איז ער אין כּעס געוואָרן אױף די דרײַ ייִדן און האָט אָנגעהויבן שרײַען און קלאַפּן מיט די הענט אין טיש אַרײַן. האָבן די דרײַ געמיינט, אַז ער באַשטראָפֿט זיי יעדן צו פֿינעף קערבלעך. האָבן זיי אַוועקגעלייגט צו פֿינעף קערבלעך און זענען אַוועקגעגאַנגען. נעמט דער רבֿ די פֿופֿצן קערבלעך און גייט אַרײַן אין קיך צו דער פּלימעניצע. זעט ער, די פּלימעניצע איז נישטאָ. קוקט ער זיך אַרום, זעט ער, ווי זי ליגט אין קרעניצע דערטרונקען.

איז דער רבֿ געבליבן אָן אַ פּלימעניצע, אָן גאָרנישט, נאָר מיט די פֿופֿצן קערבלעך אין די הענט.

37. נאָטקע גנבֿ און בן־נאָטקע

ס׳איז געווען אַ גנבֿ, האָט ער געהייסן נאָטקע. פֿלעגט ער אַרומגיין פֿאַרזאָרגט, ווי אַזוי מע קריגט אַ שותּף צו זיך. זיצט ער איין מאָל און טראַכט, זעט ער, ווי סע גייט אַ בעל־פּער און טראָגט אַ קיישל מיט עסן. גייט ער אַרויס פֿאַר אים און וואַרפֿט אַראָפּ אַ קערבל. גייט דער בעל־פּער פֿאַרביַי, זעט ער, עס ליגט אַ קערבל, הייבט ער עס אויף און לייגט אַריַין אין קיישל. דערנאָך גייט נאָטקע און וואַרפֿט אַראָפּ נאָך אַ קערבל, און דער בעל־פּער גייט אים נאָך, הייבט אויף ס׳קערבל און לייגט אַריַין אין קיישל. און אַזוי אַלע ווײַלע, ביז נאָטקע האָט אים פֿאַרנאַרט אויסן שטאָט אַרויס.

אַז זיי זענען געקומען אַרויס פֿון דער שטאָט און נאָטקע האָט געזען, אַז זיי זענען שוין אָפֿן פֿעלד, איז ער צוגעגאַנגען צו אים, האָט אים אָנגענומען ביַי די פּאָלעס און האָט געזאָגט: „הער זשע, גוטער ברודער! אויב דו ווילסט זיַין מיַין שותּף, לאָז איך ביַי דיר דאָס געלט און לאָז דיך לעבן, און אויב ניט, הרגע איך דיך!" האָט זיך דער בעל־פּער דערשראָקן, זאָגט ער: „יאָ, איכ׳ל זיַין דיַין שותּף". זאָגט ער צו אים: „אויב אַזוי, הייס איך נאָטקע גנבֿ, און דו וועסט הייסן בן־נאָטקע". זאָגט דער בעל־פּער: „גוט!" האָט ער אַוועקגעוואָרפֿן ס׳קיישל מיטן עסן, און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין. האָבן זיי דערזען פֿון דער וויַיטנס אַ קלייט פֿון אַ גאָלדשמיד. רופֿט זיך אָן נאָטקע צו בן־נאָטקע: „דו זעסט? אָט די קלייט דאַרפֿן מיר מאָרגן צוועלעף אַ זייגער ביַי טאָג באַגנבֿענען". ווערט בן־נאָטקע דערשראָקן, פֿרעגט ער: „ווי אַזוי קען מען ביַי טאָג

באַגנבֿענען אַזאַ קליַיט, ווען אַלע מענטשן גייען?". זאָגט נאָטקע: „פֿאַרלאָז דיך אָף מיר". זענען זיי אַהיימגעגאַן, אָפּגעגעסן אַ גוטע וועטשערע, זיך איבערגעשמועסט, ווי אַזוי צו באַאַרבעטן די קליַיט, און מע האָט זיך געלייגט שלאָפֿן. אָף מאָרגן צוועלעף אַ זייגער בײַ טאָג זענען זיי אַוועק אין דער קליַיט און האָבן זיך געהייסן ווײַזן אַ זייגער. האָט מען זיי געוויזן אַ זייגער. פֿרעגט נאָטקע: „וויפֿל קאָסט דער זייגער?" זאָגט דער בעל=הבית פֿון דער קליַיט: „פּופֿציק רובל". גיט זיך בן=נאָטקע אַ כאַפּ: „פּופֿציק רובל!" רופֿט זיך אָן דער בעל=הבית צו אים: „וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן?" און אַזוי איז מען געשטאַנען און מע האָט זיך געדונגען. דערווײַל רופֿט זיך אָן נאָטקע צו בן=נאָטקע: „ווייסטו וואָס? לאָמיר זיך וועטן, אַז ווער פֿון אונדז ביידע ס'וועט זיך נישט אומקוקן, ווען מע וועט אים סטראַשן, דער קריגט דעם זייגער אומזיסט". זאָגט בן=נאָטקע: „גוט!" איז געגאַן נאָטקע און האָט'ן אַוועקגעשטעלט צום זייגער וואָס איז געהאַנגען אָף דער וואַנט און האָט געזאָגט צו אים: „שטיי דאָ מיטן פּנים צום זייגער און מאַך אים נאָך צום קלאַפּ: „איינס, צוויי! איינס, צוויי!", און איך וועל שטיין הינטער דיר און וועל זאָגן פֿאַרשיידענע זאַכן. איז אויב דו וועסט דיך נישט אומקוקן, קריגסטו דעם זייגער, און אויב יאָ — האָסטו פֿאַרשפּילט." האָט זיך בן=נאָטקע אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צום זייגער און האָט אים נאָכגעמאַכט מיטן פֿיגגער: „איינס, צוויי! איינס, צוויי!", און נאָטקע הינטער אים האָט אַלע מינוט אויסגעשריגן: „איך שטעך דיך! איך שיס דיך! איך הרגע דיך! איך דערלאַנג דיר מיט עפּעס איבערן קאָפּ!.." אָבער בן=נאָטקע האָט זיך נישט אומגעקוקט, און דער בעל=הבית פֿון דער קליַיט שטייט און לאַכט. רופֿט זיך אָן נאָטקע אין דער שטיל צום בעל=הבית: „וועסט זען, כ'וועל אים איצט זאָגן אַזאַ וואָרט, אַז ער וועט זיך געבן אַ קוק אום". גיט ער אַ געשריי: „אָט טראָגט מען דײַן מאַמען אַ טויטע!" האָט זיך בן=נאָטקע דערשראָקן און האָט זיך געגעבן אַ קוק אום. רופֿט זיך אָן נאָטקע: „האָסט פֿאַרשפּילט!"

איז עס דעם בעל־הבית פֿון קליִיט זייער געפֿעלן געוואָרן, זאָגט ער צו נאָטקען: „ווייסטו וואָס? איך וועל מיך וועטן מיט דיר, און אויב איכ׳ל פֿאַרשפּילן, גיב איך דיר אַ האַלבע קליִיט, און טאָמער געווין איך, דאַרפֿסטו מיר געבן ס׳גאַנצע געלט וואָס דו פֿאַרמאָגסט". זאָגט נאָטקע: „גוט!" איז ער געגאַן און האָט אַוועקגעשטעלט דעם בעל־הבית מיטן פּנים צום זייגער און האָט אים געהייסן נאָכמאַכן: „איינס, צוויי! איינס, צוויי!", און ער האָט זיך געשטעלט הינטער אים און האָט געשריגן: „איך שטעך דיך! איך שיס דיך! איך הרגע דיך!.." און דער בעל־הבית קוקט זיך נישט אום און מאַכט: „איינס, צוויי! איינס, צוויי! איינס, צוויי!" דערווײַל האָט בן־נאָטקע גערוימט די קליִיט, אַרויסגעגנבֿעט די סחורה, און נאָטקע האָט ווײַטער געשריגן צום בעל־הבית: „מע באַגנבֿעט דיך! מע באַראַבעוועט דיך! מע האָט אַרויסגענומען ס׳געלט פֿון די קאַסע!". אָבער דער בעל־הבית קוקט זיך אַלץ נישט אום און מאַכט כּסדר: „איינס, צוויי! איינס, צוויי! איינס, צוויי!"—נאָכן קלאַפּ פֿונעם זייגער. און דערווײַל האָבן זיי אויסגעליידיקט די קליִיט, אַרויסגעגנבֿעט די גאַנצע סחורה מיטן געלט, געזאָגט „אַ גוטן טאָג!" און זענען אַוועק.

אָבער דער בעל־הבית האָט זיך נאָך אַלץ נישט אומגעקוקט און האָט כּסדר געזאָגט: „איינס, צוויי! איינס, צוויי! איינס, צוויי!" דערווײַל הערט ער, ס׳איז שטיל, קיינער שרײַט נישט. דענקט ער, מע וויל אים באַקלערן,* כּדי ער זאָל זיך אומקוקן. זאָגט ער ווײַטער: „איינס, צוויי! איינס, צוויי!" ער זעט אָבער, אַז ס׳איז שוין באַלד נאַכט און אין קליִיט איז שטיל, טראַכט ער, ער׳ט זיך אומקוקן. גיט ער זיך אַ קוק אום, איז אים פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן: ער האָט שוין געזען, אַז דאָס וואָס מע האָט אים געזאָגט איז טאַקע אמת – מע האָט אים באַגנבֿעט. האָט ער אָנגעהויבן שרײַען, לויפֿן, זוכן, אַהין־אַהער, אָבער ס׳איז שוין געווען פֿאַרפֿאַלן. נאָטקע מיט בן־נאָטקע זענען זיך דערווײַל אַוועקגעפֿאָרן

---

* אָפּנאַרן.

אין אַן אַנדער שטאָט, האָבן פֿאַרקויפֿט ס׳גאַנצע צירונג און האָבן געלעבט אַ טאָג.

איין מאָל אין אַ פֿרימאָרגן רופֿט זיך אָן בן־נאָטקע צו נאָטקען: „דו זעסט? אָט דעם קלויסטער דאַרפֿן מיר היינט צוועלעף אַ זייגער ביי נאַכט באַגנבֿענען“. פֿרעגט אים נאָטקע: „ווי אַזוי קען מען באַגנבֿענען אַזאַ קלויסטער?“ זאָגט ער: „דאָס מאָל פֿאַרלאָז דיך אָף מיר“. זענען זיי אַוועק צום קלויסטער צוועלעף אַ זייגער ביי נאַכט און זיי זענען צוגעקומען צום קלויסטער. רופֿט זיך אָן בן־נאָטקע צו נאָטקען: „דו גיי אַריין אין קלויסטער און פּאַקעווע איין אַלץ, און אַז דו וועסט הערן, אַז איך קלינג מיט די גלעקער, זאָלסטו אַלץ אַרויסגנבֿענען פֿון דאָרטן“. איז נאָטקע אַריין אינעווייניק, און בן־נאָטקע איז אַרויף אויבן צו די גלעקער און האָט פֿאַרהאַנגען אַלע פֿיר זייטן מיט ווייסע ליילעכער. דערנאָך האָט ער געכאַפּט קליינע זשאַבקעלעך און האָט אָנגעשמעלצט קליינע לעכטלעך אָף זיי און האָט אָנגעצונדן די לעכטלעך און האָט אָנגעהויבן קלינגען מיט די גלעקער. האָבן זיך די גויִים זייער דערשראָקן: וואָס גאָר פּלוצעם קלינגט מען ביי נאַכט? זענען זיי געקומען צו לויפֿן צום קלויסטער. אַז נאָטקע האָט דערזען, ווי אַלע גויִים שטייען ביים קלויסטער, האָט ער אָנגעהויבן שרייען צו זיי: „גייט אַוועק, ס׳איז דאָ אַ מלאך אין קלויסטער! אויב איר גלייבט נישט, וועט איר באַלד זען, ווי אויבן וועלן שפּרינגען פֿייערלעך.“ האָבן די גויִים אַרויפֿגעקוקט אויבן צום קלויסטער, האָבן זיי געזען, ווי סע שפּרינגען אַרום פֿייערלעך און ס׳איז ליכטיק, האָבן זיי זיך דערשראָקן און האָבן זיך אָנגעהויבן צו צֶלמען און זענען אַנטלאָפֿן. דערווייל האָט נאָטקע מיט בן־נאָטקע אַרויסגעראַמט דעם קלויסטער און זענען אַוועק אין אַ גאָסטיניצע נעכטיקן. ביי נאַכט, ווען זיי זענען שוין געלעגן אָף זייערע געלעגערס, האָבן זיי זיך צערעדט. רופֿט זיך אָן בן־נאָטקע צו נאָטקען: „האָבן מיר שוין אַזוי פֿיל גאָלד מיט זילבער, טאָ וואָס טויג אונדז נאָך מער צו גנבֿענען? לאָמיר זיך צעטיילן!“ זאָגט צו אים נאָטקע: „ווייסטו וואָס? לאָמיר

נאָך באַגנבֿענען אַט דעם גאָסטיניִצע, און דערנאָך וועלן מיר זיך צעטיילן". פֿרעגט אים בן־נאָטקע: „ווי אַזוי וועסטו באַגנבֿענען דעם גאָסטיניִצע?". ענטפֿערט אים נאָטקע אַזוי: „אַז ס'וועט שלאָגן צוועלעף אַ זייגער, זאָלסטו אַרויפֿגיין אָפֿן דאַך און זאָלסט דיך אַוועקשטעלן בײַם קוימען און זאָלסט וואַרטן, ביז וואַנען איכ'ל געבן אַ פֿײַף. און אַז דו וועסט דערהערן דעם פֿײַף, זאָלסטו אַרײַנשטעקן די האַנט אין קוימען, וועל איך דיר אַרויפֿגעבן דאָס פּעקל געלט." האָבן זיי אַזוי אָפּגערעדט און האָבן זיך אַוועקגעלייגט שלאָפֿן. דערווײַל האָט זיך דעם בעל־הביתס מיידל אונטערגעהערט די גאַנצע מעשׂה וואָס זיי האָבן גערעדט. איז זי אַרויפֿגעגאַנגען אָפֿן דאַך, האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַם קוימען און האָט געוואַרט.

אַז ס'האָט געשלאָגן צוועלעף אַ זייגער, האָט זיך נאָטקע אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און איז געגאַנגען טון זײַן אַרבעט, אָבער בן־נאָטקע האָט זיך פֿאַרשלאָפֿן. דערווײַל האָט נאָטקע באַגנבֿעט דעם גאָסטיניִצע; איז ער צוגעגאַן מיטן געלט צום קוימען און האָט געגעבן אַ פֿײַף. האָט דאָס מיידל וואָס איז געשטאַנען אָפֿן דאַך אַרײַנגעשטעלט די האַנט אין קוימען און האָט איבערגענומען דאָס געלט און איז אַרײַן צוריק אין שטוב אַרײַן. נאָטקע קומט אַרויף אָפֿן דאַך, זעט ער, ווי בן־נאָטקע איז נישטאָ, דענקט ער, אַז ער איז אַוועק מיטן געלט. טראַכט ער זיך: „כאַפּט אים דער טשאָרט מיטן געלט צוזאַמען! זאָל ער גיין, כ'האָב שוין גענוג געלט אָן אים!" און האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז זיך אַוועקגעפֿאָרן אין אַן אַנדער שטאָט.

אין דער פֿרי איז דאָס מיידל אַרײַנגעגאַנגען צום פֿאָטער און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשׂה און האָט אים פֿאַר אַ סימן געוויזן דאָס פּעקל געלט וואָס זי האָט אַרויסגענאַרט פֿון די גנבֿים. אַז דער פֿאָטער האָט דאָס דערהערט, איז ער געגאַנגען און האָט געכאַפּט בן־נאָטקען ווי ער איז געשלאָפֿן און האָט אים געוואָלט אַרעסטירן פֿאַר דעם. האָט בן־נאָטקע אָנגעהויבן רעדן: „איך בין אַ פֿײַנער, נישט קיין גנבֿ, נאָר ער האָט מיך געסטראַשעט מיטן

טויט, אַז כ׳זאָל עס טון. האָב איך מורא געהאַט און כ׳האָב׳ן צו־געזאָגט, דערווײַל האָב איך זיך פֿאַרשלאָפֿן. אַ סימן האָסטו, אַז ווען איך בין טאַקע אַ גנבֿ, פֿאַרשלאָף איך נישט די אַרבעט.״ האָט׳ן דער בעל־בית געגלייבט און האָט׳ן אָפּגעלאָזט.

בן־נאָטקע איז אָבער געווען זייער אַ שיינער חבֿרה־מאַן, האָט זיך דעם בעל־ביתס מיידל אין אים פֿאַרליבט, און ס׳איז געוואָרן אַ שידוך, און מ׳אָט זיי חתונה געמאַכט. האָט ער דערנאָך איבערגענומען דעם גאָסטיניעץ אָף זײַן נאָמען, האָט עס געהייסן: „גאָסטיניעץ פֿון בן־נאָטקע גנבֿ״.

38. דער שטריקדרייער

אַ מאָל איז געווען אַן אָרעמער ייִד, אַ שטריקדרייער. איז ער געווען אַזוי אָרעם, אַז ער האָט אַפֿילו נישט געהאַט, מיט וואָס צו קויפֿן קלאָטשע פֿאַר זײַנע שטריק צו דרייען. פֿלעגט ער אַרומגיין אָף די גאַסן און אָפֿן מאַרק צוזאַמענקלײַבן שטיקלעך אַלטע קלאָטשע, און פֿון דערפֿון פֿלעגט ער פֿלעכטן זײַנע שטריק. איין מאָל גייט פֿאַרבײַ אַ רײַכער פּריץ, זעט ער, ווי דער ייִד שטייט אין מוטשעט זיך נעבעך מיט די שטיקלעך אַלטע קלאָטשע און קען גאָרנישט מאַכן. פֿרעגט אים דער פּריץ: „וואָס טוסטו דאָ?“ זאָגט דער ייִד: „כ'האָב נישט קיין נײַע קלאָטשע צו מאַכן מײַנע שטריק“. האָט דער פּריץ אַרויסגענומען אַ זעקעלע מיט געלט און האָט געזאָגט: „איך גיב דיר דאָ דרײַ הונדערט רענדלעך, זאָלסט דיר צורעכטמאַכן דעם דאַך פֿון דײַן שטוב און זאָלסט דיר קויפֿן נײַע קלאָטשע צו מאַכן דײַנע שטריק“. האָט דער ייִד זייער שטאַרק אָנגעדאַנקט דעם פּריץ פֿאַר דער מתנה, צוגענומען די דרײַ הונדערט רענדלעך און אַרײַן אין שטוב. דערנאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען אַ רענדל, געגעבן דעם ווײַב אָף וועטשערע, און אַליין איז ער אַוועק אָפֿן מאַרק און האָט זיך געקויפֿט אַ נײַ היטל. דערנאָך, אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן וועטשערע, האָט ער אַרײַנגעלייגט דאָס זעקל מיט די רענדלעך אינעם נײַעם היטל, האָט עס אָנגעטון אָפֿן קאָפּ און זיך געלייגט שלאָפֿן. נאָר אַזוי ווי די שטוב האָט געהאַט אַ צעבראָכענעם דאַך, איז דורכגעפֿלויגן אַ פֿויגל, האָט אַרײַנ-

געכאַפּט ס׳היטל מיט די רענדלעך אין מויל אַרײַן און איז אַוועקגעפֿלויגן. אַז זיי זענען אופֿגעשטאַנען אין דער פֿרי, האָבן זיי ווײַטער גאָרנישט ניט געהאַט, און דער ייִד האָט זיך ווײַטער געשטעלט דרייען זײַנע שטריק פֿון אַלטע קלאָטשע.

אין אַ צײַט אַרום גייט ווײַטער פֿאַרבײַ דער פּריץ, זעט ער, ווי דער ייִד שטייט נעבעך און מוטשעט זיך ווידער מיט די אַלטע קלאָטשע, דרייט און דרייט און ס׳קומט גאָרנישט אַרויס. זאָגט ער צו אים: „דו דרייסט שוין ווײַטער דײַנע שטריק פֿון אַלטע קלאָטשע? ווו האָסטו אַהינגעטון דאָס געלט?" דערציילט אים דער ייִד פֿונעם אומגליק וואָס האָט אים געטראָפֿן איבער דעם צעבראָכענעם דאַך. האָט דאָס דער פּריץ אַלץ אויסגעהערט, זיך באַקלערט אַ ביסל און האָט געזאָגט: „נאַ, כ׳גיב דיר נאָך אַ מאָל דרײַ הונדערט רענדלעך, נאָר זע, ס׳זאָל אַזעלכעס מער נישט טרעפֿן!" – „חלילה, גאָט באַהיט! זאָגט דער שטריקדרייער, ס׳וועט אַזעלכעס מער נישט טרעפֿן!" און ער האָט זייער שטאַרק אָנגעדאַנקט דעם פּריץ פֿאַר דער צווייטער מתּנה, צוגענומען די דרײַ הונדערט רענדלעך און איז אַרײַן אין שטוב. דערנאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען אַ רענדל, געגעבן ס׳ווײַב אָף וועטשערע, און ס׳איבעריקע האָט ער באַהאַלטן אין אַ טאָפּ מיט קלײַען וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל. דאָס ווײַב האָט אָבער פֿון גאָרנישט געוווּסט. מאַכט זיך גראָד, ווען דער שטריקדרייער איז נישט געווען אין דער היים, פֿאָרט צו אַ בעל־עגלה, שטעלט זיך אָפּ פֿאַרן שטוב און פֿרעגט זי: „בעל־הביתטעניו, אפֿשר האָט איר נישט אַ מאָל עפּעס צו עסן פֿאַר מײַן פֿערד?" – „כ׳האָב גאָרנישט, זאָגט די ייִדענע, בלויז אַ טאָפּ מיט קלײַען וואָס שטייט דאָ אין ווינקל". האָט דער בעל־עגלה אָפּגעקויפֿט בײַ איר דעם טאָפּ מיט קלײַען פֿאַר אַ שטיקל זייף און איז אַוועקגעפֿאָרן. אַז דער מאַן איז אַהיימגעקומען, פֿרעגט ער: „ווו איז דער טאָפּ מיט קלײַען?" דערציילט זי אים, אַז זי האָט עס אַוועקגעגעבן פֿאַר

אַ שטיקל זייף. אַז דער מאַן האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך געוואָלט אַ מעשׂה אָנטון. ער האָט זיך געבייזערט און גע־שריגן, אָבער ס׳האָט אים גאָרנישט געהאָלפֿן, און ער האָט זיך ווײַטער געמוזט שטעלן דרייען זײַנע שטריק פֿון אַלטע קלאָטשע.

אין אַ צײַט אַרום גייט פֿאַרבײַ דער פּריץ מיט זײַן עקאָ־נאָם, זעט ער, ווי דער ייִד דרייט שוין ווײַטער זײַנע שטריק פֿון אַלטע קלאָטשע. האָט עס אים שטאַרק פֿאַרדראָסן. האָט ער געטון אַ מאַך מיטן האַנט און איז אַוועקגעגאַנגען. דער שטריק־דרייער איז אים נאָכגעלאָפֿן און האָט אים געוואָלט דערציילן, וואָס ס׳האָט געטראָפֿן, אָבער דער פּריץ איז שוין געווען ווײַט אַוועק. איז ער נאָכגעלאָפֿן דעם עקאָנאָם און האָט אים דערציילט, ווי אַזוי ער האָט פֿאַרלוירן די דרײַ הונדערט רענדלעך, און אַז ער איז צוריק דער זעלביקער אָרעמאַן וואָס פֿריִער. „כ׳קען דיר גאָרנישט העלפֿן, זאָגט דער עקאָנאָם, כ׳האָב אין מײַן קעשענע אַ שטיקל בלײַ, נאַ דאָס דיר, ס׳וועט דיר צו ניץ קומען!" דער ייִד האָט צוגענומען דאָס שטיקל בלײַ און איז אַהיימגעגאַנגען. אין דער היים האָט ער דאָס נאָך אַ מאָל באַקוקט און געזען, אַז ס׳האָט גאָרנישט קיין ווערט, האָט ער עס אַ וואָרף געטון אויף דר׳ערד און האָט געזאָגט: „אַז עס גייט, גייט עס פֿון אַלע זײַטן!"

זײַן ווײַב האָט אָבער פֿון גאָרנישט געוווּסט. זעט זי, אויף דער ערד ליגט עפּעס אַ שטיקל בלײַ, הייבט זי עס אויף און לייגט עס אַוועק אויפֿן טיש. מאַכט זיך גראָד, ווען דער שטריקדרייער איז נישט געווען אין דער היים, קומט צו אַ פֿישער וואָס האָט געוווינט דערנעבן און פֿרעגט זי: „בעל־הביתטעניו, אפֿשר האָט איר נישט אַ מאָל עפּעס אַ שווערע זאַך צו מאַכן שווער מײַן נעץ?" — „כ׳האָב גאָרנישט, זאָגט די ייִדענע, בלויז אַ שטיקל בלײַ וואָס ליגט דאָ אויפֿן טיש, נעמט עס אײַך!" דער פֿישער האָט צו־גענומען דאָס שטיקל בלײַ און האָט איר צוגעזאָגט דערפֿאַר צו ברענגען דעם ערשטן פֿיש וואָס ער וועט כאַפּן. איז ער אַוועק

צום טײַך און אַרײַנגעלייגט דאָס שטיקל ברויט אין זײַן נעץ, איז עס געוואָרן שווערער, איז עס אַראָפּ טיפֿער אין וואַסער. ס'האָט לאַנג נישט גענומען, האָט ער באַלד געכאַפּט דעם ערשטן פֿיש, האָט ער אים אָוועקגעטראָגן צום שטריקדרייערס ווײַב: „דאָ האָט איר אַ שיינעם פֿיש אויף שבת, זאָגט דער פֿישער, און עסט געזונטערהייט!" די ייִדענע האָט אים דערפֿאַר אָנגעדאַנקט אַ פֿולן ספּאָדיק, און זי האָט זיך באַלד גענומען צו מאַכן דעם פֿיש. אָבער ווי נאָר זי האָט אים אָפּגעשאָבן און אויפֿגעשניטן דעם בויך, האָט עפּעס געטון אַ בלישטש מיט אַזאַ ליכטיקייט, אַז זי איז שיער נישט פֿאַרבלענדט געוואָרן. אין דעם איז אָנגעקומען איר מאַן, דער שטריקדרייער. זעט ער, ס'איז עפּעס אַזוי מאָדנע ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך פֿון שטוב. פֿרעגט ער: „וואָס איז דאָס?" זאָגט זי: „כ'ווייס נישט" און ווײַזט אים מיטן האַנט אויפֿן פֿיש וואָס דער פֿישער האָט איר געבראַכט. לויפֿט ער צו און גיט אַ קוק, זעט ער, ווי אינעם בויך פֿון דעם פֿיש ליגט עפּעס אַ שטיין וואָס שײַנט און בלישטשעט מיט אַלערליי קאָלירן. האָט ער נישט געמאַכט קיין לאַנגע שיִעס,* געכאַפּט און אײַנגעוויקלט דעם וווּנדערלעכן שטיין אין אַ שמאַטע און אָוועקגעטראָגן צום גאָלדשמיד פֿרעגן, וויפֿל ס'איז ווערט. אָבער ווי נאָר דער גאָלדשמיד האָט פֿונאַנדער־געוויקלט די שמאַטע און אַרויסגענומען דעם שטיין, איז ער שיער נישט פֿאַרבלענדט געוואָרן פֿון זײַן ליכטיקייט און פֿון זײַנע וווּנדערלעכע קאָלירן. „אוי ווי, דאָס איז דאָך גאָר אַ טײַערער דימענט! האָט דער גאָלדשמיד אויסגעשריגן: ווו האָט איר אים גענומען?" — „אָבער וויפֿל איז ער ווערט?" האָט דער שטריק־דרייער געפֿרעגט. „וויפֿל ער איז ווערט, ווייס איך נישט, האָט דער גאָלדשמיד געזאָגט, נאָר מיר דוכט זיך, אַז ווען צוויי מלוכות זאָלן צוזאַמענעמען דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער און אַלע אוצרות וואָס זיי פֿאַרמאָגן, וואָלטן זיי נאָך אַלץ נישט פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל,

---

* =שהיות.

וויפל דער דימענט איז ווערט". אַז דער שטריקדרייער האָט דערהערט פון אַזוי פיל אוצרות, איז ער געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער און האָט נישט געוווּסט, וואָס צו זאָגן. האָט ער געקלערט און געקלערט, און דערנאָך רופט ער זיך אָפּ צום גאָלדשמיד: „איך וויל אים פאַרקויפן". האָט זיך דער גאָלדשמיד צעלאַכט: „כ'ווייס, אַז איר ווילט! אָבער קיינער וועט דעם דימענט בײַ אײַך נישט קויפן, וואָרעם ס'איז נישטאָ אַזאַ מענטש אָף דער וועלט, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַזוי פיל געלט". — „וואָס זשע טוט מען?" פרעגט דער שטריקדרייער. „גאָרנישט, זאָגט דער גאָלדשמיד, נאָר מײַן עצה וואָלט געווען, איר זאָלט מיר הייסן דעם דימענט צעהאַקן אָף קליינע שטיקעלעך, וועט איר פאַר דעם קלענסטן שטיקעלע קענען אָפּקויפן מאַיאָנטקעס און וואָס איר וועט נאָר ווען". און אַזוי איז טאַקע געבליבן: דער גאָלדשמיד האָט צעהאַקט דעם דימענט אָף קליינע שטיקעלעך, און דער שטריקדרייער האָט אַלע מאָל אַרויסגענומען אַ שטיקעלע דימענט און האָט אָפּגעקויפט דערמיט אַ הויז, אַ פעלד, אַ וואַלד, און אַזוי האָט ער אויפגעקויפט מאַיאָנטקעס און איז געוואָרן זייער רײַך. און אַלע פּריצים פון אַרום האָבן זיך מיט אים גערעכנט ווי מיט זייערס גלײַכן.

איין מאָל האָט איינער פון די פּריצים געמאַכט זייער אַ רײַכן באַל, האָט ער אויך פאַרבעטן דעם שטריקדרייער מיט זײַן ווײַב. האָבן זיי זיך ביידע אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, אײַנגעשפּאַנט דעם שיינעם פערד אין דער שיינער ברישטקע און זענען אַוועקגעפאָרן צום באַל. פאָרנדיק אַזוי אָפן וועג, זענען זיי פאַרבײַגעפאָרן אַ פּוסט פעלד. פאַרקוקט זיך דער שטריקדרייער אַהין, זעט ער, ווי עס שטייט אַ שוואַרצע קראָ און פּיקט מיטן שנאָבל אין עפּעס אַ באַקאַנטער זאַך. איז אים געוואָרן טשיקאַווע צו זען, וואָס דאָס איז. גייט ער אַראָפּ פון ברישטקע און גייט צו צום אָרט, וווּ די זאַך איז געלעגן. האָט ער דערקענט, אַז דאָס איז זײַן היטל מיט די דרײַ הונדערט רענדלעך, וואָס אַ פויגל האָט פון אים אַ מאָל אַראָפּגעכאַפּט. האָט ער דאָס אויפגעהויבן און

געפֿאָרן ווײַטער. אָפּפֿאָרנדיק אַזוי אַ פּאָר מײַל, האָט ער באַמערקט, אַז ס'איז אים אויסגעגאַנגען דאָס עסן פֿאַרן פֿערד. שטעלט ער זיך אָפּ לעבן אַ קליין הײַזל און פֿרעגט דאָרט בײַ דער ייִדענע, צי זי האָט נישט עפּעס צו עסן פֿאַר זײַן פֿערד. „כ'האָב גאָרנישט, זאָגט די ייִדענע, בלויז אַ ביסעלע קלײַען אין אַ טאָפּ". נעמט ער בײַ איר די קלײַען און גיט עס דעם פֿערד צו עסן, זעט ער, ווי עס פֿאַלן דערפֿון אַרויס אַ סך גאָלדענע רענדלעך. דערמאָנט ער זיך, אַז דאָס איז דער אייגענער טאָפּ מיט די רענדלעך וואָס ער האָט אַ מאָל באַהאַלטן. האָט ער זיי צוזאַמענגעקליבן און געזאָגט: „אַז עס גייט, גייט עס פֿון אַלע זײַטן!", און איז אַוועק געפֿאָרן צום באַל.

39. אַ מעשׂה פֿון אַן אָרעמען און אַ רײַכן ברודער

אַ מאָל זענען געווען צוויי ברידער, איינער אַן אָרעמער און איינער אַ רײַכער.

דער רײַכער פֿלעגט קיין מאָל נישט וועלן וויסן פֿון דעם אָרעמען ברודער, ער פֿלעגט אים קיין מאָל נישט וועלן העלפֿן. און אַזוי ווי דער אָרעמער האָט נישט געהאַט פֿון וואָס צו לעבן, פֿלעגט ער גיין אין וואַלד אַרײַן האַקן האָלץ. פֿלעגט אָנהאַקן אַ בינטל האָלץ, פֿלעגט ער עס טראָגן אין מאַרק אַרײַן פֿאַרקויפֿן, און דער־פֿון האָט ער מפֿרנס געווען ווײַב און קינדער.

איין מאָל, אַזוי ווי ער איז געשטאַנען אין וואַלד און האָט געהאַקט דאָס האָלץ, האָט ער דערהערט אַ גרויס געזאַנג, האָט ער זיך פֿאַרחידושט און דערשראָקן. האָט ער זיך געקלערט, ער וועט אַרופֿקריכן אויף אַ בוים, וועט ער זען, ווער סע זינגט דאָס. איז ער אַרופֿגעקראָכן אויף אַ בוים, און אַזוי ווי ער איז שוין געווען אויפֿן בוים, האָט ער געזען, ווי ס׳איז אָנגעקומען אַ מחנה גזלנים מיט פֿולע זעק אויף די פּלייצעס און האָבן גע־זונגען. און ער האָט געזען, ווי זיי זענען צוגעקומען צו אַן אָרט, האָט זיך געעפֿנט אַ טירעלע, זענען זיי אַרײַנגעגאַנגען. און ס׳האָט געדויערט אַ שטיקל צײַט, זענען זיי אַרויסגעקומען צוריק מיט ליידיקע זעק און האָבן ווײַטער געזונגען און זענען אַוועק־געגאַנגען.

דעם אַנדערן טאָג איז ער ווײַטער געגאַנגען אין וואַלד אַרײַן האַקן האָלץ, האָט ער ווידער געזען די גזלנים און ער

האָט ווידער געהערט דאָס געזאַנג. האָט ער זיך געקלערט, ער וועט זיך זעצן אָף דעם בוים נאָענטער, וועט ער זיי קענען בעסער אָנקוקן. האָט ער זיך געזעצט נענטער, האָט ער געזען, ווי ס׳זענען אָנגעקומען די זעלביקע גזלנים וואָס נעכטן, און אַז זיי זענען צוגעקומען צום אָרט, האָט ער געהערט, ווי זיי האָבן געזאָגט: „טירעלע, טירעלע, עפֿן זיך!“ האָט זיך דאָס טירעלע געעפֿנט. און ווען זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען, האָט ער זיי איבער־געציילט, זענען זיי געווען צוועלף גזלנים. האָט ער ווײַטער אויסגעוואַרט אַ שטיקל צײַט, זענען זיי ווידער אַרויסגעקומען מיט ליידיקע זעק און האָבן געזאָגט: „טירעלע, טירעלע, פֿאַרמאַך זיך!“ האָט זיך עס פֿאַרמאַכט, האָבן זיי ווײַטער געזונגען און זענען אַוועקגעגאַנגען.

אָפֿן דריטן טאָג איז ער ווײַטער געקומען אין וואַלד אַרײַן און איז אַרופֿגעקראָכן אָפֿן בוים, האָט ער ווידער געזען, ווי די צוועלף גזלנים זענען אָנגעקומען צום אָרט און האָבן געזאָגט: „טירעלע, טירעלע, עפֿן זיך!“ האָט זיך דאָס טירעלע גלײַך געעפֿנט. זענען זיי אַרײַנגעגאַנגען, און ער האָט זיי איבערגעציילט, זענען זיי געווען צוועלף. און ווען זיי זענען אַרויסגעקומען, האָט ער זיי נאָך אַ מאָל איבערגעציילט, האָט ער געזען, אַז ס׳זענען דאָ צוועלף. און זיי האָבן געזאָגט צום טירעלע: „טירעלע, טירעלע, פֿאַרמאַך זיך!“ האָט זיך עס פֿאַרמאַכט. האָבן זיי ווײַטער געזונגען און זענען אַוועקגעגאַנגען. און אַז זיי זענען אַוועק און ער האָט שוין געהערט דאָס געזאַנג ווײַט ווײַט אַוועק, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז זיי זענען שוין זייער ווײַט, איז ער אַראָפּגעקראָכן פֿון בוים און איז צוגעגאַנגען צום טירעלע און האָט געזאָגט: „טירעלע, טירעלע, עפֿן זיך!“ האָט זיך דאָס טירעלע געעפֿנט. איז ער אַרײַנגעקומען אין אַ טיפֿע הייל און ער האָט דערזען פֿאַר זיך אוצרות מיט גאָלד און מיט זילבער, מיט פּערל און מיט בריליאַנטן און אַ סך, אַ סך גאָלדענע רענדלעך. האָט ער זיך געקלערט: „וואָס טוט מען?“ דערווײַל האָט

ער דערזעט, אַז סע ליגט אַ זעקל, האָט ער גענומען דאָס זעקל און האָט עס אָנגעשטאָפּט מיט גאָלדענע רענדלעך און האָט גענומען דאָס זעקל אויף די פּלייצעס און האָט געזאָגט: „טירעלע, טירעלע, עפן זיך!" האָט זיך עס געעפנט. איז ער אַרויסגעגאַנגען און איז אַוועק אַהיים.

אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער אויסגעשיט דאָס זעקל מיט די רענדלעך אין מיטן שטוב, איז אין שטוב געוואָרן ליכטיק פון די רענדלעך וואָס ער האָט אויסגעשיט. האָט זיך דאָס ווײַב מיט די קינדער זייער דערפרייט. ער האָט אָבער געוואָלט וויסן, וויפל רענדלעך ער האָט דאָ: ס'איז געווען אַזוי פיל, אַז ער האָט עס נישט געקענט איבערציילן, און אַ קוואָרט מיט וואָס איבער-צומעסטן האָט ער אויך נישט געהאַט. זאָגט דאָס ווײַב צו אים: „ווייסטו וואָס? נאָמיר אַרײַנשיקן צו דײַן רײַכן ברודער און לײַען אַ קוואָרט, וועלן מיר האָבן מיט וואָס איבערצומעסטן". האָבן זיי אַרײַנגעשיקט דאָס עלטערע ייִנגל צום רײַכן ברודער צו לײַען אַ קוואָרט. האָט זיך דעם רײַכן ברודערס ווײַב געקלערט: „וואָס האָט דאָרט דער קבצן צו מעסטן מיט אַ קוואָרט?" קלערט זי זיך, זי וועט אָנקלעפּן אַ שטיקל קליי צום דנאָ פון דער קוואָרט, איז וואָס דער אָרעמער ברודער וועט מעסטן, וועט זיך עפּעס צוקלעפּן צום דנאָ, וועט זי וויסן, וואָס ער האָט געמאָסטן. איז טאַקע אַזוי געווען, ווײַל ווען מע האָט איר אָפּגעבראַכט צוריק די קוואָרט, זי טוט אַ קוק, דרײַ רענדלעך זענען צוגעקלעפּט צום דנאָ! האָט זי זיך גאָרנישט געמאַכט וויסן און האָט צוגענומען די רענדלעך.

אָפן אַנדערן טאָג איז דער אָרעמער ברודער ווידער געגאַנגען אין וואַלד אַרײַן, האָט ער דאָרט אויסגעוואַרט, ביז די גזלנים זענען אַוועקגעגאַנגען, און אַז זיי זענען שוין געווען ווײַט, ווײַט אַוועק, איז ער צוגעקומען צום הייל און האָט געזאָגט: „טירעלע, טירעלע, עפן זיך!" האָט זיך עס געעפנט. איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין דער הייל און האָט זיך ווידער אָנגעשטאָפּט אַ פולן זאַק מיט רענדלעך און האָט געזאָגט צום טירעלע: „טירעלע, טירעלע, פאַרמאַך זיך!"

און איז אַוועק אַהיים. האָט ער אויסגעשיט די רענדלעך אין מיטן שטוב און האָט געוואָלט וויסן, וויפל ס׳איז דאָ. האָבן זיי ווידער אַרײַנגעשיקט צום רײַכן ברודער לײַען די קוואָרט. האָט מען זיי געליִען די קוואָרט, און ער האָט איבערגעמאָסטן די רענדלעך. און אַז מע האָט אָפּגעבראַכט די קוואָרט צום רײַכן ברודער, האָט זײַן ווײַב ווידער געפֿונען צוגעקלעפּט צום דנאָ עטלעכע רענדלעך. און אָפֿן דריטן טאָג איז ווידער די אייגענע מעשׂה: אַז מע האָט איר אָפּגעבראַכט די קוואָרט, האָט זי ווידער געפֿונען צוגעקלעפּט רענדלעך צום דנאָ. זאָגט זי צו איר מאַן, דעם רײַכן ברודער: „גיב אַ קוק! פֿון וואַנען נעמט דײַן אָרעמער ברודער אַזוי פֿיל רענדלעך? גיי און קוק אים נאָך און זע, פֿון וואַנען ער נעמט זיי". אַ כּלל, זי האָט אים אַזוי דערגאַנגען די יאָרן, ביז וואַנען ער איז נאָכ־געגאַנגען דעם אָרעמען ברודער אין וואַלד אַרײַן און האָט געזען, וואָס דער אָרעמער ברודער טוט.

דעם אַנדערן טאָג איז ער אַוועקגעגאַנגען אַליין אין וואַלד אַרײַן. אָבער דערווײַל האָבן די גזלנים געזען, אַז עס פֿעלט זיי גאָר אַ סך רענדלעך, האָבן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז עמעצער קומט אַרײַן און נעמט זיי צו. האָבן זיי געגעמען און האָבן איבערגעלאָזט איינעם פֿון זיי אין דער הייל, ער זאָל זען, ווער עס נעמט בײַ זיי צו די רענדלעך. איז איינער געבליבן, און עלעף זענען אַוועק־געגאַנגען. און ווען דער רײַכער ברודער איז אַרײַנגעקומען אין הייל אַרײַן נעמען רענדלעך, האָט אים דער איבערגעבליבענער גזלן באַלד געכאַפּט און האָט אים אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און אַרײַנ־געלייגט אין אַ זאַק. דערנאָך האָט ער אים צוגעטראָגן צו זײַן שטוב און האָט אים אַוועקגעלייגט אין דרויסן פֿאַר דער טיר. שפּעטער, אַז דעם רײַכן ברודערס ווײַב איז אַרויסגעקומען פֿון שטוב און האָט געזען דעם זאַק שטיין פֿאַר דער טיר, האָט זי געמיינט, אַז ס׳איז אַ זאַק מיט רענדלעך, האָט זי אים אַרײַנגענומען אין שטוב אַרײַן. און אַז זי האָט אים אָפּגעפּנט, איז איר געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן, ווײַל זי האָט דערזען, אַז דאָס איז איר

אייגענער מאַן מיט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ. איז זי אַוועק צום אָרעמען ברודער מיט אַ גרויס געוויין. האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך נישט באַגגיגט מיט זײַן רײַכקייט, וויפֿל ער האָט געהאַט, איז אים געווען ווייניק, דערפֿאַר האָט אים גאָט געשטראָפֿט.

און ער, דער אָרעמער ברודער, איז געוואָרן אַלץ רײַכער און רײַכער.

זיי איז גוט,
און אונדז איז נאָך בעסער;
זיי עסן אײַנגעמאַכטס מיטן פֿולן לעפֿל,
און מיר אָפּן שפּיץ מעסער!

40. ווי אַזוי אַ קלוג שנײַדערל איז געוואָרן אַ חזן

אין אַ קליין שטעטעלע איז אַ מאָל געווען אַ שנײַדערל, האָט ער געקענט זייער פֿײַן זינגען, האָט ער געוואָלט ווערן אַ חזן. איין מאָל רופֿט זיך אָן צו אים זײַן בעל־בית: „ווייסטו וואָס? אַז דו וועסט מיר קענען פֿאַרנאַרן די חיות פֿונעם וואַלד מיט דײַן שיין זינגען, וועל איך דיך מאַכן פֿאַר אַ חזן". זאָגט דאָס שנײַדערל: „גוט!" און ער הייבט זיך אויף און לאָזט זיך אַוועקגיין אין וואַלד אַרײַן מיט אַ גרויס געזאַנג. גייט ער אין וואַלד און זינגט. ער זינגט און זינגט, אָבער ער זעט נישט קיין שום חיות. האָט ער זיך באַקלערט און האָט זיך גענומען מאַכן אַ קליין שטיבעלע פֿון האָלץ, אַ קײַלעכיקס מיט אַ בוידעמל פֿון אויבן. און אַז ער האָט שוין געהאַט פֿאַרטיק געמאַכט דאָס שטיבעלע, האָט ער אונטן אָנגעלייגט אַ סך פֿלייש און אָפֿן בוידעמל האָט ער זיך געבאַהאַלטן. דערווײַל איז דורכגעלאָפֿן אַ הונגעריקער וואָלף, האָט ער דערשמעקט ס'פֿלייש. קומט ער צו, זעט ער, אין שטיבעלע איז קיינער נישטאָ, איז ער אַרײַנגעגאַנגען און האָט זיך אָנגעגעסן מיטן פֿלייש, ביז ער איז געוואָרן זאַט, און אַז ער איז געוואָרן זאַט, איז ער געבליבן ליגן. קומט אַראָפּ דאָס שנײַדערל פֿונעם בוידעם און פֿרעגט אים: „וועלוועלע, ווילסט ווערן אַ טרעגער?" זאָגט דער וואָלף: „יאָ, אָבער איך ווייס נישט ווי אַזוי". זאָגט דאָס שנײַדערל: „קום, כ'וועל דיר ווײַזן ווי אַזוי". איז ער געגאַנגען און האָט אַרויסגעפֿירט דעם וואָלף אין דרויסן, צוגעפֿירט צו אַ קופּע שטיינער און האָט געזאָגט: „וועלוועלע, דריי דיך אום מיט דער פּלייצע, וועל איך דיר ווײַזן,

ווי אַזוי צו ווערן אַ טרעגער". האָט אים דער וואָלף געפאָלגט און האָט זיך אומגעדרייט מיט דער פּלייצע. גייט דאָס שנײַדערל און פּילט אָן אַ זאַק מיט שטיינער, בינדט עס צו מיט אַ שטריק צום וואָלפס פּלייצע און אַנקלויפט. דער וואָלף האָט אים געוואָלט נאָכ־לויפן, האָט ער נישט געקענט, האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַען, — נו, שרײַט ער!

דאָס שנײַדערל לויפט צוריק אַרוף אָפן בוידעמל, לייגט זיך אַוועק און וואַרט. דערווײַל איז דורכגעלאָפן אַ הונגעריקער בער, האָט ער דערשמעקט ס'פלייש. קומט ער צו, זעט ער, אין שטיבעלע איז קיינער נישטאָ, איז ער אַרײַנגעגאַנגען און האָט זיך אָנגעגעסן מיט פלייש, ביז ער איז געוואָרן זאַט, און אַז ער איז געוואָרן זאַט, איז ער געבליבן ליגן. קומט אַראָפּ ס'שנײַדערל פונעם בוידעם און פרעגט אים: „בערעלע, ווילסט ווערן אַ קלעזמער?" זאָגט דער בער: „יאָ! כ'האָב דאָך אָבער קרומע פינגער אין די הענט, וועל איך נישט קענען האַלטן דעם פידל". זאָגט דאָס שנײַדערל: „קום, וועל איך דיר אויסגלײַכן די פינגער, וועסטו קענען האַלטן דעם פידל". איז ער געגאַנגען און האָט אַוועקגעפירט דעם בער צו אַ דאָרף לעבן אַ מיל, איז דאָרט געלעגן גרויסע שטיינער, קײַלעכיקע און מיט שרויפן. זאָגט ער צום בער: „לייג אַרײַן די הענט צווישן די שטיינער, וועל איך דיר אויסגלײַכן די פינגער, וועסטו קענען האַלטן דעם פידל, וועסטו ווערן אַ קלעזמער". האָט אים דער בער געפאָלגט און האָט אַרײַנגעלייגט זײַנע לאַפּעס צווישן די שטיינער. איז געגאַנגען ס'שנײַדערל און האָט זיי גוט צוגעשרויפט און איז אַנקלאָפן. דער בער האָט אים געוואָלט נאָכלויפן, האָט ער נישט געקענט, האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַען, — נו, שרײַט ער!

דאָס שנײַדערל לויפט ווײַטער אַרוף אָפן בוידעמל און באַהאַלט זיך. דערווײַל איז דורכגעלאָפן אַ הונגעריקער פוקס, האָט ער דער־שמעקט פלייש. קומט ער צו, זעט ער, אין שטיבעלע איז קיינער נישטאָ. אַ פוקס איז דאָך אָבער קלוג, טראַכט ער זיך: „יאָ אַרײַנ־גיין, נישט אַרײַנגיין?" האָט ער זיך באַקלערט און עפנט אויף די

טיר און גייט אַרײַן. זעט ער, ווי ס'פֿלייש איז שוין מער נישטאָ, נאָר סע שמעקט, לאָזט ער זיך אַרויסגיין. לויפֿט אַראָפּ ס'שנײַדערל פֿונעם בוידעם און כאַפּט אים אָן בײַם עק און זאָגט: „פֿיקסל, ווילסט ווערן אַ חזן?‟ זאָגט דער פֿוקס: „ניין, כ'וויל נישט, כ'בין נישט אַזאַ נאַר!‟ און האָט זיך מיטן גאַנצן כּוח געטון אַ ריס אויס, האָט ער זיך אויסגעריסן אָן דעם עק און איז אַנטלאָפֿן. לויפֿט ער אָן דעם עק מיט אַ ווייטיק און איז אין כּעס אָפֿן שנײַדערל. קלערט ער זיך, אַז ער אַליין קען אים גאָרנישט אָפּטון, וועט ער צונויפֿרופֿן זײַנע פֿרײַנד פֿון וואַלד, די חיות, וועלן זיי אים שוין אָנלערנען. און אַזוי ווי ער לויפֿט, דער פֿוקס, זעט ער, סע שטייט אַ פֿייגעלע. פֿרעגט אים ס'פֿייגעלע: „וואָס לויפֿסטו אַזוי פֿאַרוויינט?‟ זאָגט דער פֿוקס: „דאָס שנײַדערל האָט מיר אַרויסגעריסן דעם עק, ווײַל איך האָב נישט געוואָלט ווערן קיין חזן‟. זאָגט דאָס פֿייגעלע צו אים: „זאָרג דיך נישט, ס'איז דאָ אַ מיטל. גיי דאָרט צו צום ריטשקעלע און טונק דיך אונטער, וועט דיר אָנוואַקסן אַן אַנדער עק.‟ האָט דער פֿוקס אַזוי געטון, איז אים אָנגעוואַקסן אַן אַנדער עק. לויפֿט ער ווײַטער צונויפֿרופֿן זײַנע פֿרײַנד, זיי זאָלן אָנלערנען דעם שנײַדערל. און אַזוי ווי ער לויפֿט, זעט ער, ווי דער וואָלף שלעפּט זיך מיט אַ זאַק שטיינער אָף די פּלייצעס און קען נישט גיין. פֿרעגט ער אים: „וואָס איז דאָס?‟ זאָגט דער וואָלף: „ס'שנײַדערל האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ טרעגער‟. צעלאַכט זיך דער פֿוקס: „דו נאַר וואָס דו ביסט! דאָס שנײַדערל איז אַ רוצח! ער האָט זיך באַוואָרנט, דו זאָלסט אים נישט אופּעסן‟. און ער בינדט אים אָפּ דעם זאַק שטיינער פֿון די פּלייצעס, און זיי לאָזן זיך ביידע לויפֿן. און אַזוי ווי זיי לויפֿן, דערזעען זיי, ווי דער בער שטייט מיט ביידע לאַפּעס פֿאַרקלעמט צווישן די שטיינער און קען זיי נישט אַרויסנעמען. פֿרעגן זיי אים: „וואָס איז דאָס?‟ זאָגט דער בער: „ס'שנײַדערל האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ קלעזמער‟. צעלאַכן זיי זיך: „דו נאַר וואָס דו ביסט! ס'שנײַדערל האָט מורא געהאַט, זאָלסט אים נישט צעגראַבלען מיט די נעגל, האָט ער דיר פֿאַר־

קלעמט דײַנע לאַפּעס". זענען זײ געגאַנגען און האָבן אים אַרויס־געשלעפּט די לאַפּעס פֿון די שטײנער און זענען שוין אַלע דרײַ געלאָפֿן צום שנײַדערל אָנלערנען אים.

און אַז דאָס שנײַדערל האָט דערזען, ווי אַלע חיות לױפֿן צו אים מיט אַ כּעס, האָט ער זיך גאָרנישט דערשראָקן. ער האָט זיך געטראַכט, אַז ער וועט זײ איצט אויכעט אָפּנאַרן. איז ער געגאַנגען און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די הויזן און האָט זיך אָפּן נאַקעטן הינטן צוגעבונדן דעם עק וואָס דער פֿוקס האָט בײַ אים איבער־געלאָזט. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט מיטן הינטן צו די חיות און האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען מיטן עק. האָבן די חיות נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז, וואָרעם אַזאַ אויסטערלישע חיה האָבן זײ נאָך קײן מאָל נישט געזען, האָבן זײ זיך דערשראָקן און זענען אָף צוריק אַנטלאָפֿן אין וואַלד אַרײַן.

אַז דאָס שנײַדערל האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און איז אַרײַנגעקומען צום בעל־בית און האָט אים דערציילט, וואָס ער האָט אויפֿגעטון. איז געגאַן דער בעל־בית און האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ חזן אין אַ דאָרף צווישן גויִים. דער נאָמען פֿונעם דאָרף איז מאַראַ־טיאַרע. און שוין!

41. דער דאַנקבאַרער מת

ס׳אַ מאָל געווען אַ גרויסער גבֿיר, האָט ער נישט געהאַט קיין קינדער און ער האָט דווקא געוואָלט האָבן אַ קינד. איז ער אַוועקגעפֿאָרן צו אַ גרויסן גוטן ייִד, און דער גוטער ייִד האָט אים געבענטשט מיט אַ ייִנגל און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ביז דרײַצן יאָר זאָל ער אים האַלטן אין דער פֿינצטער, אַז נישט, וועט ער זײַן אַ גנבֿ. דער גבֿיר האָט באַצאָלט דעם גוטן ייִד און איז אַהיימגעפֿאָרן.

ס׳איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקל צײַט, דאָס ווײַב זײַנס האָט געהאַט אַ ייִנגל. און אַז ער איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר, האָט מען אים אַרײַנגעזעצט אין אַ הייל מיט אָרעמע קינדער צוזאַמען, מיט אַ רבין, און מ׳אָט זיי געלערנט, און דער גבֿיר האָט באַצאָלט פֿאַר די אָרעמע קינדער פֿאַרן לערנען. און אַז דאָס ייִנגל איז אַלט געוואָרן דרײַצן יאָר, האָט מען אים אַרויסגענומען פֿון הייל מיט די אַנדערע ייִנגלעך און מ׳אָט געמאַכט אַ גרויסע שׂימחה. מ׳אָט געגעבן יעדן ייִנגל צו פֿינף קערבלעך און מ׳אָט באַצאָלט דעם רבין, און זיי זענען זיך אַוועקגעגאַנגען.

ס׳איז אַוועק נאָך אַ שטיקל צײַט, דאָס ייִנגל האָט אָנגעהויבן גיין אין גאַס, האָט ער אָנגעהויבן זען שיינע זאַכן, האָט ער אָנגעהויבן צונעמען, צוגנבֿענען. האָבן די עלטערן געזען, אַז ס׳איז אַ שלעכט געשעפֿט מיט אים, האָבן זיי צוריקגערופֿן דעם רבין און האָבן אים געפֿרעגט: „וויפֿל ווילסטו, אַז דו זאָלסט אַרומפֿאָרן מיט אונדזער ייִנגל איבער דער וועלט אויף צוויי

יאָר?״ זאָגט ער: „פּופּציק קערבלעך״. האָט מען אים געגעבן פּופּציק קערבלעך און מ׳אָט דעם יִנגל מיטגעגעבן אַ סך געלט, און זיי זענען זיך אַוועקגעפֿאָרן אין אַ גרויסער שטאָט אַרײַן. געקומען אין דער שטאָט אַרײַן, זענען זיי פֿאַרפֿאָרן אין אַ גאַסטיניצע און זיי האָבן דאָרט איבערגענעכטיקט. און אָף מאָרגן אין דער פֿרי, ווען זיי זענען אויפֿגעשטאַנען, רופֿט זיך אָן דער רבי צום יִנגל: „ווייסטו וואָס? גיב מיר אַ סך געלט, וועל איך מיר אַוועקפֿאָרן און וועל דיך דאָ לאָזן אַליין, וועסטו קענען טון, וואָס דו וועסט וועלן״. זאָגט דאָס יִנגל: „גוט!״ איז ער געגאַנגען און האָט אים געגעבן זייער אַ סך געלט. איז זיך דער רבי אַוועקגעפֿאָרן, און דאָס יִנגל איז געבליבן אַליין. האָט ער אָנגעהויבן עסן און טרינקען, שיכּורן, שפּילן אין קאָרטן און האָט פֿאַרפּטרט ס׳גאַנצע געלט. האָט ער געזען, ווי ער האָט שוין קיין געלט נישט, טראַכט ער: „וואָס טוט מען איצטער?״ און איז אַרויס אָף דער גאַס. איז אַזוי ווי ער גייט אָף דער גאַס, רופֿט אים אײנער צו און פֿרעגט אים, צי ער וויל ווערן אַ משרת אין אַ גרויסן גאַסטיניצע. זאָגט ער: „יאָ. קיין געלט האָב איך נישט און עסן האָב איך אויך נישט ווו, טאָ וואָס אַרט מיך, אַז כ׳וועל ווערן אַ משרת?״ איז ער געגאַנגען און האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ משרת אין דעם גאַסטיניצע. האָט ער דערלאַנגט יעדן איינעם וואָס מע דאַרף, געראַמט און געוואַשן די פֿאָלן. דערווײַל קומט צו דער בעל־בית צו אים און זאָגט צו אים: „גיי אַרוף אָפֿן בוידעם און נעם אַראָפּ אַ רעגאָזשע אופּצושפּרייטן אָפֿן פּאָל״. און אַזוי ווי ער קומט אַרוף אָפֿן בוידעם, זעט ער שטיין צוויי גרויסע קאַסטנס. טראַכט ער: „וואָס זאָל דאָס זײַן אין די קאַסטנס?״ גייט ער צו און וויל זיי עפֿענען, זענען זיי פֿאַרחתמעט. נעמט ער שוין די רעגאָזשע און גייט אַראָפּ, שפּרייט זי אויף אָפֿן פּאָל און גייט צו צום בעל־בית און רופֿט זיך אָן צו אים: „פֿאַרקויף מיר די צוויי קאַסטנס״. זאָגט דער בעל־בית: „גוט. גיב מיר צוויי הונדערט קערבלעך, זענען די

קאַסטנס דײַנע!" ער האָט זיך שוין געהאַט צונויפֿגעלייגט אַ צוויי־
דרײַ הונדערט קערבלעך. האָט ער באַצאָלט דעם בעל־בית צוויי
הונדערט קערבלעך, גענומען די קאַסטנס און האָט אַרופֿגעלייגט
אָף אַ וואָגן און איז אַוועקגעפֿאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. געקומען
אין דער שטאָט אַרײַן, איז ער פֿאַרפֿאָרן אין אַ גאַסטיניצע און
האָט דאָרט איבערגענעכטיקט. אָף אין דער פֿרי האָט ער זיך שיין
אָנגעטון, געלט האָט ער געהאַט, האָט ער זיך געטראַכט, ער וועט
עפֿענען איין קאַסטן דערווײַל און זען, וואָס איז דאָרטן דאָ. צו־
געגאַנגען צום קאַסטן און האָט אים אופֿגעריסן. גיט ער אַ קוק,
סע ליגט אַ טויטער צדיק, און אָפֿן האַרצן בײַ אים ליגט אַ קווי־
טעלע און סע שטייט אָנגעשריבן: „ווער ס'וועט מיך ברענגען צו
קבֿר־ישׂראל, דעם וועל איך בײַשטיין אין זײַנע נויטן". אָנגעלערנט
אין יידיש איז ער געווען, ער האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט,
איז ער געגאַנגען און האָט אים באַגראָבן און געטון זײַן רעכט
וואָס איז אים געקומען. דעם קאַסטן האָט ער פֿאַרברענט.

אָפֿן צווייטן טאָג טראַכט ער זיך, ער וועט עפֿענען דעם
צווייטן קאַסטן און זען, וואָס דאָרטן איז דאָ. איז ער צוגעגאַנגען
און האָט אופֿגעריסן דעם קאַסטן. גיט ער אַ קוק, סע ליגט אַ טויטע
בת־מלכּה, און בײַ איר אָפֿן האַרצן ליגט אַ קוויטעלע, און סע שטייט
אָנגעשריבן: „ווער ס'וועט מיך לעבעדיק מאַכן, מיט דעם וועל איך
חתונה האָבן. מיך אַרט נישט, ווער ס'זאָל זײַן." איז ער געגאַנגען
און האָט אָנגעהויבן אויסצוטון פֿון איר אַלעס, ביז ער האָט איר
אויסגעטון די שיך. און אַזוי ווי ער האָט איר אויסגעטון די שיך,
האָט זי זיך אופֿגעכאַפּט און האָט אַ געשריי געטון: „מיט דיר
האָב איך חתונה!" זענען זיי געגאַנגען און האָבן חתונה געהאַט.
ס'איז אויסגעגאַנגען אַ יאָר, האָבן זיי געהאַט אַ קינד. רופֿט ער
זיך אָן צו איר: „האָסט עמעצן דאָ? פֿרײַנד אָדער עלטערן?"
זאָגט זי: „יאָ, כ'האָב עלטערן, נאָר זיי וווינען ווײַט". זאָגט ער,
ער וויל זיך דורכפֿאָרן צו זיי. האָט זי זיך אָנגערופֿן: „פֿאָר זיך
אַליין דורך צו זיי, און איך וועל דיר מיטגעבן סימנים פֿון מיר,

אַז איך לעב, און אַז דו ביסט מײַן מאַן, און אַז מיר האָבן אַ קינד". און זי האָט אים מיטגעגעבן זײער קאַרטע און אַ רינגל אירס און איר פֿאָטערס אַ רינגל אָפּן װעג האָט זי אים אָנגעזאָגט: „אַז דו װעסט דאַרפֿן אַראָפּגײן פֿון דער שיף צו מײַן פֿאָטער אין שטאָט אַרײַן, זאָלסטו אױסשיסן דרײַ מאָל; און טאָמער נישט, װעט מען דיך הרגענען". זאָגט ער: „גוט, כ'װעל נישט פֿאַרגעסן", און ער האָט זיך געלאָזט פֿאָרן. װען ער איז צוגעקומען צו דער שטאָט און האָט זיך געלאָזט אַראָפּגײן פֿון דער שיף, האָט ער אױסגעשאָסן בלױז צװײ מאָל. האָט מען אים תּיכּף גענומען און מ'אָט אים אַרעסטירט און מ'אָט באַפֿױלן צום קײסער, ער זאָל תּיכּף קומען, װײַל מ'אָט אײנעם געכאַפּט און מע דאַרף אים הרגענען. איז דער קײסער געקומען צו פֿאָרן און האָט זיך געהײסן אַרױסברענגען דעם מענטשן װאָס מ'אָט אַרעסטירט. האָט מען אים אַרױסגעברענגט און מ'אָט אים צוגעבונדן די אױגן און מ'אָט אים אַװעקגעשטעלט אָף צו שיסן. און אַזױ װי מ'אָט אים שױן געדאַרפֿט שיסן, האָט ער געגעבן אַ געשרײ: „איך דאַרף רעדן צום קײסער צװײ װערטער!" האָט מען אים געלאָזט. איז ער צוגעגאַנגען צום קײסער און האָט אים געזאָגט, װער ער איז, און האָט אים געװיזן די קאַרטע מיט די רינגלעך. איז דער קײסער געפֿאַלן אין חלשות. האָט מען אים דערמינטערט. האָט ער געגעבן אַ באַפֿעל, אַז מען זאָל דעם אַרעסטירטן אױפֿבינדן. האָט מען אַזױ געטון. האָט זיך דער קײסער אַרײַנגעזעצט מיט אים אין אַ קאַרעטע און איז מיט אים אַהײמגעפֿאָרן. דאָרט האָט מען אים באַװאַשן און באַשױרן, אָנגעטון אין קײסערשע קלײדער, און מ'אָט תּיכּף אַרױסגעשיקט נאָך דער טאָכטער מיטן קינד. האָט מען זײ געבראַכט, און זײ האָבן זיך אַלע געלעבט זײער שײן.

דערװײַל איז אָבער צװישן די גױיִם געװאָרן אַ געשרײ, פֿאַר װאָס מ'אָט אַ ייִדן געמאַכט פֿאַר דעם קײסערס אײדעם. האָט דער לײַבמענטש װאָס איז געװען בײַ דעם קײסער אין הױז זיך אונטערגענומען אומצוברענגען דעם ייִדישן אײדעם. אײן מאָל

אין אַ שיינעם טאָג רופֿט זיך אָן דער לײַבמעגנטש צו אים: „קום, גייסט דיך באָדן?“ זאָגט ער: „קום“. זענען זיי אַוועקגעגאַנגען צום ים און מ׳אָט זיך געגומען אויסטון די קליידער. איז צוגעלאָפֿן דער לײַבמעגנטש פֿונעם קייסער און האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין ים אַרײַן. און ער אַליין איז געלאָפֿן אַהיים מיט אַ געשריי, אַז דעם קייסערס איידעם איז דערטרונקען געוואָרן. דער איידעם האָט אָבער געקענט שווימען, האָט ער גענומען שווימען אָפֿן ים, און אַזוי ווי ער שווימט, קומט צו צו אים אַ פֿויגל און זאָגט: „ווילסט, איך זאָל דיך ראַטעווען פֿון דאַנען? וועל איך דיך ראַטעווען, נאָר מיט איין באַדינג, אַז אין אַ חודש אַרום וועל איך דיר קומען נעמען די נשמה“. רופֿט ער זיך אָן: „וואָס איז מיר דער חילוק צי שטאַרבן דאָ צי אין דער היים? נעם מיך אַרויס פֿון דאַנען“. רופֿט זיך אָן דער פֿויגל: „זעץ זיך אויף אָף מיר, און איך וועל דיך אַריבערפֿירן אָף יענער זײַט ברעג“. האָט ער זיך אופֿגעזעצט, און דער פֿויגל האָט אים אַריבערגעפֿירט אָף יענער זײַט ים אָפֿן ברעג און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל נישט פֿאַרגעסן, אַז אין אַ חודש אַרום דאַרף ער אים קומען צונעמען די נשמה, און ער איז זיך אַוועקגעפֿלויגן. און ער – האָט זיך געלאָזט גיין אָפֿן פֿעלד. און אַזוי ווי ער גייט, זעט ער זיצן עטלעכע בעטלערס. גייט ער צו צו זיי און בעט בײַ זיי עפּעס עסן. גיט אים דער אַ שטיקל ברויט און דער גיט אים אַ שטיקל מאַמעליגע, און מען זאָגט אים, ער זאָל גיין טאַנצן פֿאַר זיי. טאַנצט ער פֿאַר זיי. וואָס זאָל ער טון? ער איז דאָך בײַ זיי אין די הענט, מוז ער טון, וואָס זיי הייסן אים.

דערווײַל האָט מען בײַם קייסער אין הויז באַטראַכט אַ פּלאַן, אַז מע זאָל מאַכן אַ באַל פֿאַר אָרעמע און רײַכע. צו ערשט האָט מען געמאַכט אַ באַל, זענען זיך צונויפֿגעקומען בלויז רײַכע לײַט. און צום סוף בײַם אַרויסגיין פֿון באַל האָט זיך די טאָכטער דעם קייסערס געשטעלט בײַ דער טיר און האָט געקוקט, אפֿשר וועט זי צווישן זיי דערקענען איר מאַן. נישטאָ! בײַם צווייטן באַל האָבן אָנגעהויבן קומען אָרעמע לײַט, בעטלערס, און מ׳אָט זיך אַוועק-

געזעצט בײַ די טישן און מ׳אָט אָנגעהויבן עסן, אַזוי ווי בעטלערס עסן: אײנער כאַפּט, אײנער שטופּט ברויט אין די קעשענעס, אײנער רײַסט בײַם צווייטן. נאָר אײנער איז געזעסן אין אַ ווינקעלע און קאָם וואָס ער האָט געגעסן, פּאַוואָלינקע. דאָס איז געווען דעם קייסערס אײדעם. און אַז ס׳איז געקומען בײַם אַרויסגײן, האָט זיך דעם קייסערס טאָכטער געשטעלט בײַ דער טיר און האָט יעדן בעטלער געגעבן צו צוויי קערבלעך. און אַז ס׳איז געקומען צו אים, האָט זי אים נישט געלאָזט אַרויסגײן און רופֿט זיך אָן צו אים: „בלײַב דאָ, איך דאַרף מיט דיר עפּעס רעדן". האָט ער אָנגעהויבן וויינען און שרײַען: „לאָזט מיך אָפּ, כ׳האָב בײַ אײַך גאָרנישט געגנבֿעט. די בעטלערס וועלן אַוועקגײן, און איך וועל נישט וויסן, וווהין צו גײן". זאָגט זי צו אים: „בלײַב, האָב נישט קײן מורא!" איז ער געבליבן שטײן, און זי האָט אים אָנגעהויבן אויספֿרעגן, ווער ער איז. האָט ער דערציילט, ווער ער איז און וואָס ס׳איז געשען מיט אים. איז זי אים אַרופֿגעפֿאַלן אָפֿן האַלדז און האָט׳ן אָנגעהויבן קושן. דערנאָך האָט מען אים גענומען און מ׳אָט אים באַוואַשן און באַשוירן און מ׳אָט אים צוריק אָנגעטון זײַנע קליידער, און ער איז צוריק געוואָרן דעם קייסערס אײדעם. אָבער דעם קייסערס לײַבמענטש וואָס האָט אים געוואָלט אומברענגען האָט מען אופֿגעהאַנגען.

דערווײַל האָט ער זיך דערמאָנט פֿונעם פֿויגל. האָט ער דאָס דערציילט פֿאַרן ווײַב, האָט זי נישט געוווּסט, וואָס צו טון, און אַז ס׳איז געקומען דער טאָג פֿונעם חודש, ווען דער פֿויגל האָט באַדאַרפֿט קומען צונעמען זײַן נשמה, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אָף דר׳ערד, און ס׳ווײַב מיטן קינד האָבן זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים. מ׳אָט געגעבן אַ שטעל אַרום סאָלדאַטן, טאָמער וועט מען זען פֿליִען דעם פֿויגל, זאָל מען אים שיסן. פּלוצעם האָט מען דערהערט, אַז דער פֿויגל איז שוין דאָ אינעווייניק און שטייט שוין לעבן אים. און מע הערט, ווי דער פֿויגל זאָגט צום ווײַב: „נעם אַ מעסער און שנײַד אים איבער דעם האַלדז". האָט זי שוין געוואָלט נעמען ס׳מעסער.

רופט זיך אָן דער פויגל צו איר: „שטיי, כאַפּ נישט!“ און דערנאָך זאָגט ער צו אים: „הייב דיך אוף!“ האָט ער זיך אופגעהויבן. פרעגט אים דער פויגל: „ווייסטו, ווער איך בין? כ'בין נישט קיין פויגל, נאָר דער צדיק, וואָס דו האָסט מיך געפונען אין קאַסטן און האָסט מיר געטון מײַן רעכט, מיך מקבר געווען. דערפאַר בין איך דיר אויך דאַנקבאַר געווען און האָב דיך געראַטעוועט פון וואַסער. און איצט וועט דיר זײַן גוט און וועסט דיר לעבן מיט דײַן ווײַב און קינד גליקלעך. זאָלסט אָבער נישט פאַרגעסן, אַז שפּעטער אין צוויי חדשים אַרום ווערט פונקט צוויי יאָר, וואָס דו ביסט אַוועק פון דײַנע עלטערן. פאָר צו זיי, און לעב דיר דאָרט אָפּ דײַנע יאָרן אָן שום זאָרג. און טאָמער וועט זיך דיר עפּעס טרעפן, וועל איך, דער צדיק, דיר אַלע מאָל בײַשטיין אין דײַנע נויטן.“ און דאָס אַלעס!

42. אַ מעשׂה פֿון אַ געשײַטן גנבֿ

עס איז אַ מאָל געווען אַ קייסער, האָט ער געהאַט דרײַ זין: צוויי קלוגע און איינעם אַ נאַר. האָט ער זיי אַוועקגעשיקט לערנען אין אַן אַנדער מדינה. נו, זײַנען זיי אָפּגעווען אין דער פֿרעמד דרײַ יאָר און דערנאָך געקומען צוריק אַהיים. איז אָבער דער קייסער זייער טשיקאַווע געווען צו דערגיין, צי זײַנע דרײַ בנים האָבן עפּעס אַ פּעולה געטאָן אין לערנען, האָט ער גערופֿן זײַן עלטסטן זון אַף אַ שפּאַציר. נו, זײַנען זיי געגאַנגען, גערעדט, געשמועסט און – גאָרנישט. „מילא, האָט זיך דער קייסער געטראַכט, איז ער נישט אַזאַ חכם, ווי כ׳האָב געמיינט". דערנאָך האָט ער גערופֿן דעם צווייטן זון אַף אַ שפּאַציר. נו, זײַנען זיי געגאַנגען, גערעדט, געשמועסט און – ווידער גאָרנישט. ער האָט שוין געזען, אַז דער צווייטער איז אויך נישט אַזאַ קלוגער. דערפֿאַר האָט ער שוין זײַן דריטן זון, דעם נאַר, גאָרנישט געוואָלט אָנקוקן. אָבער דער נאַר האָט נישט געוואַרט אַף דרך־ארץ. געזען, אַז דער פֿאָטער רופֿט אים נישט, איז ער אַליין צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט: „טאַטע, איך וויל מיט דיר עפּעס ריידן". האָט שוין דער קייסער אים נישט געקאָנט פֿאַרשעמען, איז ער מיט אים געגאַנגען שפּאַצירן. זײַנען זיי געגאַנגען, גערעדט, געשמועסט פֿון כּלערליי זאַכן. און וואָס מער זיי האָבן גערעדט און וואָס מער זיי האָבן געשמועסט, אַלץ מער האָט דער קייסער געזען, אַז זײַן מוזיניק איז גאָרנישט אַזאַ נאַר, ווי ער האָט אַפֿריִער געמיינט. „אָט דער וועט טאַקע קאָנען פֿירן די מלוכה נאָך מײַן טויט", האָט זיך דער קייסער

געטראַכט, און אַזוי האָט ער טאַקע אײַנגעשריבן אין זײַן צוואה, אָבער קײנער האָט דערפֿון נישט געוווּסט.

אַז דער קייסער איז געשטאָרבן, האָבן זײַנע ביידע עלטסטע זין געעפֿנט די צוואה, און אַז זיי האָבן אַ קוק געטאָן, וואָס עס שטייט דאָרט פֿאַרשריבן, איז זיי פּשוט פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. אָבער זיי האָבן קיינעם גאָרנישט דערציילט, נאָר גלײַך געשיקט רופֿן זייער יינגערן ברודער, און אַז ער איז געקומען, זאָגן זיי צו אים אַזוי: „הער זיך אײַן, די מעשׂה דערפֿון איז אַזוי און אַזוי, מיר ווילן דיר נישט האָבן אין אונדזער מדינה. נעם די פֿיס אַף די פּלייצעס, און – מאַרש פֿון דאַנען!" דערהערט אַזעלכע דיבורים, הייבט ער אָן צו טענהן: „סטײַטש, וואָס האָט איר צו מיר? וואָס האָב איך אײַך אַזוינס געטאָן?"–„שווײַג! האָבן די ברידער אַ געשריי געטאָן, אַז דו וועסט נישט שווײַגן, וועסטו ערגער מאַכן!" און זיי נעמען אים און זיי פֿירן אים צו צום טויער און זאָגן: „אָט האָסטו דיר אַ זאַק מיט גאָלד מיט אַ גוטן פֿערד דערצו. נעם און פֿאָר, – הײַדאַ!" האָט ער שוין מער גאָרנישט ניט געזאָגט, צוגענומען דעם זאַק מיט די גאָלדענע רענדלעך, זיך אַרופֿגעזעצט אַפֿן פֿערד און אַוועקגעריטן. איז ער געריטן און געריטן, ביז ער איז צו־געקומען צו אַ גרויסן וואַלד. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּ פֿון פֿערד און געגומען גיין טיפֿער אין וואַלד אַרײַן, זוכן אַן אָרט, וווּ איבערצורעכטיקן. פּלוצלינג דערהערט ער עפּעס אַ מאָדנעם גערויש, א טומל און אַ קלינגערײַ פֿון אַ סך געווער. ער קוקט זיך אַרום, דערזעט ער, ווי עס קומט אָן אַ באַנדע גזלנים, אפֿשר אַ שטיק צוועלף, און אַלע זײַנען זיי באַהאַנגען מיט געווער פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. און איידער ער האָט צײַט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן, וואָס מע טוט, האָט איינער שוין אַ געשריי געטאָן: „שטיי! ווער בינסטע, וואָס טראָגסטו דאָ אין זאַק?" דער געשײַטער פּרינץ האָט זיך אָבער געמאַכט, ווי ער וואָלט געווען פֿון זייער חבֿרה: „כ'בין אַ גנבֿ, זאָגט ער, אַ סימן האָט איר דעם זאַק מיט גאָלדענע רענדלעך וואָס כ'האָב אָקערשט אַרויסגעלאַטכנט פֿונעם קייסערס אוצר". זײַנען

די גזלנים באַלד צוגעפּאַלן צום זאַק, אויפגעשניטן אים מיט זייערע קינזשאַלן, און ס׳האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אַ סך בלישטשנדיקע רענדלעך. אַז דער עלטסטער פון די גזלנים האָט דאָס דערזען, זאָגט ער צו אים: „יע, איך זע טאַקע, אַז דו ביסט אַ גנבֿ און איינער פון אונדזער חבֿרה, נאָר פון דעסט וועגן וועלן מיר דיר שטעלן אַף נאָך אַ פּראָבע: אויב דו וועסט אונדז דאָ אַפן אָרט קענען באַווייזן נאָך עפּעס אַזאַ גנבֿישע קונצשטיק, איז גוט, -- וועלן מיר דיר צוריקגעבן די גאָלדענע רענדלעך מיטן פערד און דיר לאָזן פריי. נאָר אויב נישט – מאַכן מיר דיר שוין מיט אַ קאָפּ קירצער.“

דערווייל האָבן זיי דערזען, ווי אַפן וועג פאָרט אַ פּויער מיט זיין פערד און וועגעלע און פירט אַ קאַלב צו פאַרקויפן אַפן יריד. „אַנו, זאָגט דער עלטסטער צו אים, איצטער באַווייז אַ גנבֿישע קונצשטיק: אָט נעם און לאַטכן אַוועק ביים פּויער זיין פערד און וועגעלע, מיט דער קאַלב און מיט די זאַכן וואָס ער טראָגט אַף זיך, נאָר הרגענען זאָלסטו אים נישט!“ -- „גוט, איך נעם זיך אונטער“, זאָגט דער פּרינץ. און ער לויפט אַרויס פון וואַלד, כאַפּט אַראָפּ פון פוס אַ שטיוול, וואַרפט אים אַוועק אַפן מיטן וועג, און אַליין באַהאַלט ער זיך הינטער אַ בוים. דער פּויער פאָרט פאַרביי, זעט ער, ווי אַפן וועג ליגט עפּעס אַ שיינער שטיוול. טראַכט ער זיך: „מסתמא האָט עס אַ פּאַניטש פאַרלאָרן. נאָר איין שטיוועלע, וואָס קאָן איך מאַכן דערמיט?“ און ער פאָרט וויי‍טער. אַז דער פּויער איז אַוועק, לויפט ער אַרויס פון וואַלד, כאַפּט דעם שטיוול און לויפט פאָרויס אַ האַלבן וויאָרסט, גיט ווידער אַ וואָרף דעם שטיוול אַפן מיטן וועג און באַהאַלט זיך הינטער אַ בוים. דער פּויער פאָרט פאַרביי, זעט ער ווידער, ס׳ליגט עפּעס נאָך אַ שטיוול. טראַכט ער זיך: „ס׳אַר אַ פּויערשע קאָפּ איך בין – דער שטיוועלע און יענער שטיוועלע זיינען דאָך צוזאַמען אַ פּאָר שטיוועלעך! דאַרף מען זיך טאַקע נישט פוילן און גיין אויפהייבן יענעם שטיוועלע“. קריכט ער אַראָפּ פון וועגעלע און גייט זוכן דעם אַנדערן שטיוול. אָבער ווי נאָר דער פּויער איז אַוועק, לויפט דער פּרינץ אַרויס פון

זײַן באַהעלטעניש, כאַפּט אַראָפּ די קאַלב פֿון װעגעלע, פֿירט איר אַװעק נישט װײַט לעבן אַ טײַכל, האַקט איר אַראָפּ די קאָפּ און לאָזט איר שװימען אַפֿן װאַסער, און אַליין נעמט ער די קאַלב אַפֿן פּלייצע, גייט אַװעק אין װאַלד און באַהאַלט זיך. דער פּויער האָט דערװײַלע געזוכט דעם שטיװל און נישט געקאָנט געפֿינען, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צו זײַן פֿערד און װעגעלע. ער גייט צו, ער גיט אַ קוק — די קאַלב איז ניטאָ! מילא, לױפֿט ער שוין זוכן די קאַלב. לױפֿט ער אַהין, לױפֿט ער אַהער, זוכט ער דאָ, זוכט ער דאָרט — די קאַלב איז ניטאָ! דערװײַלע איז ער אַזױ זיך צוגעגאַנגען צום טײַכל. ער גיט אַ קוק אַפֿן װאַסער, דערזעט ער די קאָפּ פֿון זײַן קאַלב, און אָט־אָט דערטרינקט זי זיך. טראַכט ער ניט קיין סך, טוט אױס אַף גיך זײַנע זאַכן און לאָזט זיך שװימען אין טײַכל צו ראַטעװען די קאַלב. אַז דער געשײַטער יונג האָט דאָס דערזען, איז ער אַרױס פֿון װאַלד, צוגעכאַפּט דעם פּויערס בגדים, אַרױפֿגעװאָרפֿן די קאַלב אַפֿן װעגעלע און צוגעפֿאָרן צוריק צו די גזלנים. און װי נאָר זײ האָבן אים דערזען מיט די אַלע זאַכן װאָס ער האָט אַזױ קונציק צוגעלאַטכנט, האָבן זײ געמאַכט פֿאַר אים אַ גרױסע װאַרע און האָבן געשריִען: „הוראַ, הוראַ פֿאַר דעם געשײַטן גנבֿ!“ און האָבן אים אָפּגעגעבן גרױס כּבֿוד. דערנאָכדעם האָט אים דער עלטסטער פֿון די גזלנים צוריק אָפּגעגעבן זײַן זאַק מיט די גאָלדענע רענדלעך מיטן פֿערד, און ער האָט זיך מיט זײ אָפּגעזעגנט און איז אַװעקגעפֿאָרן.

איז ער געפֿאָרן און געפֿאָרן, ביז ער איז אָנגעקומען אין אַ גרױסער שטאָט פֿון אַ פֿרעמדער מדינה און האָט דאָרט געלעבט אַ גוטן טאָג. נאָר איין מאָל כאַפּט ער זיך צום זעקל, ער גיט אַ קוק — עס טאָגט שוין! ס'איז שוין געבליבן בלױז אַ פּאָר רענדלעך. „אײַ שלעכט! טראַכט ער זיך, און װאָס טוט מען װײַטער?“ איז ער אַרױס אין גאַס און גענומען אַרומקוקן זיך, אפֿשר װעט זיך עפּעס מאַכן. דערזעט ער, װי עס סטראָיעט זיך עפּעס אַ װוּנדערלעכער בנין. פֿרעגט ער בײַ די מענטשן: „װאָס

סטראָיעט זיך דאָ?" ענטפֿערט מען אים: „דאָ סטראָיעט זיך דעם קייסערס פּאַלעץ, און דאָ וועט אויך זײַן דער שאַצקאַמער, ווו עס וועלן ליגן די אוצרות פֿון דער מלוכה". איז דאָס אים אַרײַן אין גאָז, „ס'וועט שוין זײַן אַ פֿאַרדינסטל", טראַכט ער זיך, און האָט גענומען זוכן אַ פֿאָרטל, ווי אַזוי צו באַגגבֿענען דעם קייסערס אוצרות. האָט ער אויסגעזוכט דעם פּאָדריאַטשיק וואָס האָט געבויט דעם פּאַלעץ און איז געוואָרן מיט אים אַ גוטער ברודער, געטרונקען מיט אים, געהוליעט און געשפּילט אין קאָרטן. אַזוי איז אַוועק אַ שטיקל צײַט. נאָר איין מאָל גיט ער אַ זאָג צום פּאָדריאַטשיק: „דו ווייסט, איך האָב אַ טײַערן פּלאַן, פֿון וואָס מיר קאָנען ביידע רײַך ווערן". פֿרעגט אים יענער: „וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּלאַן?" זאָגט ער צו אים: „דער פּלאַן איז אַ פּשוטער: אַזוי ווי דו סטראָיעסט איצט דעם קייסערס פּאַלעץ, ווו ס'וועלן ליגן אוצרות, זאָלסטו בעת־מעשה איין שטיין אין וואַנט נישט פֿאַרמויערן, נאָר אַזוי אַרײַנ־שטעלן, מע זאָל אים דערנאָך קאָנען גרינג אַרויסנעמען. אָף אַזאַ אופֿן וועלן מיר קאָנען אַרײַן אינעווייניק, ווען מיר וועלן נאָר וועלן, און אַרויסנעמען פֿון דאָרטן גאָלד און זילבער און ברילִיאַנטן, וויפֿל די האַרץ וועט געלוסטן, און קיינער וועט דערפֿון נישט וויסן." איז דאָס דעם פּאָדריאַטשיק זייער געפֿעלן געוואָרן. זאָגט ער: „גוט, דער געשעפֿט איז אָפּגעמאַכט, נאָר דערווײַלע קלײַב זיך אַרײַן צו מיר אין הויז און וואַרט, ביז דער בינין וועט פֿאַרטיק ווערן". האָט ער אַזוי געטאָן.

אַז דער פּאַלעץ איז פֿאַרטיק געוואָרן, זײַנען זיי איין מאָל אין אַ פֿינצטערער נאַכט אַוועק אַהינצו, האָבן אַרויסגענומען דעם שטיין פֿון וואַנט, דורך וואַנען מ'אָט געקאָנט אַרײַן אין שאַצקאַמער. נאָר אַפֿריִער האָבן זיי געוואָרפֿן גורל, ווער עס זאָל דער ערשטער אַרײַן. איז דער גורל געפֿאַלן אַפֿן פֿרינץ. איז ער אַרײַן און אָנ־געשטאָפּט פֿולע קעשענעס מיט גאָלד און ברילִיאַנטן און אַרויס צוריק. דערנאָך האָבן זיי צוריק אַרײַנגעשטעלט דעם שטיין אין וואַנט, אַז מ'אָט גאָרנישט געקאָנט דערקאָנען, און זײַנען אַוועק

אַהיים. אַזוי האָבן זיי געטאָן אַ לאַנגע צײַט. איין מאָל האָט זיך אָבער דער שאַצמײַסטער געכאַפּט, אַז עס פֿעלן אוצרות, האָט ער דאָס געמאָלדן צום קייסער. איז דער קייסער אַראָפּגעקומען מיט זײַן גאַנצער סוויטע. האָבן זיי אַלץ באַקוקט, באַטראַכט און זיך געוווּנדערט: „דאַכט זיך אַלע טירן פֿאַרמאַכט, אַלע שלעסער פֿאַרשלאָסן? נאָר אוצרות פֿעלן!“ האָט דער קייסער געהייסן אַרעסטירן דעם שאַצ־מײַסטער. אין אַ חודש אַרום האָט דער צווייטער שאַצמײַסטער זיך געכאַפּט, אַז עס פֿעלן אוצרות, האָט ער דאָס געמאָלדן צום קייסער. איז דער קייסער ווידער אַראָפּגעקומען מיט זײַן גאַנצער סוויטע. האָבן זיי אַלץ באַקוקט, באַטראַכט און זיך געוווּנדערט: „דאַכט זיך אַלע טירן פֿאַרמאַכט, אַלע שלעסער פֿאַרשלאָסן? נאָר אוצרות פֿעלן!“ האָט דער קייסער געהייסן אַרעסטירן דעם צווייטן שאַצמײַסטער. אין אַ חודש אַרום — ווידער די אייגענע מעשׂה: עס פֿעלן אוצרות. מילא, האָט דער קייסער שוין געזען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, אַז אין דעם שטעקט עפּעס אַ קונצשטיק פֿון אַ געשײַטן גנבֿ. האָט ער פֿאַררופֿן אויף אַן אַסיפֿה זײַנע מיניסטאָרן צו באַקלערן, וואָס מע קאָן דאָ טאָן. האָבן זיי געקלערט און געקלערט, ביז זיי זײַנען געפֿאַלן אויף דעם זעלביקן שׂכל, אַז אין דעם שטעקט עפּעס אַ קונצשטיק פֿון אַ געשײַטן גנבֿ. „אָבער דורך וואַנען קומט ער אַרײַן, אָט דער דאָזיקער גנבֿ?“ האָט דער קייסער געפֿרעגט. — „דאָס ווייסן מיר נישט, האָט דער עלטסטער פֿון די מיניסטאָרן געענטפֿערט, ס׳איז אָבער פֿאַראַן אַן עצה: אַזוי ווי דער שאַצקאַמער איז אומעטום פֿאַרמאַכט, זאָל מען אײַנעווייניק אָנלייגן אַ סך טרוקענע שטרוי און דאָס אונטערצינדן. וועט מען זען, דורך וואַנען דער רויך גייט אַרויס, דורך דאַנען קומט דער גנבֿ אַרײַן.“ איז די עצה דעם קייסער געפֿעלן געוואָרן, האָט ער געהייסן אַזוי טאָן. האָט מען אָנגעצונדן אין שאַצקאַמער אַ סך טרוקענע שטרוי, איז דער רויך אַרויס דורך די שפּאַלטן צווישן דעם שטיין וואָס איז נישט געווען פֿאַרצעמענטעוועט. אַ כּלל, האָט מען שוין געוווּסט, דורך וואַנען דער גנבֿ קומט אַרײַן. אָבער ווי אַזוי כאַפּט מען אים? — האָט דער מיניסטער ווידער געגעבן אַן עצה, אַז מע

זאָל אַוועקשטעלן אַ פֿאַס מיט פּעך לעבן אָרט, ווו דער שטײן נעמט זיך אַרויס, און ווי דער גנבֿ וועט אַרײַן און זיך וועלן אַראָפּלאָזן אַף דער פּאָדלאָגע, וועט ער גלײַך אַרײַנפֿאַלן אין דעם פֿאַס מיט פּעך און וועט נישט קאָנען אַרויס, און אַזוי וועט מען אים כאַפּן. האָט דער קייסער געהייסן אַזוי טאָן.

אָבער דער געשײַטער גנבֿ מיטן פּאָדריאַטשיק האָבן פֿון גאָרנישט נישט געוווּסט. זײַנען זיי זיך געגאַנגען, ווי אַלע מאָל, אין אַ פֿינצטערער נאַכט אַרויסלאַטכענען עפּעס פֿון קייסערס אוצרות. איז אָבער דעם מאָל גראָד אויסגעפֿאַלן אַפֿן פּאָדריאַטשיק אַרײַנצוקריכן אינעווייניק. איז ער אַרײַן, און דער געשײַטער גנבֿ האָט געוואַרט אין דרויסן. ער וואַרט און וואַרט, דער פּאָדריאַטשיק ווײַזט זיך נישט. טראַכט ער זיך: „וואָס קאָן דאָ זײַן?“ מיט אַ מאָל דערהערט ער, מע שרײַט פֿאַרשטיקט: „ראַטעווע! ראַטעווע!“ האָט ער שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס אַ צרה. נעמט ער און קריכט אַרײַן אינעווייניק. ער גיט אַ קוק, דער פּאָדריאַטשיק שטעקט אין אַ פֿאַס מיט פּעך ביז צום האַלדז. פּרובירט ער אים אַרויסשלעפּן – ער גייט נישט. פּרובירט ער נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל – עס רירט זיך נישט פֿון אָרט. טראַכט ער זיך: „וואָס זאָל איך דאָ טאָן? זאָל איך אַנטלויפֿן און אים דאָ איבערלאָזן? וועט מען אים דערקענען, וועל איך אויך אַרײַנפֿאַלן. זאָל איך אים ווידער פּרובירן ראַטעווען, אַרויסשלעפּן פֿון דעם פּעך? איז דאָ צו ווייניק צײַט, אימעצער קאָן נאָך אָנקומען, בין איך אויך אַ פֿאַרפֿאַלענער.“ טראַכט ער אַ ווײַלע, טראַכט ער און כאַפּט אַרויס זײַן שווערד און האַקט אים אַראָפּ די קאָפּ: „איצטער, זאָגט ער, וועט ער שוין נישט קאָנען אויסזאָגן“. און ער כאַפּט די קאָפּ, לויפֿט ערגעץ דערמיט אַוועק און באַגראָבט איר אין דער ערד.

אין דער היים האָט ער דעם פּאָדריאַטשיקס ווײַב געזאָגט, אַז איר מאַן איז ערגעץ ווו אַוועקגעפֿאָרן, ער וועט קומען צוריק אין אַ פּאָר טעג אַרום. האָט זי אים געגלייבט. בקיצור, אַף מאָרגן אין דער פֿרי, ווען דער אופֿזעער פֿון שאַצקאַמער האָט

געפֿונען אין פֿאַס אַ מענטשן אָן אַ קאָפּ, האָט ער דאָס תּיכּף געמאָלדן צום קייסער. איז דער קייסער אַראָפּגעקומען מיט זײַן גאַנצער סוויטע, האָבן זיי באַטראַכט דעם טויטן קערפּער פֿון אַלע זײַטן, אָבער אָן אַ קאָפּ האָט אים קיינער נישט געקאָנט דערקענען. האָט דער קייסער געהייסן, מע זאָל דעם קערפּער אויפֿהענגען אויף אַ מויער אין מיטן שטאָט, און ווער עס וועט פֿאַרבײַגיין און וועט אָנהייבן צו וויינען אָדער אַזוי מאַכן אַ טרויעריקע מינע, זאָל מען אים באַלד אַרעסטירן, וועט מען פֿון דעם שוין קאָנען דערגיין, ווער דער גנבֿ איז און ווער ס'האָט אים אַראָפּגענומען דעם קאָפּ. האָט מען אַזוי געטאָן.

דערווײַלע איז אָבער דעם פּאָדריאַטשיקס ווײַב זייער אומרויִק געוואָרן, וואָס איר מאַן איז נאָך נישט געקומען אַהיים. האָט זי אָנגעהויבן וויינען: „ווו איז מײַן מאַן? ווו איז מײַן מאַן?“ און זי האָט שוין געוואָלט אַרויס אין גאַס זוכן אים. האָט דער געשײַטער גנבֿ געזען, אַז עס האַלט שמאָל, האָט ער זיך בײַ איר קאַם אײַנגעבעטן, אַז זי זאָל בלײַבן אין דער היים און ער אַליין וועט גיין אויפֿזוכן איר מאַן. איז ער אַרויס אין גאַס כּלומרשט אים אויפֿזוכן. גייט ער אַזוי און טראַכט, וואָס ער זאָל דאָ טאָן. מיט אַ מאָל דערזעט ער, ווי עס הענגט אַראָפּ פֿון אַ שטריק דעם פּאָדריאַטשיקס קערפּער, און דרײַ סאָלדאַטן שטייען דערבײַ און קוקן אויף יעדן איינעם וואָס גייט פֿאַרבײַ. האָט ער זיך געמאַכט קילעיאָדע* און איז זיך פֿאַרבײַגעגאַנגען, גלײַך ווי נישט אים מיינט מען דאָס. אָבער בײַ נאַכט, ווען אַלע זײַנען שוין געשלאָפֿן, האָט ער זיך איבערגעטאָן אין צעריסענע קליידער, אַרויסגענומען פֿון שאַפֿע דרײַ פֿלעשער ווײַן און האָט זיי צורעכטגעמאַכט מיט אַ שטאַרקן שלאָפֿגעטראַנק און איז צוריק אַוועק צום אָרט, ווו די סאָלדאַטן זײַנען געשטאַנען. ווען ער איז צוגעקומען נעענטער צו זיי, האָט ער כּלומרשט אָנגעהויבן צו וואַקלען זיך ווי

---

* = כּלאַ־ידע.

אַ שיכּור וואָס קאָן זיך נישט האַלטן אַף די פֿיס. אַז די סאָלדאַטן האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן צו לאַכן און מאַכן חוזק: „היי, דו שיכּור! וואָס גייסטו נישט אַהיים שלאָפֿן? האָסט דאָך שוין אין קעפּל מער ווי אין פֿלעשל!" האָט ער זיך געמאַכט תּמעוואַטע און האָט פּאַמעלעך אַרויסגעשלעפּט די דריַי פֿלעשער וויַין פֿון די קעשענעס און האָט זיי געגומען באַקוקן. אַז די סאָלדאַטן האָבן דערזען די פֿלעשער מיט וויַין, איז זיי געקומען די סלינע אין מויל אַריַין. האָבן זיי ווידער חוזק געמאַכט: „היי, דו שיכּור, האָסט דאָך ליידיקע פֿלעשער, אַליין אויסגעטרונקען אין גאַנצן!" האָט ער זיך אַליין געוואַקלט אַהין און אַהער און איבערגעחזרט: „אין גאַנצן... אויסגעטרונקען... ליידיקע... פֿלעשער...? טאָ נאַט זשע אייַך אַ־וועַ־קעט!" די סאָלדאַטן האָבן אַ כאַפּ געטאָן די דריַי פֿלעשער וויַין, אויסגעליאָקטשעט ביז צום דעק און זיַינען באַלד אַנידערגעפֿאַלן ווי די סנאָפּעס. און ווי ער האָט דאָס דערזען, האָט ער גלייַך איבערגעשניטן די שטריק, געכאַפּט דעם טויטן פּאָדריאַטשיק אין אַ זאַק און אַנטלאָפֿן מיט אים אַהיים.

אַף מאָרגן אין דער פֿרי האָט מען געמאָלדן צום קייסער, אַז מען האָט צוגעגנבֿעט דעם טויטן קערפּער און די דריַי סאָלדאַטן וואָס האָבן אים געהיט האָט מען געפֿונען שלאָפֿן ווי דערהרגעטע. האָט שוין דער קייסער פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די אַרבעט פֿון דעם זעלביקן געשיַיטן גנבֿ. האָט ער געזאָגט: „דער גנבֿ מוז געכאַפּט ווערן, וואָס דאָס זאָל נישט קאָסטן!" האָט ער געהייסן אויסרופֿן אין שטאָט צו אַלע איַינוווינער, אַז זיי זאָלן קומען צום באַל וואָס ווערט געמאַכט אין דעם קייסערס פּאַלעץ, און אויב אימעצער וועט זיך דערוועגן אויסנבלייַבן, וועט מען אים אַריַינזעצן אין תּפֿיסה. האָט שוין דער גנבֿ קיין ברירה נישט געהאַט, איז ער אויך געקומען צום באַל, אָבער ווי ער איז נאָר אַריַין אין דעם קייסערס פּאַלעץ און האָט דערזען, ווי עס ליגן עפּעס גאָלדענע רענדלעך אַף דער פּאָדלאָגע, האָט אים גענומען בריַיסן אין די הענט, און ער האָט זיך שיר נישט געוואָלט איַינבייגן און עפּעס צולאַטכענען, נאָר ער האָט

זיך אײַנגעהאַלטן, ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מען וויל אים אַף אַזאַ אופֿן כאַפּן. „נו, אויב אַזוי, טראַכט ער זיך, וועל איך אײַך שוין אָפּטאָן אַ בעסערע שטוקע". איז ער אַרויס אין גאַס, געקראָגן ערגעץ אַ שטיק פעך און האָט זיך דערמיט אָנגעשמירט די פּאָדעשוועס פֿון זײַנע שיך און איז צוריק אַרײַן אינעווייניק און האָט זיך אויסגעמישט מיטן עולם. דערווײַלע האָט ער אַרופֿגעטראָטן אַף די גאָלדענע רענדלעך וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צו זײַנע שיך און ער האָט זיך אַדורכגעדרייט דורך אַ טיר און איז אַוועק אַהיים. האָט מען באַלד באַמערקט, אַז עס פֿעלן אַ סך רענדלעך, אָבער מען האָט נישט געזען, אַז אימעצער זאָל זיך אײַנבייגן און זיי אופֿהייבן. אָבער דער קייסער האָט שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די אַרבעט פֿונעם געשײַטן גנבֿ, איז ער געוואָרן אין כּעס און האָט געזאָגט: „עס מעג דונערן און בליצן, דעם גנבֿ מוז איך כאַפּן!" און האָט באַלד געלאָזט אויסרופֿן: אַז ווער ס'וועט קאָנען אַראָפּגנבֿענען פֿון דעם קייסערס טאָכטער דעם דימענטענעם האַלדזבאַנד וואָס זי טראָגט אַפֿן האַלדז, דער וועט איר באַקומען פֿאַר אַ ווײַב און נאָך אַ האַלבע מלוכה דערצו. און דערווײַלע האָט דער קייסער באַשטיקע* געהייסן אויסגראָבן אַ טיפֿע גרוב אַרום און אַרום דעם פּאַלעץ, און דערנאָך זאָל מען די גרוב פֿאַרדעקן מיט דינינקע ברעטלעך און פֿון אויבן באַשיטן מיט שטרוי און מיט גראָז, אַז מע זאָל גאָרנישט דערקענען. האָט מען אַזוי געטאָן.

אָבער אַז דער גנבֿ האָט דערהערט דעם קייסערס באַפֿעל, האָט ער געלאַכט: „אויך מיר אַ קונץ, אַראָפּצוגנבֿענען בײַ דער פּרינצעסין דעם האַלדזבאַנד! כ'האָב שוין באַוויזן גרעסערע קונצן!" און אַזוי איז ער איין מאָל אין אַ פֿינצטערער נאַכט אַוועק צום פּאַלעץ, ווו די פּרינצעסין האָט געוווינט. אָבער אַז ער איז צו־געקומען גאָר נאָענט, האָט זיך די ערד אונטער זײַנע פֿיס פּלוצלינג אײַנגעבראָכן, און ער איז מיט אַ קנאַק אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן

---

* = בשתיקה.

גרוב. „איי שלעכט, טראַכט ער זיך, אַט איצטער האָט מען מיך געפּאַקט!" אָבער אַ געשייטער יונג איז ער געווען, האָט ער באַלד זיך געגעבן אַן עצה. ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ פּאָר שוועבעלעך, האָט זיי געגעבן אַ רייב אָן – און ס'האָט זיך אונטער־געצונדן מיט אַ מאָל די שטרוי מיט ברעטלעך, און ס'איז געוואָרן אַן אמתע שׂרפֿה. האָבן די שומרים דערזען, אַז אַרום דעם פּאַלעץ ברענט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו קלינגען אין די גלאָקן און שרייען: „פֿייער!" זיינען זיך צונויפֿגעלאָפֿן די מענטשן פֿון שטאָט צו ראַטעווען דער פּרינצעסין, און לויפֿנדיק אַזוי צום פּאַלעץ זיינען זיי אַלע אַרייַנגעפֿאַלן אין גרוב. ווי דער קייסער האָט דאָס דערזען, האָט ער געגעבן אַ באַפֿעל, אַז מען זאָל אַלע מענטשן אַרויסנעמען פֿון גרוב, האָט מען זיי אַלעמען אַרויסגענומען, איז דער גנבֿ אויך געווען צווישן זיי. דערווייַלע האָט ער זיך אין דער סומאַטאָכע געגעבן אַ דריי אויס, איז אַרייַן אין פּאַלעץ און אין איינס־צוויי האָט ער שוין געהאַט בייַ זיך דער פּרינצעסינס האַלדזבאַנד און איז דערמיט אַוועק אַהיים.

בקיצור, דער קייסער האָט געזען, אַז ער האָט נאָך ערגער געמאַכט: נישט געכאַפּט דעם גנבֿ נישט, וואָס ער האָט דעם גנבֿ נישט געכאַפּט, וועט ער אים נאָך אפֿשר דאַרפֿן אַוועקגעבן די פּרינצעסין פֿאַר אַ ווייַב און אַ האַלבע מלוכה דערצו, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט. „ניין, צו דעם וועט עס נישט קומען", האָט זיך דער קייסער געטראַכט. און ווי ער טראַכט אַזוי, האָט אַ באַדינער געמאָלדן, אַז דער גנבֿ איז אַליין געקומען אין פּאַלעץ און וויל ריידן מיטן קייסער. האָט דער קייסער אים געהייסן אַרייַנלאָזן. און ווי ער איז אַרייַן, האָט ער זיך געבוקט פֿאַרן קייסער און געזאָגט: „אַדוני קעניג! איך בין דאָס דער גנבֿ וואָס האָט אָפּגעטאָן די אַלע שטוקעס און בין געקומען מאָנען, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט". – „גיב מיר עפּעס אַ סימן!" זאָגט דער קייסער. נעמט דער גנבֿ און שיט אַרויס אויפֿן טיש אַלע רענדלעך מיט דעם דימענטענעם האַלדזבאַנד וואָס ער האָט צו־געגנבֿעט פֿון דער פּרינצעסין. האָט דער קייסער געזען, אַז דאָס איז טאַקע דער ריכטיקער חבֿרה־מאַן, זאָגט ער צו אים אַזוי: „הער

זיך אײַן, יונגער־מאַן, דאָס װאָס איך האָב דיר צוגעזאָגט צו געבן מײַן טאָכטער פֿאַר אַ װײַב איז טאַקע גאַנץ ריכטיק. כ׳האָב אָבער בעת־מעשׂה פֿאַרגעסן צו לאָזן אױסרופֿן נאָך דרײַ זאַכן װאָס דו װעסט מוזן דורכפֿירן.״ —„װאָס זײַנען דאָס פֿאַר אַ זאַכן?״ פֿרעגט דער גנבֿ. —„אָט װעל איך דיר אױסרעכענען, זאָגט דער קײסער: ערשטנס מוזסטו איבערנעכטיקן אַ נאַכט מיט אַ װילדן בער אַלײן אין אַ חדר. צװײטנס װעסטו מוזן דרײַ טעג נאָך אַנאַנד פֿיטערן צען װילדע האָזן אַפֿן פֿרײַען פֿעלד, און אַלע פֿאַרנאַכט זאָלסטו זײ צוריקברענגען אין פּאַלעץ, און קײן אײנציקער זאָל נישט פֿעלן. און דריטנס װעסטו מוזן אָנרײדן דרײַ לעכערדיקע זעק פֿול מיט רײד. איז אױב דו װעסט באַװײַזן דעם קונץ דורכצופֿירן די אַלע דרײַ זאַכן, איז גוט, װעל איך האַלטן מײַן צוזאָג; און אױב דו װעסט נאָר אײן זאַך נישט ריכטיק דורכפֿירן, װעל איך דיר באַשטראָפֿן מיטן טױט.״ אַז דער גנבֿ האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָנגעהױבן צו שװיצן. האָט ער געבעטן בײַם קײסער, ער זאָל אים כאָטש געבן צען טעג צײַט, זיך צוצוגרײטן, האָט ער אים געגעבן. דער קײסער האָט סײַ װי סײַ געװוּסט, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ מענטש אַף דער װעלט, װאָס זאָל קאָנען דורכפֿירן די אַלע זאַכן.

איז דער געשײַטער גנבֿ אַװעק אין פֿעלד, האָט זיך אַנידער־געזעצט אַף אַ שטײן און גענומען טראַכטן, װאָס ער זאָל דאָ טאָן. מילא, די ערשטע פּאָר טעג האָט ער זיך געטרײסט, אַז ער האָט נאָך גענוג צײַט, אַז ער װעט נאָך געפֿינען אַ מיטל, װי אַזױ זיך צו ראַטעװען פֿון טױט. אָבער אַז עס איז געקומען דער לעצטער טאָג און קײן מיטל האָט ער נישט געפֿונען, איז ער געװאָרן טרױעריק און האָט אָנגעהױבן באַקלאָגן זײַן ביטערן מזל. און אַזױ װי ער זיצט אַזױ און קלאָגט, קומט אָן פּלוצלינג אַן אַלטע באָבעצע מיט אַ זעקל אַפֿן פּלײצע, שטעלט זיך אָפּ און פֿרעגט אים, װאָס ער װײנט. װערט ער אין כּעס און גיט אַ געשרײ: „טראָג זיך אָפּ פֿון דאַנען, דו אַלטע מכשפֿה, איך קאָן נישט קוקן אין דײַן מיאוסער צורה!״ זאָגט זי צו אים מיט גוטן: „שאַ, בײזער זיך נישט, מײַן

זון, זאָג מיר בעסער, וואָס דיר פעלט, אפשר וועל איך דיר קאָנען העלפן". זעט ער, אַז ער וועט זיך שוין פון איר נישט קאָנען אָפּ־טשעפּענען און סיי ווי סיי האָט ער שוין נישט וואָס אָנצוווערן, דערציילט ער איר די גאַנצע מעשׂה. זאָגט זי גאָרנישט, נעמט אַראָפּ דעם זעקל פון פּלייצע און הייבט אָן זוכן אין אירע טראַנטעס. האָט זי געזוכט און געזוכט, ביז זי האָט געפונען אַ קליינע פידעלע. נעמט זי דאָס אַרויס און זאָגט: „הער זיך איין, מיין זון, אָט גיב איך דיר אַ פידעלע. און אַז דער קייסער וועט דיר פאַרשפּאַרן מיט אַ ווילדן בער אין אַ באַזונדערן חדר, זאָלסטו גלייך אַרויסנעמען די פידעלע און טאָן אַ שפּיל, וועט דער בער גלייך אַנטשלאָפן ווערן." דערנאָך האָט זי ווידער געזוכט אין אירע טראַנטעס, געזוכט און געזוכט, ביז זי האָט געפונען אַ פייפעלע. נעמט זי דאָס אַרויס און זאָגט: „הער זיך איין, מיין זון, אָט גיב איך דיר אַ פייפעלע. און אַז דער קייסער וועט דיר שיקן אין פעלד צו פיטערן די צען ווילדע האָזן, זאָלסטו זיך גאָרנישט זאָרגן, אַז זיי וועלן אַנטלויפן; נאָר אַז דו וועסט דאַרפן גיין צוריק אין פּאַלעץ, זאָלסטו אַרויס־נעמען די פייפעלע און געבן אַ פייף, וועלן זיי אַלע קומען צו לויפן צוריק." און אַז זי האָט דאָס אָפּגעזאָגט, נעמט זי דעם זעקל אויפן פּלייצע און וויל שוין אַוועקגיין, פאַרהאַלט ער איר און פרעגט: „נו, און וואָס זאָל איך טאָן מיט די דריי לעכערדיקע זעק?" — „דאָס ווייס איך נישט, זאָגט זי, דו וועסט זיך שוין אַליין אַן עצה געבן", און זי איז פאַרשוווּנדן.

האָט ער גענומען די פידעלע מיט דעם פייפעלע און באַ־האַלטן אין בוזעם. דערנאָך איז ער אַוועק צום קייסער און האָט געזאָגט: „אַדוני קעניג, איך בין שוין פאַרטיק דורכצופירן די דריי זאַכן". זאָגט דער קייסער: „גוט, מיר וועלן זען". נו, האָט מען דעם יונג פאַרשפּאַרט מיט אַ ווילדן בער אין אַ באַזונדערן חדר, און ווי נאָר דער בער האָט דערשמעקט מענטשנפלייש, האָט ער אָנגעהויבן צו ברומען און האָט שוין געוואָלט אויף אים אַרופאַלן. כאַפּט ער אַרויס די פידעלע פון בוזעם און הייבט אָן שפּילן. איז

ווי נאָר דער בער האָט דערהערט דעם ניגון, איז ער באַלד אַנטשלאָפֿן געוואָרן. אין דער פֿרי האָט דער קייסער געשיקט אַ באַדינער אַ קוק טאָן, צי דער גנבֿ לעבט נאָך, האָט ער אים גאָר געפֿונען שפּילנדיק אַפֿן פֿידעלע און דעם בער אַ שלאָפֿנדיקן.

אַפֿן אַנדערן טאָג האָט מען אים אַוועקגעשיקט מיט צען ווילדע האָזן צו פֿיטערן זיי אַפֿן פֿרײַען פֿעלד. אָבער דער קייסער האָט שוין אָנגעהויבן אַ ביסל זיך צו שרעקן, טאָמער וועט דער דאָזיקער חבֿרה־מאַן די אַנדערע זאַכן אויך דורכפֿירן, האָט ער זיך איבערגעטאָן אין אַנדערע קליידער און איז אַוועק אין פֿעלד זען, וואָס דאָרט טוט זיך. ער קומט צו, זעט ער, ווי דער יונג ליגט זיך צעשפּרייט אַפֿן גראָז, פּײַפֿט זיך אָף אַ פּײַפֿעלע, און די צען האָזן שפּילן זיך אַרום אים. פֿרעגט אים דער קייסער: „מיט וואָס פֿאַר אַ מיטל האַלטסטו אַרום זיך אַזעלכע צען ווילדע האָזן, וואָס אַז זיי דערהערן דעם קלענסטן שאָרך, דערשרעקן זיי זיך און אַנטלויפֿן?“ — „איך טאָר עס דיר נישט אויסזאָגן, זאָגט דער יונג, דאָס איז אַ סוד פֿאַר מיר אַליין“. — „מילא, נישט איז נישט“, מאַכט דער קייסער און מיינט, אַז דער חבֿרה־מאַן האָט אים נישט דערקענט. דערנאָך זאָגט ער צו אים: „אפֿשר קאָנסטו מיר פֿאַרקויפֿן אַ האָז?“ — „דאָס אויך נישט, זאָגט דער יונג, אַז איך זאָל דיר איצטער פֿאַרקויפֿן אַ האָז, וועל איך דערנאָך בלײַבן אָן אַ קאָפּ. נאָר ס׳וואָלט אַלץ כּדאַי געווען, ווען דו וואָלטסט זיך אויסגעטאָן און געטאַנצט פֿאַר מיר נאַקעטערהייט, וואָלט איך דיר געגעבן אַ האָז אומזיסט.“ דעם קייסער האָט עס אַפֿילו גאָרנישט געשמעקט, נאָר ער האָט זיך באַרעכנט: „איידער צו דאַרפֿן שפּעטער אָפּגעבן מײַן טאָכטער צו אַ גנבֿ פֿאַר אַ ווײַב, איז גלײַכער בײַ צײַטנס פֿון אים פּטור צו ווערן“. האָט ער זיך אויסגעטאָן נאַקעט און געטאַנצט. און אַז ער האָט אָפּגעטאַנצט, האָט אים דער יונג געגעבן אַ האָז. האָט דער קייסער געכאַפּט דעם האָז און מיט אַ שׂימחה אַנטלאָפֿן אַהיים. אָבער פֿאַר נאַכט, ווען דער יונג האָט זיך באַדאַרפֿט מעלדן אין פּאַלעץ מיט די צען האָזן, האָט ער אַרויסגענומען זײַן פּײַפֿעלע און געגעבן

אַ פֿײַף – איז דער האָז געקומען צו פֿליִען צוריק. און אַזוי האָט ער צוריקגעבראַכט אין פּאַלֿעץ אַלֿע צען האָזן. אַפֿן צווייטן טאָג איז אונטערגעקומען די קייסערינע אויסנאַרן בײַ אים אַ האָז. זאָגט זי צו אים: „איך מאַך הײַנט אַ באַלֿ פֿאַר גרויסע לײַט, ווילֿ איך זיי ווײַזן, וואָס פֿאַר אַ שיינע האָזן מיר האָבן. פֿאַרקויף מיר איינעם!“ –„אַז איך ווען דיר איצטער פֿאַרקויפֿן אַ האָז, זאָגט ער, ווען איך דערנאָך בלײַבן אָן אַ קאָפּ. נאָר ס'וואָלט אַלֿץ כּדאַי געווען, ווען דו וואָלטסט זיך אויסגעטאָן און געטאַנצט פֿאַר מיר נאַקעטערהייט, וואָלט איך דיר געגעבן אַ האָז אומזיסט“. דער קייסערינע האָט דאָס גאָרנישט געשמעקט, נאָר זי האָט זיך באַרעכנט: „איידער צו דאַרפֿן שפּעטער אָפּגעבן מײַן טאָכטער צו אַ גנבֿ פֿאַר אַ ווײַב, איז גלײַכער בײַ צײַטנס פֿון אים פּטור צו ווערן“. האָט זי זיך אויסגעטאָן נאַקעט און געטאַנצט. האָט ער איר געגעבן אַ האָז. האָט זי געכאַפּט דעם האָז און איז מיט אַ שׂימחה אַנטלאָפֿן אַהיים. אָבער פֿאַר נאַכט, ווען ער האָט זיך ווידער געדאַרפֿט מעלֿדן אין פּאַלֿעץ מיט די האָזן, האָט ער אַרויסגענומען זײַן פֿײַפֿעלֿע און געגעבן אַ פֿײַף, איז דער האָז געקומען צו פֿליִען צוריק. און אַזוי האָט ער ווידער צוריקגעבראַכט אין פּאַלֿעץ אַלֿע צען האָזן. אַפֿן דריטן טאָג איז געקומען די פּרינצעסין אויסנאַרן בײַ אים אַ האָז, האָט זי אויך אַזוי געמוזט טאַנצן, ווי דער קייסער און ווי די קייסערינע, איידער ער האָט איר געגעבן אַ האָז וואָס איז דערנאָך געקומען צו פֿליִען צוריק, ווי נאָר ער האָט געטאָן אַ פֿײַף מיט זײַן פֿײַפֿעלֿע. און אַזוי האָט ער זיך צום דריטן מאָלֿ געמאָלֿדן מיט אַלֿע צען האָזן אין קייסערס פּאַלֿעץ.

קורץ, אַז דער קייסער האָט געזען, וואָס פֿאַר אַ ווונדער דער יונג האָט באַוויזן, האָט ער אים שוין נישט געהאַלֿטן פֿאַר אַ גנבֿ, נאָר עפּעס פֿאַר אַ ווונדערלֿעכן מענטשן. דערפֿאַר האָט ער שוין צו דער דריטער פּראָבע געמאַכט אַ גרויסאַרטיקן באַלֿ, האָט פֿאַרבעטן אַלֿע מיניסטאָרן און אַלֿע גרויסע לײַט פֿון זײַן מדינה, זיי זאָלֿן קומען זיך משׂמח זײַן און דערצו נאָך זען דעם גרעסטן

ווּנדער אַף דער וועלט, ווי איינער וועט אָנריידן דרײַ לעכערדיקע זעק פול מיט רייד. זײַנען טאַקע אַלע געקומען זען די ווּנדער. האָט זיך פריִער אָנגעהויבן אַ סעודה מיט עסן און מיט טרינקען, און אין מיטן דערינען האָבן דרײַ אָפיצירן אַרײַנגעבראַכט אַ גרויסן זאַק וואָס איז געווען פול מיט לעכער און האָבן זיך אַנידער־געשטעלט אין מיטן זאַל. האָט דער קייסער געטאָן אַ ווּנק, איז דער יונג צוגעגאַנגען און גענומען אַרײַנריידן אין זאַק וואָס די אָפיצירן האָבן געהאַלטן אַ ביסל אָפן. האָט ער גערעדט און גערעדט פאַר פײַער און פאַר וואַסער. ער האָט דערציילט מעשׂהלעך, געזאָגט וויצן, אָבער דער זאַק איז געבליבן ליידיק, מען האָט אַפילו נישט באַמערקט, ער זאָל זיך כאָטשבי אַ ביסל אָנבלאָזן. האָט ער ווײַטער גערעדט, דערציילט מעשׂיות, ביז ער האָט אָנגעהויבן דערציילן די מעשׂה, ווי ער איז געזעסן אין פעלד און האָט געהיט צען ווילדע האָזן: „...איז געקומען דער קייסער און געבעטן, כ'זאָל אים פאַרקויפן אַ האָז. האָב איך געזאָגט, אַז ער וועט זיך אויסטאָן און טאַנצן פאַר מיר נאַקעטערהייט, וועל איך אים געבן אַ האָז. האָט ער זיך אויסגעטאָן נאַק...“ „סטוי! האָט דער קייסער אַ געשריי געטאָן, פאַרבינדט דעם זאַק, דער זאַק איז שוין פול!“ האָבן די אָפיצירן באַלד פאַרבונדן דעם זאַק און אַרײַנגעבראַכט דעם צווייטן. האָט דער יונג ווידער גענומען אַרײַנריידן אין צווייטן זאַק. האָט ער גערעדט און גערעדט פאַר פײַער און פאַר וואַסער: געזאָגט וויצן, דערציילט מעשׂהלעך, ביז ער איז אַרופגעקומען אַף דער מעשׂה, ווי ער איז געזעסן אין פעלד און האָט געהיט צען ווילדע האָזן: „...איז געקומען די קייסערינע און האָט מיר געבעטן, כ'זאָל איר פאַרקויפן אַ האָז. האָב איך געזאָגט, אַז זי וועט זיך אויסטאָן און טאַנצן פאַר מיר נאַקעטערהייטן וועל איך איר געבן אַ האָז. האָט זי זיך אויסגעטאָן נאַק...“ — „סטוי! האָט דער קייסער אַ געשריי געטאָן, פאַרבינדט דעם זאַק. דער זאַק איז שוין פול!“ האָבן די אָפיצירן באַלד פאַרבונדן דעם זאַק און אַרײַנגעבראַכט דעם דריטן. האָט דער יונג ווידער

געגומען אַרײַנגערײדן אין דריטן זאַק. האָט ער גערעדט און גערעדט און דערציילט מעשׂהלעך אַזוי ווי פֿריִער, נאָר ווי ער האָט געגומען דערציילן פֿון דער פּרינצעסין, ווי אַזוי זי האָט זיך געגומען אויסטאָן, האָט דער קייסער ווידער אַ געשריי געטאָן: „סטוי! פֿאַרבינדט דעם זאַק, דער זאַק איז שוין פֿול!״ און אַז די אָפֿיצירן האָבן שוין געהאַט פֿאַרבונדן דעם דריטן זאַק, איז דער קייסער צו אים צוגעגאַנגען, האָט אים געדריקט די האַנט און געזאָגט: „איצטער זע איך טאַקע, אַז דו ביסט נישט קיין גנבֿ, נאָר אַ וווּנדערלעכער מאַן און אַ גרויסער חכם דערצו. כ׳גיב דיר דערפֿאַר מײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב און אַ האַלבע מלוכה אין נדן.״ — „און איצטער, רופֿט זיך אָפּ דער יונג, דער פֿאַר־שטעלטער פּרינץ, וועל איך אײַך אויסזאָגן דעם סוד — איך בין אַ קייסערס אַ זון!״

נו־נו, וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעטאָן, פֿרעגט שוין נישט. די שׂימחה האָט זיך אָנגעהויבן איבער אַ נײַס, מ׳האָט געטרונקען און געגעסן — נאָר אָן אונדז האָט מען פֿאַרגעסן.

43. די חכמה און דאָס מזל

ערשטע מעשׂה

די חכמה און דאָס מזל האָבן זיך אַ מאָל באַגעגנט, האָבן זיי זיך געשפּאַרט, ווער ס׳איז שטאַרקער.

די חכמה האָט געזאָגט, אַז אָן חכמה קען מען גאָרנישט אויפֿטון אָף דער וועלט, און מיט חכמה — אַלץ. און דאָס מזל ווידער האָט געטענהט: „וואָס טויג חכמה, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מזל? מיט מזל קען מען אַלץ אויפֿטון, וואָרעם אַ קווינט מזל וועגט איבער אַ פֿונט חכמה". אָבער די חכמה איז געווען אײַנגעשפּאַרט און האָט געזאָגט, אַז נאָר מיט חכמה קען מען אַלץ אויפֿטון. און אַזוי ווי זיי האָבן זיך געשפּאַרט, איז אין דער צײַט ערגעץ געבוירן געוואָרן אַ קינד, אַ ייִנגל. האָבן זיי צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז איינער פֿון זיי זאָל אַרײַן אין דעם קינד, וועט מען זען, וואָס ער קען אויפֿטון.

איז די חכמה פֿריִער אַרײַן אינעם קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן בײַ זייער אַן אָרעמער פֿרוי און זי האָט אים גאָרנישט געקענט געבן קיין שום דערציִונג. איז ווען דאָס ייִנגל איז נאָך געווען קליין, האָט ער אַליין גאָרנישט געקענט אויפֿטון, אָבער ווען ער איז געוואָרן עלטער, אַזוי אַ פֿערצן־פֿופֿצן יאָר, איז ער אַרויס אָף דער וועלט. ער האָט געוואָלט זען, וואָס ער קען אויפֿטון, ווײַל ער איז געווען זייער קלוג. איז ער אַרײַנגעקומען ס׳ערשט צו אַ גאָלדשמיד און האָט זיך געבעטן, ער זאָל אים צונעמען פֿאַר אַ לערנייִנגל. האָט דער גאָלדשמיד אָף אים רחמנות געקריגן, ווײַל

ער האָט געזען, אַז ער איז זייער אָרעם, האָט ער אים צוגענומען און געלערנט די אַרבעט, און אַז ער האָט אָפּגעאַרבעט אַ קורצע צײַט, האָט דער בעל־בית געזען, אַז ער האָט אַזוי פיל חכמה אין דער אַרבעט, אַז ער קען שוין בעסער פאַר אים. און דאָס ייִנגל האָט שוין אויך געזען, אַז ער האָט שוין דאָ נישט וואָס צו לערנען, האָט ער נישט געוואָלט פאַרבלײַבן לענגער. ער האָט געוווּסט, אַז ער קען אויפטון מער מיט זײַן חכמה, האָט ער געזאָגט זײַן בעל־בית, אַז ער גייט אַוועקפאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט. דער בעל־בית האָט זיך בײַ אים געבעטן, ער זאָל נאָך בײַ אים פאַרבלײַבן, ס׳אָט אים באַנג געטון צו פאַרלירן אַזאַ גוטן אַרבעטער. ער האָט אָבער בײַ אים גאָרנישט געקענט פּועלן, און ער איז אַוועקגעפאָרן. און ער איז געפאָרן און ער איז אַרײַנגעקומען אין דער גרעסטער שטאָט, ווו דער קייסער אַליין האָט געוווינט. דאָרטן איז ער אַרײַנגעקומען צו אַ שנײַדער, דעם גרעסטן פון דער שטאָט, וואָס האָט גענייט פאַר דעם קייסערס פאַמיליע. האָט ער געבעטן דעם שנײַדער, ער זאָל אים צונעמען פאַר אַ לערנייִנגל. האָט ער אים צוגענומען. און אַז ער האָט אָפּגעאַרבעט אַ קורצע צײַט, האָט ער אָנגעפאַנגען אַרויסווײַזן אַזוי פיל חכמה אין דער אַרבעט, אַז דער בעל־בית זײַנער האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּוווּנדערן. יעדעס מאָל האָט ער אים אויסגעטראַכט נײַע מאָדעס, אַז דער קייסער האָט גאָרנישט געקענט פאַרשטיין, וואָרעם אין דער לעצטער צײַט האָט אים זײַן שנײַדער געבראַכט אַזעלכע וווּנדערלעכע אַרבעט פון די לעצטע מאָדעס. האָט ער אים אָנגעפאַנגען פרעגן, ווער עס מאַכט אים די קליידער. האָט אים דער שנײַדער געענטפערט, אַז ער אַליין זיצט און קלערט, ווי אַזוי צו מאַכן אַלע מאָל שענערע קליידער. האָט אים דער קייסער גוט באַלוינט דערפאַר.

אין אַ געוויסן טאָג איז דער שנײַדער געקומען צו גיין און האָט דערציילט, וואָס פאַר אַן אומגליק ס׳איז יעצט אין שטאָט: דער קייסער האָט פאַרמאָגט איין טאָכטער, איז זי געווען זייער אַ קלוגע, און מ׳אָט איר נישט געקענט צוקלײַבן קיין חתן, ווײַל

זי האָט געוואָלט אַ חתן וואָס זאָל אויך זײַן זייער קלוג. ס'האָט זי נישט געאַרט, פֿון וואָס פֿאַר אַ פֿאַמיליע ער וועט קומען, ער מעג זײַן אָרעם אָדער רײַך, אַבי זייער קלוג. און וועלכער איינער ס'וועט זיך פֿאַר איר פֿאָרשטעלן און וועט אָנפֿאַנגען רעדן צו איר, און אויב זי וועט אים געבן אַן ענטפֿער, וועט זי פֿאַר אים חתונה האָבן; און אויב נישט — זאָל ער וויסן, אַז מען וועט אים דעם קאָפּ אַראָנטערהאַקן, וואָס ער האָט זיך אײַנגעשטעלט צו גיין צו איר רעדן, ווען ער איז נישט גענוג קלוג. דאָס אַלץ האָט זי געזאָגט צום פֿאָטער, און ער האָט מסכּים געווען. האָבן געוויינטלעך יעדערער געוואָלט זי קריגן פֿאַר אַ פֿרוי, ווײַל אַחוץ אַלעמען, וואָס זי איז געווען זייער קלוג און דעם קייסערס טאָכטער, איז זי נאָך דערצו געווען אַ זעלטענע שיינהייט. געוויינטלעך האָבן זיך אונטערגענומען אַלע גרעסטע לײַט וואָס האָבן געגלייבט, אַז זיי וועלן וויסן, ווי אַזוי מיט דער פּרינצעסין צו רעדן. ס'האָט זיי אָבער נישט געלונגען, ווײַל זי האָט זיי קיינעם נישט געענטפֿערט. האָט מען זיי אַלע אומגעבראַכט, אַראָפּגעהאַקט די קעפּ. יעדן טאָג האָט מען עטלעכע געפֿירט אַראָפּצוהאַקן דעם קאָפּ, און אין שטאָט איז געוואָרן אַ גרויסער יאָמער, ווײַל די עלטערן האָבן געקלאָגט אָף זייערע קינדער, און קיינער האָט דאָס נישט געקענט אָפּשטעלן, ווײַל יעדן טאָג האָבן זיך געפֿונען אַנדערע וואָס האָבן געגלייבט, אַז זיי וועלן זײַן די יעניקע וואָס וועלן זײַן קלוג גענוג אַרויסצוקריגן פֿון איר אַן ענטפֿער. און ס'האָט גאָרנישט געהאָלפֿן, ווען די עלטערן האָבן זיך געבעטן בײַ זייערע זין, אַז זיי זאָלן נישט גיין. און ווען דער שנײַדער איז אַהיימגעקומען און האָט דערציילט, וואָס עס קומט פֿאָר אין שטאָט, האָט זײַן אַרבעטער־יינגל זיך אײַנגעהערט און האָט באַשלאָסן, אַז ער וויל אויך גיין, ווײַל ער האָט געגלייבט, ער איז גענוג קלוג צו קענען בײַ איר אַרויסקריגן אַן ענטפֿער. ער האָט געזען, אַז אַזוינע גרויסע לײַט און רײַכע שטעלן זיך אײַן און גייען, טאָ וואָס האָט ער דאָ אָנצוּוווערן? אָרעם און עלנט איז ער, מעג ער אַוודאַי גיין. און ווען

ער האָט דאָס געלאָזט וויסן זײַנע בעלי־בתּים, אַז ער האָט באַשלאָסן צו גיין, האָבן זיי אים נישט געלאָזט: זיי האָבן זיך נישט געוואָלט גלייבן, אַז אַזאַ אָרעם ייִנגל זאָל זיך וועלן אײַנשטעלן דאָס לעבן. אַז מע קען אַזוינע מיניסטאָרן און גרויסע לײַט אומברענגען, וועט מען אים אַוודאי אומברענגען. זיי האָבן זיך געבעטן בײַ אים און געוויינט פֿאַר אים, ער זאָל נישט גיין, און ס׳האָט זיי גאָרנישט געהאָלפֿן, ווײַל ער האָט געזאָגט, אַז ער גייט. און וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטון אין הויז, קענט איר זיך שוין אַליין פֿאָרשטעלן: ס׳איז געווען יום־כּיפּור בײַ דעם שנײַדער אין הויז, ווײַל זיי האָבן אים זייער ליב געהאַט און האָבן אים נישט געוואָלט פֿאַרלירן. אָבער ס׳האָט זיי גאָרנישט געהאָלפֿן, און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

ווען ער איז צוגעקומען צום קייסערס פּאַלעץ, האָט ער זיך געהייסן אַרײַנלאָזן צו דער פּרינצעסין, ווײַל ער האָט געזאָגט, אַז ער נעמט זיך אונטער אַרויסצוקריגן בײַ איר אַן ענטפֿער. האָבן אים די באַדינערס אַרײַנגעלאָזט. איז ער אַרײַנגעקומען אינעם חדר, ווו די פּרינצעסין איז געזעסן, און האָט זיך געמאַכט, ווי ער זעט זי נישט. האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין צימער, האָט ער געזען, אַז סע הענגט אַ הענגלײַכטער, און האָט געזאָגט: „גוט מאָרגן, הענגלײַכטער! כ׳האָב דיר עפּעס צו דערציילן און כ׳וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיר פֿאַרענטפֿערן, וואָס איך וועל דיר דערציילן". האָט ער אָנגעפֿאַנגען דערציילן און האָט געזאָגט: „הער זיך אײַן, מײַן ליבער הענגלײַכטער: אין אַ שטעטל זענען געווען דרײַ מענטשן, איינער איז געווען אַ טאָקער, דער צווייטער אַ שנײַדער און דער דריטער אַ לערער. האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צו טון אין דעם שטעטל. האָבן זיי זיך צונויפֿגענומען אַלע דרײַ און האָבן זיך גענומען זייערע געצײַג און האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אױף דער וועלט זוכן אַרבעט. זענען זיי אַזוי לאַנג געגאַנגען, ביז זיי זענען געקומען צו אַ גרויסן וואַלד און האָבן באַדאַרפֿט דורכגיין דעם וואַלד. און איידער זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם וואַלד,

איז שוין געוואָרן נאַכט, און זיי האָבן שוין ווײַטער נישט געזען, ווי צו גיין. האָבן זיי באַשלאָסן צו בלײַבן אין וואַלד נעכטיקן. געוויינטלעך האָבן זיי זיך אַלע דרײַ נישט געקענט לייגן, ווײַל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז חיות זאָלן זיי נישט באַפֿאַלן. האָבן זיי אָפּגערעדט, אַז צוויי זאָלן זיך לייגן און איינער זאָל בלײַבן שטיין אָף דער וואַך זיי היטן פֿאַר צוויי שעה, און אַז די צוויי שעה וועלן איבערגיין, זאָל ער אופּוועקן דעם אַנדערן און ער זאָל זיך לייגן, און דערנאָך זאָל דער צווייטער שטיין צוויי שעה און אופּוועקן דעם דריטן, ביז ס׳וועט ווערן טאָג. איז דער ערשטער געבליבן אָף דער וואַך דער טאָקער. האָט ער דאָך נישט געהאַט וואָס צו טון די צוויי שעה אַליין, האָט ער זיך אָנגעפֿאַנגען אַרומדרייען און באַקוקט דאָס אָרט. וואָס טוט אַ טאָקער? האָט ער גענומען באַקוקן ס׳האָלץ. האָט ער געפֿונען זייער אַ שיין שטיק האָלץ. האָט ער אָנגעפֿאַנגען זיך אויסצושניצן דערפֿון אַ ליאַלקע, אַ פֿרויען־פֿיגור. און ווען ער איז מיט דער אַרבעט פֿאַרטיק געוואָרן, זענען שוין זײַנע צוויי שעה געווען איבערגעגאַנגען. האָט ער אַוועקגעשטעלט די פֿיגור און איז געגאַנגען אופּוועקן דעם צווייטן. האָט ער אופּגעוועקט דעם שנײַדער און האָט זיך געלייגט שלאָפֿן. און ווען דער שנײַדער איז אופּגעשטאַנען, האָט ער זיך אויך גענומען אַרומדרייען, האָט ער דערזען שטיין אַ נאַקעטע ליאַלקע. שער און נאָדל האָט ער געהאַט מיט זיך, אַ פּאָר שטיקלעך סחורה אויכעט, האָט ער זיך גענומען נייען אַ קלייד פֿאַר איר. און ווען דאָס קלייד איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט ער זי אָנגעטון. דערווײַל איז זײַן צײַט אַריבער, האָט ער אופּגעוועקט דעם לערער און ער איז געגאַנגען שלאָפֿן. און אַזוי ווי דער לערער האָט אויך נישט געהאַט וואָס צו טון, האָט ער זיך אויך גענומען אַרומדרייען, האָט ער דערזען שטיין אַ שיינע פֿרוי, אויסגעפּוצט אין שיינע קליידער. האָט ער גענומען רעדן צו איר, האָט זי אים נישט געענטפֿערט. איז אים געווען אַ שאָד, וואָס אַזאַ שיינע פֿרוי זאָל נישט קענען רעדן. און ער איז דאָך עפּעס

אַ לערער, באַדאַרף ער זי אויסלערנען רעדן. צײַט האָט ער געהאַט גענוג, האָט ער זיך אָװעקגעשטעלט זי לערנען און ער האָט זי אַזוי לאַנג געלערנט, ביז זי האָט אָנגעפאַנגען רעדן. דערװײַל איז טאָג געװאָרן, און די אַנדערע צװיי האָבן זיך אױפגעכאַפּט, האָבן זיי דערזען, װי דער לערער שטייט און רעדט עפּעס מיט אַזאַ שײנער פרוי. האָט יעדער פון די דרײַ זי געװאָלט האָבן פאַר זיך. האָבן זיי זיך גענומען קריגן. דער טאָקער האָט געזאָגט, אַז ער האָט זי אויסגעשניצט, ער האָט זי געמאַכט, געהערט זי צו אים. דער שנײַדער װידער האָט געטענהט: „װאָס? ס'איז דאָך געװען אַ נאַקעטע שטיק האָלץ! איך האָב זי באַקליידט, געהערט זי צו מיר". דער לערער װידער האָט געטענהט: „װאָס טויג אַן אויסגעפּוצטע ליאַלקע, װען סע רעדט נישט? איך האָב זי אויס־געלערנט רעדן, געהער זי צו מיר!" און אַזוי האָבן זיך אַלע דרײַ אַרומגעקריגט. — יעצט, מײַן ליבער הענגלײַכטער, בעט איך דיך, אפשר קענסטו מיר זאָגן, צו װעמען זי געהערט?"

דעם קייסערס טאָכטער, װאָס זי האָט אויסגעהערט די גאַנצע געשיכטע און האָט געזען, אַז דער בחור איז אַ קלוגער, האָט זי באַשלאָסן אים צו ענטפערן: „געװיינטלעך געהערט די פרוי צו דעם װאָס האָט זי געמאַכט רעדן".

דער בחור האָט אָבער געהאַט בלויז חכמה, אָבער נישט קיין מזל. האָבן די באַדינערס װאָס מע האָט אַװעקגעשטעלט הינטער דער טיר, זיי זאָלן הערן, צי דעם קייסערס טאָכטער האָט אים געענטפערט, האָבן גאָרנישט געהערט. האָבן זיי געמיינט, אַז ער האָט פון איר קיין שום ענטפער נישט אַרויסגעקריגן, און זיי האָבן זיך נישט געװוּנדערט אויך, װײַל אַזאַ אָרעמער בחור — װאָס װייסט ער, װאָס צו פרעגן? האָבן זיי נישט געמאַכט קיין סך יעשיִעס * מיט אים און זיי האָבן אים גלײַך אָװעקגעפירט, מע זאָל אים אַראָפּנעמען דעם קאָפּ. זיי האָבן אַפילו גאָרנישט געװאָלט רעדן

* = והיות.

מיט אים. און אַז ס'האָט שוין געהאַלטן גאָר שמאָל און מע האָט אים שוין געוואָלט אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ, איז פּלוצעם אַרויס־געקומען דאָס מזל און האָט געזאָגט צו דער חכמה: „נו, וואָס האָסטו אויפגעטון מיט דײַן חכמה? דו האָסט געקענט אַלץ טון, אָבער אַז ס'איז געקומען צו עפּעס רעכטס, האָסטו אָן מיר גאָרנישט געקענט אויפטון. יעצט לאָמיר זיך בײַטן פאַר אַ פּאָר מינוט, וועסטו זען, אַז אין אַ פּאָר מינוט קען איך מער אויפטון ווי דו פאַר דער גאַנצער צײַט.“ און אַזוי ווי דאָס מזל איז נאָר אַרײַן אין דעם בחור, האָט דעם קייסערס טאָכטער געגעבן אַ גיי אַרויס אָפּן באַלקאָן, האָט זי דערזען, ווי מע פירט דעם קלוגן בחור אַראָפּנעמען זײַן קאָפּ. האָט זי זיי גלײַך אָפּגעשטעלט און האָט געלאָזט וויסן דעם קייסער, אַז דאָס איז דער איינער, וואָס זי האָט אים געענטפערט, און אים האָט זי אויסגעקליבן פאַר אַ חתן. האָט דער קייסער באַלד געהייסן אומברענגען די באַדינערס דער־פאַר וואָס זיי האָבן זיך נישט אײַנגעהערט איר ענטפער צום בחור און דערפאַר וואָס זיי האָבן אים אומזיסט געוואָלט אומ־ברענגען. און זי, דעם קייסערס טאָכטער, האָט חתונה געהאַט מיט דעם קלוגן בחור, און זיי לעבן זיך גליקלעך.

אָט אַזוי האָט דאָס מזל באַוויזן, אַז ס'איז שטאַרקער פאַר דער חכמה.

44. די חכמה און דאָס מזל

צווייטע מעשה

ס׳איז אַ מאָל געווען אַ מלך מיט אַ מלכּה, האָבן זיי געהאַט אַ טאָכטער אַ בת־יחידה זייער אַ שיינע און אַ קלוגע. נאָר איין מאָל, ווען דער מלך האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט איר וועגן אַ שידוך, וועגן חתונה האָבן, האָט זי אַזוי געזאָגט: „יאָ, כ׳וועל חתונה האָבן, אָבער נאָר ווען ס׳וועט זיך געפינען אַ קלוגער בחור וואָס וועט מעך קענען רעדעוודיק מאַכן“. און שוין, מער האָט זי שוין ניט געוואָלט רעדן. וויפל ער האָט דערנאָך צו איר ניט גערעדט און איינגעטענהט, האָט זי ניט געענטפערט, נישט יאָ נישט ניין, זי איז שטום, און טו איר עפּעס! האָט דער מלך געזען, אַז ער קען מיט זײַן בת־יחידה גאָרנישט מאַכן, האָט ער געלאָזט אויסרופן, אַז ווער ס׳וועט קענען רעדעוודיק מאַכן דער פּרינצעסין, דער וועט זי באַקומען פאַר אַ ווײַב. האָבן זיך געפונען אַ סך בעלנים וואָס האָבן געוואָלט חתונה האָבן מיט דער פּרינצעסין. ס׳זענען געקומען פּרינצן, גראַפן, כראַביעס און אַ סך אַנדערע גרויסע לײַט, אָבער קיינער האָט זי ניט געקענט רעדעוודיק מאַכן. זיי האָבן אויסגעפּרוווט אַלע מיטלען, האָבן גערעדט צו איר, דער־ציילט מעשׂיות, געזאָגט חכמות, געפרעגט רעטענישן — און זי? כאָטש רעדט צו איר און רעדט צו דער וואַנט, איז אַלץ איינס. זי ענטפערט ניט, און אַ סוף. אַ כּלל, זענען זיי אַלע נעבעך אַוועק מיט אַראָפּגעלאָזטע נעז.

איין מאָל האָט זיך אָבער געפֿונען אַ בחור, גאָר אַ פּראָסטער, וואָס האָט זעך אונטערגענומען זי רעדעוודיק צו מאַכן. האָט מען אים אַרײַנגעפֿירט צו דער פּרינצעסין. האָט ער גערעדט צו איר און גערעדט, נאָר אַז ער האָט געזען, אַז זי ענטפֿערט ניט אָף זײַנע קלוגע רייד, האָט ער צום סוף אַזוי געזאָגט: „הער אויס, שיינע פּרינצעסין, כ׳וועל דיר דערציילן אַ ווונדערלעכע מעשׂה, דו מעגסט עס אויסהערן:

אין אַ שטעטל האָבן זעך אַ מאָל געפֿונען עטלעכע בעלי־מלאָכות וואָס האָבן ניט געהאַט קיין אַרבעט און פֿלעגן כסדר אַרומגיין ליידיק. האָבן זיי זעך איין מאָל צוזאַמענגענומען און אָפּגעמאַכט צווישן זעך, אַז זיי זאָלן אַלע אויסוואַנדערעווען אין אַן אַנדער שטאָט פֿון אַן אַנדער מדינה און דאָרטן וועלן זיי געפֿינען אַרבעט. צווישן די בעלי־מלאָכות וואָס האָבן אַזוי אָפּגעמאַכט איז געווען אַ טעסליער, אַ שניצער, אַ מאַליער, אַ דאַמען־שנײַדער, אַ שוסטער און אַ מלמד. האָבן זיי צונויפֿגענומען זייער געצײַג, מיטגענומען עפּעס צו עסן און זעך געלאָזט אין וועג אַרײַן. זענען זיי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַ גרויסן טיפֿן וואַלד, איז ער געווען אַזוי גרויס און טיף, אַז בײַ דער נאַכט האָט מען געקענט אין אים פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן. איז בײַ זיי געבליבן, אַז זיי זאָלן דערווײַל איבערנעכטיקן לעבן וואַלד, און אָף מאָרגן איז דער פֿרי וועלן זיי שוין זען, וואָס זיי האָבן צו טון. נאָר איידער זיי האָבן זעך געלייגט שלאָפֿן, האָבן זיי אָפּגעמאַכט, אַז יעדער איינער פֿון זיי זאָל בלײַבן אַ שעה אָף דער וואַך, צו וואָרענען פֿאַר חיות אָדער פֿאַר גזלנים וואָס וועלן זיי וועלן באַפֿאַלן. און זיי האָבן צווישן זעך געוואָרפֿן גורל, ווער ס׳זאָל דער ערשטער בלײַבן אָף דער וואַך. איז דאָס ערשטע געפֿאַלן אָף דעם טעסליער. האָבן זיך אַלע געלייגט שלאָפֿן, און דער טשעסליער האָט אָנגעהאַקט האָלץ, געמאַכט אַ פֿײַער און זעך געוואַרעמט. אין דעם האָט ער דערזען, ווי עס ליגט לעבן אים אַ קלאָץ, און אַזוי ווי ער האָט זעך געלאַנגווײַלט און ניט געהאַט וואָס צו טון, נעמט ער אַרויס

זײַנע געצײַג און טעסיעט אַרום דעם קלאָץ. דערווײַל איז אויסגעגאַנגען זײַן צײַט, האָט ער אויפֿגעוועקט דעם שניצער און אַליין האָט ער זיך געלייגט שלאָפֿן. דער שניצער האָט אויך צוגעוואָרפֿן האָלץ צום פֿײַער און האָט זיך געלאַנגווײַלט. דערווײַל האָט ער דערזען דעם אַרומגעטעסיעטן קלאָץ, טראַכט ער זיך, „מע קען עפּעס מאַכן דערפֿון“. האָט ער אַרויסגענומען זײַנע געצײַג און האָט אויסגעשניצט דערפֿון אַ שיינע פֿיגור פֿון אַ פֿרוי. דערווײַל איז אויסגעגאַנגען זײַן צײַט, האָט ער אויפֿגעוועקט דעם מאָלער און אַליין האָט ער זיך געלייגט שלאָפֿן. דער מאָלער האָט אויך צוגעוואָרפֿן האָלץ צום פֿײַער און האָט זיך געלאַנגווײַלט. אין דעם האָט ער דערזען, ווי עס שטייט עפּעס אַן אויסגעשניצטע פֿרויען־פֿיגור. טראַכט ער זיך: „מען דאַרף איר אַרײַנגעבן מער לעבן“. נעמט ער אַרויס זײַנע בערשטלעך און פֿאַרבן און האָט איר אַזוי פֿײַן אויסגעמאַליעוועט, אַז זי איז טאַקע געוואָרן לעבעדיק. דערווײַל איז אויסגעגאַנגען זײַן צײַט, האָט ער אויפֿגעוועקט דעם דאַמען־שנײַדער, און אַליין האָט ער זיך געלייגט שלאָפֿן. אַז דער שנײַדער האָט דערזען, ווי עס שטייט עפּעס אַ נאַקעטע נקבֿה, טראַכט ער זיך: „אַ שיינע פֿיגור האָט זי, דאַרף מען זי באַקליידן“. נעמט ער איר באַלד אַ מאָס, און אין איינס־צוויי – זי שטייט שוין אָנגעטאָן אין די נײַמאָדישסטע קליידער. דערווײַל איז אויסגעגאַנגען זײַן צײַט, האָט ער אויפֿגעוועקט דעם שוסטער און אַליין האָט ער זיך געלייגט שלאָפֿן. אַז דער שוסטער האָט דערזען, ווי עס שטייט אַזאַ שיין געקליידטע דאַמע, נאָר אין גאַנצן באָרוועס, טראַכט ער זיך: „וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטאַט? מע דאַרף איר מאַכן אַ פּאָר שיך“. נעמט ער איר באַלד אַ מאָס, און אין איינס־צוויי – זי טראָגט שוין אַ פּאָר פֿײַנע שיכעלעך. דערווײַל איז אויסגעגאַנגען זײַן צײַט, האָט ער אויפֿגעוועקט דעם מלמד און אַליין האָט ער זיך געלייגט שלאָפֿן. אַז דער מלמד האָט דערזען, ווי עס שטייט עפּעס אַ פֿרעמדע אישה, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן, טראַכט ער זיך: „ווי קומט זי אַהער? אפֿשר

איז דאָס אַ גיש׳=גוטער?״ האָט ער אָבער געזען, אַז זי שטייט אָף אַן אָרט און רירט זיך ניט, מאַכט ער זיך האַרץ און הייבט אָן צו איר צו רעדן, ענטפערט זי ניט. רעדט ער ווײַטער צו איר — זי שווײַגט. הייבט עס אים אָן צו פאַרדריסן, מאַכט ער צו איר: „אַזוי גאָר, דו שווײַגסט? בײַ מיר שווײַגט מען ניט, עך בין אַ מלמד, אַז עך וועל נאָר נעמען מיט דיר קנעלן, וועסטו שוין בײַ מיר אָנהייבן צו רעדן!״ האָט ער מיט איר אַזוי לאַנג געקנעלט און געקנעלט און געקנעלט, ביז זי האָט טאַקע אָנגעהויבן צו רעדן. דערווײַל איז שוין געוואָרן טאָג, און דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפגעכאַפּט. זעען זיי, ווי דער מלמד שטייט און רעדט עפּעס מיט אַ שיינער פרוי, האָבן זיי זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט, פרעגן זיי אים: „ווער איז דאָס די שיינע דאַמע?״ —„דאָס מיידל האָב עך געפונען אין וואַלד, זאָגט דער מלמד, זי איז געוועזן שטום, האָב עך זי רעדעוודיק געמאַכט און כ׳וועל זי מיר נעמען פאַר אַ כּלה״. קוקן זיי זיך אַלע אָן און קוקן זיך גוט צו צו דער דאַמע, האָט יעדער איינער באַלד דערקענט זײַן מלאָכה. „ווען נישט עך, זאָגט דער טעסליער, וואָלט זי גאָר אָף דער וועלט נישט געווען. עך האָב עס צו ערשט אַרומגעטעסיעט דעם קלאָץ, דעריבער קערט זי צו מיר!״ — „ווען נישט עך, זאָגט דער שניצער, וואָלט זי טאַקע געבליבן אַ קלאָץ, עך האָב עס צו ערשט אויסגעשניצט די שיינע פיגור, געהערט זי צו מיר!״ רופט זיך אָפּ דער מאָלער: „וואָס טויג מיר אַ פיגור אַ שמיגור? אַז עס האָט נישט קיין לעבן, בלײַבט עס אַ טויטער גולם. עך האָב זי לעבעדיק געמאַכט מיט מײַנע טײַערע פאַרבן. דריבער קערט זי צו מיר!״ שרײַט דער שנײַדער: „פע, יידן. ס׳איז גיט שיין זיך צו קריגן איבער אַ פרעמדער נקבֿה וואָס איז אָקערשט געווען אָדם נאַקעט! עך האָב זי באַקליידט פון קאָפּ ביז די פיס און געמאַכט פאַר אַ לײַט, דריבער קערט זי צו מיר!״ —„וואָס פאַר אַ לײַט האָט זי געקענט זײַן, זאָגט דער שוסטער, אַז זי איז אומגעגאַנגען באָרוועס? אַז כ׳האָב איר געמאַכט אַ פּאָר שיך, איז זי ערשט געוואָרן

אַ לײַט, קערט זי טאַקע צו מיר!״ און דער מלמד האָט זעך געטענהט דאָס זײַניקע: „דאָס מײדל איז געװעזן שטום, האָב עך זי רעדעװודיק געמאַכט, דעריבער געהערט זי נאָר צו מיר!״ אָבער קײנער האָט נישט געװאָלט נאָכגעבן, און אַזױ האָבן זײ זעך געאַמפּערט און געקריגט, ביז ס׳איז בײַ זײ געבליבן, זײ זאָלן גײן אין שטאָט אַרײַן האָבן אַ דין־תּורה. גײענדיק אָפּן װעג זענען זײ געװאָרן הונגעריק, זענען זײ אַרײַן אין אַ קרעטשמע עפּעס צובײַסן, האָבן זײ דערװײַל דערצײלט דעם קרעטשמער די גאַנצע מעשׂה. האָט דער קרעטשמער געפּסקנט, אַז דאָס מײדל געהערט צום שוסטער, װײַל ער האָט איר געמאַכט אַ פּאָר שיך. און אַצונד פֿרעג איך דיר, שײנע און קלוגע פּרינצעסין, צי דער קרעטשמער האָט געפּסקנט ריכטיק?״

און דאָ האָט שױן די פּרינצעסן שױן מער ניט געקענט אײַנהאַלטן איר שװײַגעניש, װײַל ס׳האָט איר פֿאַרדראָסן דער נאַרישער מישפּט, האָט זי געגעבן אַ פּלאַץ אַרױס: „ס׳איז ניט ריכטיק געפּסקנט! דאָס מײדל געהערט צום מלמד, װײַל ער האָט זי רעדעװודיק געמאַכט״. און װי דער מלך מיט זײַנע הױפּלײַט האָבן דערהערט, אַז די פּרינצעסין האָט אָנגעהױבן צו רעדן, איז געװאָרן אַ גרױסע שׂימחה. זענען זײ באַלד צוגעלאָפֿן צום בחור װאָס האָט זי רעדעװודיק געמאַכט און זײ האָבן אים אָף די הענט צוגעטראָגן צו דער פּרינצעסין. „אָט דאָס איז דער קלוגער בחור װאָס דײַן האַרץ האָט באַגערט!״ ,האָט דער מלך צו איר געזאָגט. „און מיט אים װעל איך טאַקע חתונה האָבן!״, האָט די פּרינצעסין געענטפּערט. נו, נו! איז די שׂימחה נאָך גרעסער געװאָרן, האָט מען זעך טאַקע באַלד גענומען פּראַװען די חתונה. די מוזיק האָט געגעבן אַ שפּיל אױף, און ס׳איז געװאָרן גאָר פֿרײלעך.

45. אַ רעטעניש־מעשׂהלע

ווינטער, ווען ס׳וואַסער איז געווען קאַלט און געשניטן ווי מיט מעסערס, שטייט אַ ייִד בײַם טײַכל און וואַשט שערעך. גייט פּונקט פֿאַרבײַ דער קייסער מיט זײַן סוויטע, זעט ער, ווי דער ייִד שטייט אַזוי און וואַשט דעם שערעך אין דער קעלט. פֿרעגט ער אים: „וואָס איז מער, פֿינף צי זיבן?“ ענטפֿערט דער ייִד: „וואָס איז מער, צוועלף צי צוויי און דרײַסיק?“ פֿרעגט אים ווײַטער דער קייסער: „האָסט שוין עפּעס געברענט?“ זאָגט דער ייִד: „כ׳האָב שוין געברענט פֿינף מאָל, כ׳באַדאַרף אָבער צו ברענען נאָך צוויי מאָל“. פֿרעגט אים דער קייסער ווײַטער: „אַז כ׳וועל דיר שיקן איינע פֿון מײַנע טויבן, וועסטו זי קאָנען פֿליקן?“ זאָגט דער ייִד: „שיק נאָר!“ די סוויטע קוקן זיך אָן איינער דעם צווייטן נישט פֿאַרשטייענדיק קיין תּיבה פֿונעם גאַנצן שמועס, זיי שווײַגן אָבער.

ווען דער קייסער גייט אַוועק, פֿרעגט ער דעם שׂני־למלך: „האָסט עפּעס פֿאַרשטאַנען, וואָס איך האָב זיך דורכגערעדט מיטן ייִדן?“ זאָגט דער שׂני־למלך: „ווי קאָן איך וויסן, וואָס איר האָט גערעדט, אַז איר האָט גערעדט אַזוי פֿאַרשטעלט?“ זאָגט דער קייסער: „ווי שעמסטו דיך נישט צו זײַן אַ שׂני־למלך, אַז דער ייִד האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס כ׳האָב גערעדט, און דו נישט? אויב אין אַ משך פֿון דרײַ טעג וועסטו מיר נישט זאָגן, וואָס כ׳האָב גערעדט, פֿאַרלירסטו דײַן שטעל!“ דעם שׂני־למלך ווערט פֿינצטער אין די אויגן. ער קומט אַהיים, רופֿט צוזאַמען אַלע חכמים און יועצים, און קיינער קאָן דעם שמועס נישט פֿאַרשטיין. בלײַבט, דאָס מע זאָל

רופֿן דעם ייִד און אים פֿרעגן, וואָס דער גאַנצער שמועס איז געווען. רופֿט מען דעם ייִד, הייסט ער זיך געבן אַ שלאָג מיט גאָלד, אַנישט וויל ער נישט זאָגן. כאַפּן זיך אַלע אָן ביי די קעפּ: „ווי הייסט, געבן אַ שלאָג מיט געלט פֿאַר עטלעכע ווערטער?“ זאָגט דער ייִד: „אַז נישט, באַדאַרף מען נישט!“

ס׳גייט אַוועק אַ טאָג, צוויי, און עס קומט אָן דער לעצטער טאָג. דער שני־למלך זעט, ער האָט קיין עצה נישט. רופֿט ער ווייטער דעם ייִד, גיט אים וואָס ער וויל, אַבי ער זאָל פּותר זיין דעם שמועס, און ווען דער ייִד קריגט דאָס געלט, פֿאַרטייטשט ער די מעשׂה אַזוי: „דער קייסער האָט געזען, דאָס איך שטיי אָף אַזאַ קעלט און וואָש דעם שערעך אין אַזאַ ביטער שניידנדיק וואַסער, האָט ער מיך געפֿרעגט, צי די זיבן וואַרעמע חדשים זענען נישט מער ווי די פֿינף קאַלטע חדשים? טאָ פֿאַר וואָס קאָן איך אין די זיבן וואַרעמע חדשים נישט פֿאַרדינען גענוג, ס׳זאָל אויך זיין פֿאַר די פֿינף ווינטער־חדשים? האָב איך אים געענטפֿערט, אַז צוויי און דרייסיק איז מער ווי צוועלף, ס׳הייסט, אַז מיט מיינע צוויי און דרייסיק ציינער קאָן איך אופֿעסן מער ווי כ׳קאָן פֿאַרדינען אין די גאַנצע צוועלף חדשים. פֿרעגט ער מיך ווייטער, צי כ׳האָב שוין עפּעס געברענט, ס׳הייסט, צי איך האָב שוין עפּעס חתונה געמאַכט קינדער, ווייל אַז מע גיט אויס אַ קינד, גייט מען אַרויס ווי נאָך אַ שׂרפֿה. זאָג איך אים דעם אמת, כ׳האָב שוין געברענט פֿינף מאָל, כ׳האָב אָבער נאָך צוויי טעכטער חתונה צו מאַכן. פֿרעגט ער מיך, צי ווען ער וועט מיר שיקן איינע פֿון זיינע טויבן, צי איך וועל זי קאָנען פֿליקן? האָב איך אים געזאָגט: שיק נאָר! — האָט ער דיך געשיקט. יעצט גיי און פֿרעג אים, צי איך האָב דיך געקאָנט פֿליקן צי נישט?“

46. אַ ליגן־מעשׂהלע

אַ מאָל זענען געווען דרײַ ברידער: צוויי בלינדע און איינער האָט גלאַט נישט געזען. זענען זיי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זיי זענען פֿאַרקראָכן אין אַ שיטער געדיכטן וואַלד אַרײַן, אַזוי אַז פֿון איין בוים צום אַנדערן איז געווען אַ האַלבע מײַל ווײַט. גייענדיק אַזוי אין וואַלד זענען זיי הונגעריק געוואָרן, האָבן זיי פּלוצעם דערזען דרײַ קאַטשקעס: צוויי ווײַסע און איינע אַ קלאָרע. האָבן זיי זיי געוואָלט צוגיין כאַפּן, זענען די קאַטשקעס אַנטלאָפֿן. זענען זיי ווײַטער געגאַנגען, האָבן זיי דערהערט, ווי אָף אַ בוים שוויפּטשען געבראָטענע פֿייגל, האָבן זיי באַשלאָסן אַרופֿצוגיין אָפֿן בוים און אַראָפּנעמען די פֿייגל.

איז איינער אַרױפֿגעגאַנגען און האָט זיך אָנגעגעסן מיט די געבראָטענע פֿייגל, און אַז ער האָט געוואָלט אַרונטערגיין, האָט ער געזען, אַז ער איז צוגעוואַקסן צום בוים. האָט ער געקלערט, ווי אַזוי זאָל ער אַרונטערגיין? האָט ער פֿון דער ווײַטנס דערהערט, ווי אַ האָלצהעקער האַקט האָלץ אין וואַלד, איז ער צוגעגאַנגען צום האָלצהעקער און האָט אים געבעטן, ער זאָל אים באָרגן די האַק, כּדי ער זאָל זיך אויסהאַקן פֿון בוים. האָט אים דער האָלצהעקער אויסגעבאָרגט די האַק. און אַזוי ווי ער האָט געגעבן דעם ערשטן האַק, האָט די האַק געהאַט נײַן העקעלעך און איין טאָפּאָריסקעלע.* האָט ער זיך זייער דערשראָקן, האָט ער די נײַן העקעלעך מיטן

* הענטל פֿון אַ האַק.

טאָפּאָריסקעלע אָפּגעטראָגן צום גוי. האָט זיך דער גוי זייער דער־פרייט דערמיט און האָט געזאָגט: „אַ מאָדנע זאַך, זינט די האַק האָט געהאַט העקעלעך, האָט זי נאָך קיין מאָל נישט געהאַט קיין טאָפּאָריסקעלעך!“ פאַר גרויס פרייד האָט אים דער גוי דערפאַר געגעבן אַ מתּנה אַ העקל מיט אַ טאָפּאָריסקעלע. האָט ער זיך גענומען דאָס העקל און האָט זיך דאָס אַרייַנגעשטעקט אין רימען אָף דער פּלייצע און איז אַוועקגעגאַנגען. גייענדיק אַזוי האָט ער געדאַרפט אַריבערשפּרינגען איבער אַ ראָוו, און ווען ער האָט געגעבן אַ שפּרונג אַריבער איבערן ראָוו, האָט זיך אַ פערד געגעבן אַ כאַפּ אָף, און ס׳האָט מיט׳ן אָנגעהויבן צו לויפן. און אַזוי לויפנדיק האָט די האַק אַזוי לאַנג געהאַקט דעם פערד אָף דער פּלייצע, ביז ז׳אָט עס איבערגעהאַקט אָף צוויי. און אַז ער האָט זיך געגעבן אַ קוק אום, האָט ער דערזען, ווי דער הינטערשטער טייל פונעם פערד שטייט און פּאַשעט זיך און ער רייַט בלויז אָפן פעדערשטן טייל. איז ער צוגעריטן און האָט אויסגעהאַקט אַ יונגע ווערבע און האָט אַרייַנגעשטעקט די ווערבע אין הינטערשטן און אין פעדערשטן טייל פונעם פערד, און אַז ער האָט פאַררעכט דאָס פערד, איז ער ווייַטער געריטן.

ס׳איז געווען אין חודש מייַ, האָט זיך די ווערבע צעבליט, און ס׳איז אויסגעוואַקסן דערפון אַ בוים ביזקל אין הימל אַרייַן. האָט ער דערהערט, אַז אָפן הימל איז אַ יריד. האָט ער זיך געקלערט: „מע דאַרף אַרופגיין זען, וואָס סע טוט זיך עפּעס אָפן הימל“. אָבער ווען ער איז אַרופגעקומען אָפן הימל, האָט ער דערזען, אַז ס׳איז שאַ שטיל, אַ פּוסטער חלום. האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומצודרייען אָפן הימל, ביז ער איז הונגעריק געוואָרן. איז ער אַרומגעגאַנגען זוכן, ווו מע קריגט עפּעס צו עסן. האָט ער דערזען, סע שטייט אַ קעסל מיט קאַשע, האָט ער זיך אָנגעגעסן. און אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, איז ער געגאַנגען ווייַטער, האָט ער דערזען, אַז סע שטייט אַ קעסל מיט מילעך. האָט ער זיך געקלערט: „אָ, ווען איך זאָל אָבער געווען האָבן די מילעך פריִער, וואָלט איך

דאָך געווען געהאַט קאַשע מיט מילעך!“ האָט ער אַרײַנגעשטופּט צוויי פֿינגער אין מויל אַרײַן און האָט אויסגעבראָכן די קאַשע און האָט זיך געמאַכט קאַשע מיט מילעך. און אַז ער איז זאַט געוואָרן פֿון דער קאַשע מיט מילעך, האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומצודרייען איבערן הימל, ביז ס׳איז אים שטאַרק לאַנגווײַליק געוואָרן. האָט ער זיך געקלערט: „אָ, ווען איך קריג נאָך עפּעס אַ באַשעפֿטיקונג אָפֿן הימל, וואָלט שוין געווען גאָר גוט!“ און אַזוי שפּאַצירנדיק האָט ער באַגעגנט אַ ייִד. זאָגט ער צו אים: „אָ, שלום־עליכם, רב ייִד! וואָס מאַכט איר עפּעס? וואָס טוט אַ ייִד? צי האָט איר פּרנסה?“ האָט אים דער ייִד דערציילט, אַז ער איז דאָ אַ גיהנום־שמש און אַז ער קען אים אויך געבן אַ באַשעפֿטיקונג, ער וועט אים מאַכן פֿאַר אַן אויפֿזעער אָפֿן גיהנום. זאָגט ער: „גוט!“ האָט אים דער גיהנום־שמש גענומען און אַוועקגעפֿירט אין גיהנום אַרײַן און האָט אים אָנגעזאָגט:

„נאַ, אָט האָסטו דײַן אַרבעט! נאַ דיר האָלץ און סמאָלע. די נגידים זאָלסטו געבן אַ סך האָלץ און סמאָלע און די קבצנים ווייניקער!“ אַז דער גיהנום־שמש איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך געקלערט: „הער נאָר אַ חכמה פֿון אַ גיהנום־שמש! די נגידים, וואָס אָף יענער וועלט איז זיי וואַרעם געווען דאָס גאַנצע לעבן, הייסט ער דאָ אויך געבן אַ סך האָלץ, און די קבצנים וואָס האָבן געפֿרוירן אָף יענער וועלט הייסט ער געבן ווייניק האָלץ! ניין, כ׳וועל בעסער טון פֿאַרקערט, אַ מכּה די נגידים! גענוג געוואַרעמט זיך אָף יענער וועלט! בעסער וועל איך געבן ס׳האָלץ די קבצנים!“ און ער האָט אַזוי געטון. אָבער אַז דער גיהנום־שמש איז צוריקגעקומען און האָט דאָס דערזען, האָט ער געמאַכט אַ גוואַלד און האָט אים אָפּגעזאָגט פֿון דער אַרבעט.

איז ער צוריק אַוועק אין די הימלען און האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצודרייען, ביז ס׳איז אים געוואָרן שטאַרק לאַנגווײַליק און ער האָט זיך פֿאַרבענקט צוריק אָף דער וועלט אַראָפּ. אָבער וואָס טוט מען דאָ? ווי אַזוי גייט מען צוריק אַרונטער? איז אָבער זײַן גליק

געוועזן, וואָס ס'איז געוועזןווינטער, האָט ער געגעבן אַ שפּײַ אַרונטער פֿונעם הימל, איז דער שפּײַ גלײַך אַראָפּ ביזן קוימען פֿונעם באָד און איז פֿאַרפֿרוירן געוואָרן, און ס'איז געוואָרן דערפֿון אַ סטאָמפּל. האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם סטאָמפּל און האָט זיך אַזוי אַרונטערגעגליטשט פֿונעם הימל גלײַך אין באָד אַרײַן. אַז ער איז אַרײַנגעקומען אין באָד אַרײַן, האָט ער זיך פּשוט מחיה געוועזן, אַזוי וואַרעם, אַ מחיהניש! האָט ער געבומען און האָט זיך אויס־געטון יעדן אבֿר באַזונדער און האָט זיי אַלע אַרופֿגעלייגט אָף דער אייבערשטער באַנק זיך אויסצופּאַרען. דערנאָך, אַז ער האָט גוט אָפּגעשוויצט, האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע אבֿרים צום אַהיימגיין. האָט ער דערזען, אַז אַלצדינג איז דאָ, נאָר איין פֿוס פֿעלט אים. איז ער אַרײַנגעלאָפֿן צום בעדער און געמאַכט אַ גוואַלד, ער זאָל אים אָפּגעבן דעם פֿוס. דער בעדער האָט אָבער נישט געוווּסט פֿון וואָס צו זאָגן, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז די לעצטע אין באָד איז געוועזן די טוקערין, אפֿשר האָט זי אים צוגענומען. האָט ער זיך אופֿגעהויבן און איז שנעל אַריבערגעלאָפֿן צו דער טוקערין. און ווי ער איז אַרײַנגעקומען צו דער טוקערין, האָט ער דערזען, ווי זי זיצט און זופּט דעם באָרשטש און דעם פֿוס זײַנעם האַלט זי אין מויל און קײַט. האָט ער בײַ איר געגעבן אַ כאַפּ אויס דעם פֿוס פֿונעם מויל, אַזוי, אַז ער האָט איר אויסגעבראָכן אַלע ציין. פֿון דעמאָלט אָן האָבן אַלטע ייִדענעס נישט קיין ציין אין מויל.

47. [אַ ליגן־מעשׂהלע מיט צוויי ברידער]

אַ מאָל איז געווען צוויי ברידער. איינער איז געווען אַ פּריץ, דער צווייטער – אויך אַ ש[ט]רוזש. האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ גזירה, אַז אַ קימפּעטאָרין וועט גיין צום קינד, אַז עס וועט איר וויי טון דער אָפּל, זאָל מען איר צולייגן כריין צום פּופּיק. האָט עס דעם במה מדליקין פֿאַרדראָסן, האָט ער געוואָרפֿן דאָס אייבערשטע פֿון הינטערשטן דעם הינט אין קעפּל, איז דער הינט אַנטלאָפֿן, איז ער געלאָפֿן אין וואַלד אַראַן, איז עס געווען אַזאַ געדאַכטער [וואַלד], אַז פֿון איין בוים צום אַנדערן איז געווען דרײַ מײַל. דערווײַל האָט ער געקוקט אויפֿן רעכטן אויג, האָט ער דערזען אויפֿן לינקן פֿוס אַ בלאָנע, איז זי געווען גרויס ווי אַ ניס, האָט ער אויפֿגעקנאַקט די ניס, האָט ער אַרויסגענומען אַכצן איילן לײַוונט. דערווײַל איז ער געוואָרן אַ סוחר, איז ער געפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן האַנדלען. דערווײַל האָט ער געהערט, דאָס ווײַב איז אים געשטאָרבן, האָט ער זיך געזועצט שבֿעה. האָט [ער] זיך געזוצט שבֿעה, איז ער געזעסן אויף פֿיר גילן אַ וואָך. אַזוי ווי ער האָט געהאַט פֿיר גילן אַ וואָך קנאַפּ, איז ער געגאַנגען אין בית־המדרש אַרײַן. האָט ער געהערט שמיעסן: קאָרן, ווייץ, האָבער, גערשט – דאָס אַלעס שיט זיך, האָט זיך אים אויסגעשיט אויפֿן קאָפּ אַ פּאַרך. איז ער געגאַנגען צום רבֿ, זאָגט דער רבֿ: „זאָל יאַך טרעפֿן, זאָל דער פֿעלדשער טרעפֿן". גייט ער צום פֿעלדשער. זאָגט דער פֿעלדשער: „זאָל יאַך טרעפֿן, זאָל דער רבֿ טרעפֿן", און טרעפֿן טרעפֿט מען אַ שטיין אין שויב אַרײַן, און אַ שויבֿ בראַכט. אַז מען בראַכט, שמירט מען, אַז מען שמירט, פֿאָרט מען, און אַז איך וועל קומען צו פֿאָרן, וועל איך דיר ערשט דערציילן די מעשׂה.

48. אַ מלמד בלײַבט אַ מלמד, און דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן

אין אַ קרעטשמע איז פֿאַרפֿאָרן אַ מלמד. אין דער קרעטשמע זײַנען געווען נאָך געסט. דער מלמד ווי געוויינטלעך האָט זיך געשטעלט גאַנץ פֿרי דאַווענען. באַ איינע[ם] פֿון די געסט איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען אַ פֿערד, און ער האָט אים געזוכט אַף אַלע וועגן, ווו ס'אי נאָר געווען מעגלעך, און ער האָט אים ניט געפֿונען. און ער איז אַרײַנגעקומען קעריק אין קרעטשמע און ער האָט געפֿרעגט די געסט, אייב אימעצער פֿון זיי האָט ניט געזען, ווי דער פֿערד איז אַנטלאָפֿן. אַלע האָבן געענטפֿערט, אַז זיי ווייסן [ניט], איז ער צוגעגאַנגען צום מלמד, ווען יענער איז געשטאַנען שימינעסרע אין האָט געדאַוונט מיט גרייעס קעוואָנע, איז ער צוגעגאַנגען און האָט אים געפֿרעגט, אייב ער ווייס, ווו זײַן פֿערד איז אַנטלאָפֿן. דער מלמד האָט ניט געוווּסט און האָט ניט געוואָלט מפֿסיק זײַן, האָט ער געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט אין אַ געוויי [געוויסער?] זײַט, ווי איינער זאָגט: גיי אַוועק! אָבער יענער האָט געמיינט, אַז ער ווײַזט אים אָן די וועג, ווו דער פֿערד איז אַנטלאָפֿן.

איז דער פּריץ אַוועק אויף יענעם וועג און געפֿונען דעם פֿערד.

אין אַ שטיקל צײַט שפּעטער [שפּעטער?] איז בײַ דעם קייסער פֿאַרלאָרן געגאַנגען אַ ברילאַנטענער רינג, און ער האָט אים ניט געקענט געפֿינען. האָט ער אַרויסגעלאָזן אַן אויפֿרוף איבערן גאַנצן לאַנד, אַז ווער עס ווייס אופֿצודעקן געהיימניש כּישוף־מאַכער, זאָל מען דעם קעניג גלײַך לאָזן וויסן פֿון אַזאַ מין סאָרט מענטשן, וועט ער אים גוט באַלוינען.

דער פּריץ וואָס האָט געהאַט געפֿונען דעם פֿערד דורך דעם,

וואָס דער מלמד האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, האָט געלאָזן וויסן דעם קעניג, אַז ער ווייס פֿון איינעם אַ מאַן, וואָס ער איז זיכער, אַז ער קאָן אַלץ טרעפֿן פֿאַרבאָרגענע זאַכן, און דער קייסער האָט גלײַך געלאָזן שיקן נאָך דעם מלמד. און דער מלמד איז געקומען צום קייסער, און דער קיי[סער] האָט געזאָגט דעם מלמד, אַז ער מוז אים אויפֿדעקן, ווו דער בריליאַנטענער רינג איז, ער גיט אים צײַט דרײַ טעג, אויב ער וועט אים ניט זאָגן, וועט] ער אים אויפֿן דריטן טאָג הינריכטן. און באַם קעניג אין הויף איז געווען איינער פֿון די דינער, וואָס האָט דעם בריליאַנטענעם רינג געגאַנוועט. און אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז מ׳האָט געבראַכט אַזאַ מין סאָרט כּישוף־מאַכער וואָס וועט שוין סאַי ווי סאַי טרעפֿן ווו דער רינג איז, איז ער געקומען צום מלמד אין צימער, ווו ער איז געז[עס]ן, און האָט אים געזאָגט: „דו ביסט אַזאַ הייליקער מאַן, ווייסטו דאָך שוין סאַי ווי סאַי, אַז איך האָב געגאַנוועט דעם רינג, נאָר זאָג מיר, ווי אַזוי מאַכט מען, דער [רינג] זאָל קומען צוריק צום קייסער, און ער זאָל ניט וויסן, אַז איך האָב אים געגאַנוועט.“

זאָגט דער מלמד צום דינער: „בשעת מען קאָרמעט די הינט, שטיי באַם פּלאַץ, ווען מען גיט זיי עסן, און טו אַרײַן דעם רינג צו אַ באַשטימטן הינט און קום זאָג מיר דעם נאָמען פֿון דעם הינט וואָס האָט אַרײַנגעשלינגען דעם רינג“.

אַזוי האָט דער דינער געטאָן און איז געקומען באַריכטן דעם מלמד, אַז דער אין דער הינט האָט אַרײַנגעשלינגען דעם רינג.

ווען עס איז געקומען די באַשטימטע צײַט צו הערן פֿון דעם נביא, ווו דער רינג איז אַהינגעקומען, האָט דער מלמד דערקלערט פֿאַר אַלעמען, אַז אין דעם און אין דעם הונט, דאָרט וועט מען געפֿינען דעם רינג. עס איז געווען אַפֿילו איינער פֿון די טײַערסטע הינט און עס איז געווען דעם קעניג זייער אַ גרויס שאָדן צו אומברענגען דעם הינט, אָבער צוליב דעם רינג און אויך צוליב דעם אייסציגעפֿינען, אייב דער מלמד זאָגט ריכטיק, האָט מען דעם הינט אומגעבראַכט און מ׳האָט דעם רינג געפֿינען.

דער קעניג איז אָבער ניט געווען זיכער, אייב עמיצער האָט דעם מלמד ניט אונטערגעזאָגט, און ער האָט געוואָלט זײַן זיכער, אייב דע[ר] מלמד איז טאַקע אַזאַ נביא. האָט ער אים נאָך אַ מאָל געוואָלט אויספּרוּוון און האָט ער געהייסן באַגראָבן דעם הינט אין אַ געוויסן חדר אונטער אַ טיש; און דאָרטן אין דעם זעלבן חדר און בײַ דעם זעלבן טיש האָט מען דעם מלמד אַוועקגעזעצט און מ'האָט אים געגעבן אַ געוויסע צײַט, ביז וואַנען ער זאָל דערקלערן, ווו דער הינט ליגט באַגראָבן.

דער מלמד האָט ניט אָנגעפאַנגען וויסן, ווו דער הינט ליגט, און ער האָט זיך געפילט זייער פֿאַרצווייפֿלט, ביז עס איז געקומען די לעצטע שעה, ווען ער האָט געדאַרפֿט דערקלערן פֿאַרן עולם, ווו דער הינט ליגט באַגראָבן. האָט ער געב[ע]טן, אַז מען זאָל אים ערלייבן צי האָבן זײַן פֿרוי לעבן זיך, ער וויל זיך מיט איר דורכריידן. אין דער מלמד האָט גערעדט צי זײַן פֿרוי וועגן דעם, אין פּלוצלינג, ווען אַלע זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען, אָט ער פֿין פֿאַרצווייפֿלונג געגעבן אַ געשריי צי זײַן פֿרוי אין געגעבן אַ קלאַפּ מיטן האַנט אין טיש: „אוי, שׂרה, אָט ליגט דער הינט באַגראָבן!“ ווי אַלע האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי געזען, ער ווייס, ווי דער הינט ליגט באַגראָבן. און דער קעניג מיט אַלע זײַנע מענטשן אַרום זײַנען געוואָרן שטאַרק צופֿרידן, וואָס ער איז דער ריכטיקער נביא. און דער קייסער האָט געוואָלט דעם מלמד באַלוינען מיט וואָס ער וועט באַר אַליין וועלן. אָט דער קייסער געזאָגט צום מלמד: „קלײַב אויס, וואָס דו אַליין פֿאַרלאַנגס[ט], און איך וועל דאָס דיר געבן.“ זאָגט דער מלמד: „ווייסט, זאָגט ער, ליבער קעניג, ביז יעצט האָב איך געהאַט אין מײַן שטעטל אַ קנעלונג און האָב געהאַט חיונה. און יעצט האָט אין מײַן שטעטל זיך אַרײַנגעצייגן נאָך אַ מלמד, האָט [ער] בײַ מיר ציגענומען מײַן פּרנסה, דעריבער בעט איך דיר, אַז דו זאָלסט דעם מלמד אַרויסטרײַבן פֿון שטעטל.“

פֿון דאַנען נעמט [זיך], וואָס מען זאָגט, אַז אַ מלמד בלײַבט אַ מלמד.

49. [דער רבי מיטן קעלבל]

אַ מאָל גאַיט אַ רבי אָף דער גאַס אין ס׳אָט אים אַ לייף אַראָף געטין אַ שטיר אָף אים. אָט ער זעך שטאַרק דערשראָקן אין אָט געמיינט, אַז ער איז שוואַנגער געוואָרן. איז ער געגאַנגען צים דאָקטאָר אינטערזיכן, אָט ער אים געהייסן אָף מאָרגן אין דער פּרי אַרופּברענגען די אורין. די אורין האָט ער אַראָפּגעשיקט מיט זאַן גבאין, אָבער אָפּן וועג האָט זעך ציבראָכן דאָס פּלעשעלע מיטן אורין. איז געגאַנגען דער גבאי אין אָט אינטערגעשטעלט אַן אַנדער פּלעשעלע אינטער אַ שוואַנגערדיקע קי, אין אַז דער דאָקטער האָט אינטערזיכט די אורין, האָט ער געזאָגט, אַז דער פּון די אורין איז שוואַנגער. אָט דאָס דער גבאי געזאָגט דעם רבין. איז דער רבי געווען זיכער, אַז ער איז שוואַנגער געוואָרן. אָט ער געוואַרט אָף די צאַט, ווען ער וועט בראָכן איבערציקימען. אָט ער זעך אָבער געשעמיט, איז ער אַוועק אין דער פּרעמד אַראַן. אָט ער געטראָפּן אָפּן וועג אַ ווערטסהויז, ס׳איז געווען שפּעט באַ נאַכט, אָט [ער] זיך געבעטן, מע זאָל אים אַראַנלאָזן איבערנעכטיקן.

באַ דעם ווערטסהאַזער איז געווען קנאַפּ פּלאַץ, אָט מע אים געמיזט אָסבעטן אָף דר׳ערד. אין גראָד איז דעמאָלסט באַ דעם ווערטסהאַזער די קי קעלביק געוואָרן. אַזוי ווי ס׳איז געווען ווינטער אין זייער קאַלט אין דראָסן, איז ער געגאַנגען אין אָט אַראַנ־גענימען ס׳קעלבל אין שטיב אַראַן, ס׳זאָל נישט געפּרוירן ווערן. דערנאָך אָט ער אים געגעבן אַ ביסל מילעך, דעם קעלבל, אין אַזוי ווי מ׳אָט זעך אָנגעהויבן צי פּאָרען מיט דעם קעלבל, אָט זעך דער

רבי אָפּגעכאַפּט אין אָט זעך פֿאַרשעמיט און דערשראָקן, אַבי ער איז שוין איבערגעקימין. אין אָט זעך אַ כאַפּ צינויף געטין, מ׳זאָל אים נישט דערזען, אין אָט פּלייטה געמאַכט מיטן קעלבל.

שפּעטער אָט דערזען דער באַלבוס, אַז דער רבי מיטן קעלבל זענען נישטו, אָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דער רבי אָט ציגעכאַפּט דאָס קעלבל און איז דערמיט אַנטלאָפֿן. אָט ער זעך באַלד געלאָזט נאָכן רבין, מיט שווערער מי, ביז וואַנען ער אָט עם געכאַפּט. אָט ער געב[ע]טן, ער זאָל אים אָפּגעבן ס׳קעלבל, אָט דער רבי געטענהט, אַז דאָס קעלבל איז זאַן, ער אָט עס געבוירן. אָט דער באַלבוס זעך פֿאַרווינדערט, ווי קען דאָס זאַן, אָבער [דער] רבי אָט זעך געהאַלטן באַ דאָס זאַניקע, אַז דאָס קעלבל איז זאַן אייגנס. אָט דער באַלבוס געזען, אַז ער מיז זיך ווענדן צים שופֿט, כּדי ער זאָל צוריקבאַקימען ס׳קעלבל. זענען זיי אַוועק צים שופֿט, אָט ער געהייסן, אַז דער רבי מיט דעם באַלבוס מיט דער קי מיטן קעלבל מיזן קימען פֿאַרן משפּט. אין אַז זיי זענען געקימען פֿאַר אים, אָט [ער] געהייסן, אַז דער רבי זאָל זיך שטעלן אין איין זאַט, די קי אין דער אַנדערע זאַט אין דאָס קעלבל אין מיטן, אין צי וועמען דאָס קעלבל וועט צילויפֿן, צי דעם געהער עס. דאָס קעלבל איז אָבער ציגעלאָפֿן צים רבין, וואָל ער אָט עס אַ פּאָר טאָג געהאָדעוועט. אָט דער שופֿט אַרויסגעגעבן אַ פּסק, אַז דאָס קעלבל איז דעם רבינס.

50. [ניט קיין באַראַן, נאָר אַ באַראַבאַן]

אַף אַ ישובֿ האָבן געוווינט אַן אַלטער פֿאָטער און צוויי זין. דער אַלטער פֿאָטער פֿלעגט שטענדיק ליגן אַף אַ ליזשאַנקע, און דאָרט איז געווען זײַן פּלאַץ צים שלאָפֿן.

זייער מיטער איז געשטאָרבן, ווען זיי זענען געווען קליינע קינדער, און זיי האָבן קיין מאָל ניט [געזען] קיין טויטן.

ווען די זין פֿלעגן אַוועקגיין באַאַרבעטן די פֿעלדער אין דער פֿרי, פֿלעגן זיי מערסטן טיילס איבערלאָזן זייער פֿאָטער שלאָפֿנדיק אַף דער לעזשאַנקע, און ווען זיי פֿלעגן קומען שפּעט אין אָוונט, פֿלעגט ער שיין אייך שלאָפֿן (מערסטן טייל).

איין מאָל איז צו זיי פֿאַרפֿאָרן אַ איד, און ער האָט עפּעס דערפֿילט אַזאַ שווערן ריח אין הויז. זאָגט דער איד צו זיי: „עפּעס שמעקט בײַ אײַך אין הויז אַזוי ווי אַ באַרמינע וואָלט געלעגן". אָבן די זין ניט געוווסט, וואָס דאָס מאַינט, ווײַל זייער מיטער איז געשטאָרבן, ווען זיי זענען געווען קליינע קינדער, האָבן זיי [ניט] געוווסט, וואָס אַ באַרמינע מיינט. האָבן זיי זיך איבערגעקיקט און האָבן ניט געוווסט, וואָס דער פֿרעמדער זאָגט. פֿרעגן די זין בײַ דעם פֿרעמדן, וואָס מיט דעם פֿאָטער [איז], רופֿט זיך אָפּ דער מאַן: „שפּאַנט אײַן דעם פֿערד און וואָגן, לייגט אַוועק דעם פֿאָטער אַפֿן וואָגן און פֿירט עם אַוועק אין שטאָט, דער שוחט אין שטאָט איז דער גבאי פֿון די חבֿרה קדישה." אַזיי האָבן די זין געטאָן, זיי האָבן גענומען דעם פֿאָטער אַפֿן וואָגן און האָבן אים געפֿירט צום שוחט אין שטאָט. אַפֿן וועג פֿאָרנדיק האָבן זיי פֿאַרגעסן, ווי

אַזוי דער פֿרעמדער איד האָט אָנגערופֿן דעם טויטן. האָבן זיי זיך געגומען שפּאַרן. איינער זאָגט, אַז יענער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ באַראַן, און דער צווייטער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ באַראַבאַן. זיי האָבן אַזוי לאַנג זיך געאַמפּערט, און ס׳איז געבליבן, אַז דאָס איז אַ באַראַן, ניט קיין באַראַבאַן. און זיי האָבן אים געבראַכט אין שטאָט אַרײַן צום שייחט אין הויז. אָבן זיי געטראָפֿן דעם שייכעטס פֿרוי. פֿרעגן זיי: „ווּ איז דער שייכעט?“ זאָג[ט] די פֿרוי: „ער איז יעצט אין שול, אָבער וואָס דאַרפֿט איר דעם שייכעט?“ זאָגן זיי: „מיר האָבן געבראַכט אַ באַראַן“. זאָגט די פֿרוי: „גייט הינטערן פּאָווידזש * און לייגט אַוועק דעם באַראַן“. האָבן זיי אַוועקגעלייגט דעם טויטן און זענען אַוועקגעאַנגען. דער שוחט איז געקומען אַהיים, זאָגט ער צו די [צ]ווײ זין: „וואָס דאַרפֿט איר?“ זאָגן זיי: „מיר האָבן געבראַכט אַ באַראַן, ס׳ליגט הינטערן פּאָווידזש.“ איז געקומען דער שוחט הינטערן פּאָווידזש און גיט אַ קיק, אַז עס ליגט גאָר אַ באַרמינען און ניט קיין באַראַן. רופֿט זיך אָפּ איין ברודער צום צווייטן: „זעסט, אַ כאָלעריע זאָל דיך נעמען, כ׳אָב דיר געזאָגט, אַז דאָס איז ניט קיין באַראַן, נאָר אַ באַראַבאַן“.

* אַ שײַער, אַ בארן.

51. [ווי אַזוי אַ מאַן האָט זיך געראַטעוועט פֿון טויט]

איין מאָל איז געגאַנגען אַ מאַן אין וועג. איז ער געוואָרן מאַט. האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אָפּרוען אונטער אַ בוים. איז געקומען אַ פֿייגעלע און האָט אים אויסגעפּיקט אַ אייגעלע. האָט ער זי געכאַפּט. איז געקומען די פֿייגעלעס מאַמע און האָט אים געבעטן אָפּגעבן איר קליינע פֿייגעלע. האָט ער נישט געוואָלט אָפּגעבן. האָט זי זיך גענומען בעטן און בעטן, און ער גיט ניט. האָט זי געזאָגט: „איך וועל דיר אויסלערנען ריידן ווי די פֿייגעלעך און אויך ווי די פֿערד, הינער, בהמות. זאָגט ער: „אַז דו וועסט מיר אויסלערנען, וועל איך דיר אָפּגעבן דײַן פֿייגעלע". זאָגט זי: „איך וועל דיר אויסלערנען, אָבער דו זאָלסט ניט דערציילן דײַן ווײַב. אויב דו וועסט דערציילן, וועסטו שטאַרבן." האָט ער איר אָפּגעגעבן די פֿייגעלע, און זיי זײַנען אַוועקגעפֿלייגן. איז ער געקומען אַהיים און איז אַוועק אין שטאַל, האָט ער דערהערט ווי די בהמות [ריידן], איז [ער] אַרײַן אין שטוב לאַכנדיקערהייט. האָט די ווײַב גענומען פֿרעגן: „וואָס לאַכסטו?" דערנאָך האָט ער געהערט, ווי די הינער [ריידן], האָט ער זיך ווידער צעלאַכט. זאָגט זי: „דו מוזסט מיר זאָגן, וואָס דו לאַכסט." זאָגט ער: „אַז איך וועל דיר אויסזאָגן, וואָס איך לאַך, וועל איך שטאַרבן." זאָגט זי: „כאָטש שטאַרב, זאָג מיר אויס". איז ער אַוועק אויפֿן בעט און זיך געלייגט אויסזאָגן איר, וואָס ער לאַכט. זאָגט דער האָן: „איי דו נאַרישער מאַן, נאַרישער מאַן, איך האָב טויזנט ווײַבער און זיי ציטערן פֿאַר מיר, און דו האָסט איין ווײַב

און דו ציטערסט פֿאַר איר. איך גיב אַ פּאַץ מיט די קרילעס,*
ציטערן זיי פֿאַר מיר. נעם אַ שטעקן, ברעך איר אויס די ביינער,
וועט זי דיר ניט פֿרעגן, וואָס דו לאַכסט." האָט ער גענומען אַ שטעקן
און איר גענומען שלאָגן און זאָגט: „ניט פֿרעג בײַ מיר, וואָס איך
לאַך, ניט פֿרעג בײַ מיר, וואָס איך לאַך!" איז ער געבליבן לעבן.

* פֿליגלען.

52. [דער ייִד און די זעלנער]

ס׳איז אַ ייִד געגאַנגען פֿין [=אויפֿן] וועג, אַ האַנדלער, פֿון איין דאָרף צים צווייטן. האָט ער געטראָפֿן אַן אָפּטיילונג פֿין זעלנער. האָבן זיי אים געפֿרעגט, מיט וועמען ער האַלט, אָט [ער] געזאָגט — מיט די פּאָלאַקן.

ס׳איז אָבער געווען ריסישע זעלנער, האָבן זיי אים אַנידער־געלייגט אין אַרײַנגעהאַקט אין אָפּגעשמיסן גאַנץ גוט.

נו, האָט ער זעך אויף געהויבן אין געגאַנגען ווײַטער. טרעפֿט [ער] ווידער אַן אָפּטיילונג זעלנער, פֿרעגן זיי אים: „מיט וועמען האַלטסטו? זאָג". האָט [ער] דאָך שוין מורא געהאַט, האָט [ער] געזאָג[ט]: „מיט רוסן". — „אַזוי? מיט די רוסן?" האָבן זיי אים אַנידערגעלייגט אין ווידער אָפּגעשמיסן. מילא, האָט [ער] זעך ווידער אויפֿגעהויבן אין איז אַוועק. טרעפֿט ער ווידער אַן אָפּטיילונג זעלנער, פֿרעגן זיי אים: „מיט [וועמען] האַלטסטו?" לאָזט ער אַראָפּ די תּחתּונים אין זאָגט: „וואָס מאַכט אײַך אויס, מיט ווען [=וועמען] איך האַלט? שלאָגטס".

53. [אַ מעשׂהלע פון אַ שדכן]

ע שאַדכן האָט מיר פֿערציילט: ע מאָעל האָב עך געקענט ען אָרבן מאַאַדל, האָב עך מאָר געדענקט, עך וויל דען מאַאַדל ע שידעך רעדן. כ׳אָ אָבער געוויסט, קאַ שאַדכאָנעס] קריג עך ניט, ווייל זי קאַ געלט האָט. עך האָב דעם שידעך צאַמגעברענגט, האָב מאָר געדענקט, דע צוואַ לייט מאַכן זאָך אין טשאַרנע ע רעטראַציאָן, דענק עך מאָר, וואָוס קע קוויילט זיין? ווען עך קום אָף טשאַרנער מאַרק, אָב עך ע נאַכט-קוואַטיר אין קאָלע קאָוועד.

אין ע מאַעל בין עך געקימע קאַ טשאַרנע צי דע צוואַ לייט, אין ווי עך וויל דע שנאַל אין דע האַנט נעמע, הער איך ווי דער מאָ זאָוגט: „דער שלאַק זאָל דעך טרעפֿן!“ זאָוגט דוס ווייב: „דער שלאַק זאָל דעך מיט זאַמט דעם שאַדכן טרעפֿן!“ ווי ער האָט דוס געהערט, איז ער פֿאָרטגעגאַנגע. ער האָט זיך פֿאָרכטן, דאָס ער ווערד נאָך שלעק קריגן, איז ער וועקגעגאַן.

54. [אַ מעשׂהלע פֿון חוזקן]

די מיטער האָט געשיקט חוזקן נאָך אַ ליטער נאַפּט, אָט ער געוואָלט אַוועקגאַין, אָט׳ן די מיטער געפֿרעגט, אין וואָס ער וועט עס ברענגען, אָט ער געזאָגט, אַז ער וועט עס שוין פֿאַרזאָרגן. איז ער געקימען אין געשעפֿט אַראַן, אָט ער געב[ע]טן אַ ליטער נאַפּט, אָט מען עם געפֿרעגט, אין וואָס ער וועט עס טראָגן, אָט ער אַרונגעגנימען דעם היט אין אָט געזאָגט, אַז מע זאָל אים אַהין אַרײַנגיסן. אָט מען אים אַרײַנגעגאָס[ן], אי[ז] מער ניש אַרײַן ווי אַ האַלבער ליטער. אָט מען עם געפֿרעגט, ווי אַהין זאָל מען אַרײַנגיסן דעם אַנדערן האַלבן ליטער, אָט ער איבערגעדרייט דעם היט אין ער האָט געהייסן אַרײַנשיטן די אַנדערע האַלבע ליטער. אַזוי ווי מי האָט איבערגעדרייט דעם היט, האָט זיך אויסגעגאָסן די ערשטע האַלבע ליטער. אין אַזוי איז ער אַוועק אַהיים. ווי ער איז געקימען אַהיים, אָט אים די מיטער געפֿרעגט, ווי ער האָט דעם ערשטן האַלבן ליטער. האָט ער געזאָגט, ער אָט עס אָף דער אַנדערער זײַט. אָט ער איבערגעדראַיט דעם היט, דערוואַל האָט זיך אויסגעגאָסן די האַלבע ליטער, אין ער האָט גאָרנישט געהאַט.

55. [אַ מסורה וועגן אַ תקיעת־כּף]

ס׳זענען געווען צוויי פֿרײַנד, בחורים, האָבן זיי זיך געגעבן ס׳וואָרט, אַז איינער אָן דעם צווייטן זאָל נישט גיין חתונה האָבן, און טאָמער יאָ, זאָל איינער בעטן דעם צווייטן אויף דער חתונה.

איז איינער פֿון די בחורים געשטאָרבן, און דער אַנדערער איז דערנאָך געגאַנגען חתונה האָבן. איז ער פֿריִער מיט מענטשן אַרויסגעגאַנגען אויפֿן הייליקן אָרט אַרויס און איז געגאַנגען בעטן זײַן פֿרײַנד אויף דער חתונה. נו, ווי ער איז צוגעקומען צו זײַן פֿרײַנדס קבֿר, האָט זיך געעפֿנט אַ טירל אין קבֿר, און מע האָט אים אַרײַנגערופֿן אויף פֿינעף מיניט. און ער האָט פֿאַרבראַכט די פֿינף מינוט מיט זײַן חבֿר גאַנץ פֿײַן. נאָר אַז ער איז אַרויסגעקומען, האָט ער קיינעם פֿון זײַנע מענטשן שוין מער ניט געטראָפֿן. ווען ער האָט נאָר געפֿרעגט אויף זיי, האָט מען געזאָגט, אַז מען ווייסט נישט. דערנאָך האָט ער באַגעגנט אַן אַלטן מאַן, אַ זקן. פֿרעגט ער אים. זאָגט דער אַלטער מאַן: „יאָ, איך געדענק עפּעס, מײַן זיידע האָט מיר אַ מאָל דערציילט, אַז ווען ער איז געווען אַ קליין ייִנגל, האָט ער געהערט, אַז דער חתן איז פֿאַרשווּנדן געוואָרן. און מען האָט נישט געוויסט, וווּ ער איז אַהינגעקומען.“

56. [אַ מסירה וועגן אַן אײַנגעזונקענעם קלויסטער]

באַ אונדז אין שטעטל איז געשטאַנען אַ קלויסטער. איז געווען זייער אַ גרויסער תּנאַ און יום ולילה געזעסן און געלערנט. אַז ער איז געשטאָרבן, האָט מען עם פֿאַרבײַגעטראָגן די צערקווע. האָבן די גוי[י]ם אָנגעהויבן קלי[נ]גען אויסצולאַכן דעם ייִדן, וואָס ער איז אַזאַ צדיק און זיי קלינגען פֿאַר אים. אָט ער זיך אופֿגעהייבן און געבעטן באַ גאָט, אַז די צערקווע זאָל אײַנגעזינקען ווערן. איז די צערקווע אײַנגעזינקען געוואָרן.